# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# יצחק לשוח
על
## קדושת בית המדרש
## דיניו ומנהגיו
אידיש

**465**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# ספר

# יצחק לשוח

## על קדושת בית המדרש

**חיבור הנוכחי מטרתה להקל מעול הציבור לדפדף בספרי הפוסקים לידע דינים היותר נחוצים ורגילים בנושאי עניית אמן ויהש"ר וכו', אשר בלעדן א"א לקיים מצות קדיש ואמן, וחזרת הש"ץ, וקרה"ת אפילו כיהודי פשוט כאשר עיני כל תחזינה משרים.**

**מכיל:**

א. תורת ישראל הלכות קריאת התורה
ב. קריאת השמות לעלות לס"ת
ג. דיני וסדר הוספות לקרה"ת
ד. זקן ישראל בהלכתו בענין גלוח וגידול הזקן.

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
**„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס.**

ברוקלין יצ"ו שנת תשמ"א

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

# מכון להוצאת
# ספרי יהודה וישראל



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי׳
,,מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
בנשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס** שליט״א
אבדק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונכבדים.

## אן אוצר אין א אידישער שטיב

**אני מבקש שתשלחו לי הספרים הנרשמים:**

✡ ✡ ✡

**סך הכל**

☐ **נפש ישעי׳**
על מאכלות אסורות, **בלה״ק ואנגלית,**
525 ע׳ . ........ **$12** ______

☐ **שו״ת זבחו זבחי צדק**
על הל׳ שחיטה ובדיקה, **בלה״ק,** עם קו׳ **שמחת שלום** על הל׳ חופה וחתונה, **באידיש,**
96 ע׳ . ........ **$4.50** ______

☐ **מנחת יהודה**
על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו״ם, עם קו׳ **מדריך לצניעות, באידיש,**
128 ע׳ . ........ **$5.00** ______

☐ **אהלי ישראל**
הדרכות ליושבי באנגלאס, עם קו׳ **דבר משה** על הרבה מנהגי ישראל, **באידיש,**
128 ע׳ . ........ **$4.75** ______

☐ **מנוחת שלום**
הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות, **באידיש,**
128 ע׳ . ........ **$4.75** ______

☐ **אפיית המצות השלם**
כרך א׳ (ג׳ חלקים), **בלה״ק,**
520 ע׳ ........................................ **$6.00** ________

☐ **אכילת מצות בישראל**
כרך א׳ (ז׳ חלקים), כולל כל דיני ומנהגי לילי הסדר ונלוה לו כל ה׳ פסח בלשון צח וקצר, **בלה״ק ,**
192 ע׳ ........................................ **$6.00** ________

☐ **קדושת ישראל השלם**
הל׳ יחוד, עם קונ׳ **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות, מלוקט משו״ע עד אחרון שבאחרונים, **באידיש,**
192 ע׳ ........................................ **$4.95** ________

☐ **אכילת התרנגולים כהלכתה**
ד׳ חלקים, בענין זריקת התרנגולים, מגלה סודות עמוקים של חששות רציניים מאיסור נבילה וטריפה החמורה מאוד שבשבילה עלולים רבבות נפשות הטהורות מישראל להתפטם במאכלות אסורות, עם קו׳ **אור הצניעות בישראל,** וקו׳ **צניעות ישראל כהלכתה, בלה״ק, אידיש ואנגלית,**
160 ע׳ ........................................ **$6.85** ________

☐ **המשפט בישראל כהלכתה**
ביאור מקיף בענין ״דין תורה״ בישראל, עובדות מחרידות, זעקת שוד ושבר מדמעת העשוקים הנעשקים ע״י הבוררים הידועים לשמצה, לגלות פניהם של הצבועים ולפרסם החנפים, וליתן סוף למעשיהם הרעים.
עם קו׳ **ממון ישראל כהלכתה** בענין חומר האיסור והעונש של לקיחת ממון שלא ביושר, ועוד, **בלה״ק,**
64 ע׳ ........................................ **$3.00** ________

☐ **זקן ישראל כהלכתה**
בענין גילוח וגידול הזקן,**באידיש,**
16 ע׳ ........................................ **$1.00** ________

☐ **עניית אמן כהלכתה**
בענין אמירת אמן ויהש״ר, **בלה״ק,**
32 ע׳ ........................................ **$1.00** ________

☐ **מדריך לעניית אמן**
בענין הנ״ל, **באידיש ולה״ק,**
32 ע׳ ........................................ **$1.00** ________

☐ **קול יעקב**
קריאות שונות שנכרזו בעניני פרצות שונות, מיסודי הדת בימינו אלה, בענינים המתרחשים יום יומית, **באידיש ולה״ק,**
32 ........................................ **$1.00** ________

☐ **מצות סת״ם השלם — דיניו ומנהגיו,**
ה׳ חלקים, והוא **מדריך** לכתיבת וקניית ס״ת, תפילין ומזוזות, ועוד, **באידיש,**
170 ע׳ ........................................ **$4.75** ________

☐ **השבת בישראל כהלכתה**
מבאר כי שמירת השבת הוא יסוד קדושת ישראל, וגודל הפגם והנזק המגיע לנפש וגוף האדם המחלל קדושת השבת ח״ו, ושכר הגדול בזה ובבא המעותד לשומרי שבת, עם קו׳ **שמירת שבת כדת** לקוטי דינים השכיחים להלכה ולמעשה, **בלה״ק**,
112 ע׳ ........ $3.75 ______

☐ **מזוזת ישראל כהלכתה**
גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארה״ב, **באידיש ואנגלית**,
48 ע׳ ........ $1.50 ______

☐ **ונאמר אמן — יצחק לשוח**
על קדושת בית המדרש, דינים נחוצים בענין עניית אמן ויהש״ר ועוד, **באידיש**,
224 ע׳ ........ $5.95 ______

☐ **ונאמר אמן — עניית אמן כהלכתה**
עם קו׳ **מזוזת ישראל כהלכתה**, **באידיש**, **לשה״ק ואנגלית**,
128 ע׳ ........ $4.95 ______

☐ **גדולי יצחק מצות ציצית — דיניו ומנהגיו**, **באידיש**,
64 ע׳ ........ $1.75 ______

☐ **חלב ישראל כהלכתה**
ח״ג מספר נפש ישעי׳ על מאכלות אסורות, מבוססת להאיר עיני בני ישראל מציאות המצב בנושא חלב שחלבו עכו״ם ואין ישראל רואהו, במקומות שיש חוק הממשלה לאסור באיסור חמור לבלי לערב משהו מחלב טמא לתוך חלב טהור. בירור המציאות שמערבין חלב טמא בכל מקום. חיבור הנוכחי נחוץ מאוד לכל בר ישראל בכלל לרבנים מנהלים ומשגיחים בפרט. בלה״ק,
128 ע׳ ........ $4.75 ______

☐ **שולחן ישראל כהלכתה**
כל דיני הכנסת אורחים, **באידיש**,
64 ע׳ ........ $1.75 ______

**דמי משלוח 7%** מהזמנה ........ $. ______

סך הכל ______

**הערת המערכת.** הספרים לא ישלחו בחוצות רק אחרי קבלות המעות בדמי קדימה ולא בהקפה כלל.

השם ______ הכתובת ______

העיר ______ המדינה ______

# ספר
# יצחק לשוח
## על קדושת בית המדרש

**חיבור הנוכחי מטרתה להקל מעול הציבור לדפדף בספרי הפוסקים לידע דינים היותר נחוצים ורגילים בנושאי עניית אמן ויהש"ר וכו׳, אשר בלעדן א"א לקיים מצות קדיש ואמן, וחזרת הש"ץ, וקרה"ת אפילו כיהודי פשוט כאשר עיני כל תחזינה משרים.**

**מכיל:**


א. וויכטיגע דינים וועגען הייליקייט פון שוהל
ב. דער איסור אין שטראף פאר רעדען אין שוהל
ג. דער גרויסער באלוינונג פאר זאגן אמן
ד. דער גרויסער שטראף פאר נישט זאגן אמן
ה. חינוך צו זאגן אמן
ו. יאר צייט
ז. זכות הרבים
ח. וויכטיגע דינים ביי קדיש
ט. וויכטיגע דינים וועגען ברכו א"ה המבורך
י. ארויסזאגן דעם נאמען פון באשעפער
יא. ברוך הוא וברוך שמו
יב. אמן יתומה — חטופה — קטופה
יג. אמן — יהש"ר און ברכות — ריכטיג אין קלאר ארויסזאגן
יד. נאך וויכטיגע דינים ביים נאכזאגן אמן
טו. חינוך צום דאווענען
טז. געקליבענע וויכטיגע דינים פון דאווענען
יז. וויכטיקייט פון כוונה
יח. געקליבענע וויכטיגע דינים פון קר"ש
יט. דאווענען פון א סידור מדויק — ונוסח שמונה עשרה
כ. וויכטיגע הלכות וועגען ברכות התורה
כא. וויכטיגע דינים וועגען ברכות זאגן



**ברוקלין יצ"ו שנת תשמ"א**

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים


*Printed in U. S. A. by*
EDISON LITHOGRAPHING AND PRINTING CORP.
יצחק אייזיק גראס
418 West 25th Street
New York 1, N. Y.

דפוס הדר
**EXCELLENT VARITYPER & PRINTER**
**195 Lee Ave., Brooklyn, N.Y. 11211**
**Tel.: (212) 384-4249**

# קונטרס
# יצחק לשוח

## על קדושת בית המדרש

## וויכטיגע דינים וועגן הייליקייט פון שוהל

### דער חיוב פון אפהיטן דאס הייליקייט פון שוהל איז מן התורה (סמ"ג, סמ"ק, יראים, חפץ חיים עשין ז').

## פרק א

א) מ'טאר נישט ארום-שטיפען (לאכען) און רעדן דברים בטלים אין די שוהלען (או"ח סי' קנ"א ס"א).

ב) דער איסור פון רעדן לשה"ר — ליצנות — רכילות — דברים בטלים, מיט מחלוקת איז פיל גרעסער און דער שטראף פיל ערגער אויב מ'טוט דאס אין שוהל, מ'פארשעמט די שכינה הק' אין זיין פאלאץ, און מ'איז נאך מכשיל אנדערע מענטשן מיט-צוהעלפן מיט די מחלוקת און די איבריגע אויבענדערמאנטע איסורים (מ"ב סק"ב). דער אנהייבער וועט באקומען זיין שטראף קעגן אלע אנדערע, (שם).

ג) דער וואס פערשעמט דעם חבר אין ביהמ"ד בעפאר'ן ס"ת הייסט "אפיקורס" (מ"ב קנ"א ב').

ד) דער ג-טס פארכטיגער מענטש זאל אכטונג געבן נישט צו רעדן קיין שום דברים בטלים (איבריגע רייד) אין שוהל נאר תורה און תפלה (מ"ב סק"ב).

ה) מ'טאר נישט עסן און טרינקן אין ביה"מ (קנ"א ס"א).

ו) מ'טאר זיך נישט פוצען און אויסצירן דארט (סי' קנ"א ס"א).

ז) מען טאר נישט נוצן דעם ביהמ"ד פאר שפאציר (שם).

ח) מ'טאר נישט נוצן דעם ביהמ"ד פאר שוץ קעגן היץ, קעלט, אדער רעגן. (שם).

ט) תלמידי חכמים וואס לערנען אין ביהמ"ד בקביעות מעגן עסן און טרינקן דארט כדי זיי זאלן נישט מוזן מבטל תורה זיין און אהיימגיין, אבער אנדערע טארן נישט (שם, ועי' מ"ב ובה"ל שם).

י) מ'טאר נישט מאכן קיין שום חשבונות אין ביהמ"ד און קיין שום אסיפות מיט באראטונגען נאר פאר מצוה צוועקן צום ביישפיל צדקה, א.ד.ג. (שם).

יא) מ'טאר נישט מספיד זיין דארט נאר גדולי ישראל, און תלמידי חכמים (שם).

יב) אויב איינער מוז אריינגיין אין ביהמ"ד איינעם רופן זאל ער אריינגיין עפעס לערנען אדער זיצן אביסל און נאכדעם זאל ער יענעם רופן (שם), אבער נישט פארקערט, קודם רופן יענעם און נאכדעם לערנען (שם).

יג) מ'טאר נישט שלאפן אין שוהל, נאר א ת"ח וואס לערנט דארט בקביעות (סעי' ג').

יד) די וואס מאכן סעודות מצוה אין ביהמ"ד האבן זיך אויף וועמען צו פארלאזן (מ"ב ס"ק כ').

טו) מ'טאר נישט אריינגיין אין ביהמ"ד כדי ארויסצוגיין פון די צווייטע זייט, קורצער צו מאכן דעם וועג נאר מיט די עצה פון פריער או' י"ב (סעי' ה, ובה"ל שם).

טז) מען מעג שפייען (לרוק) אין ביהמ"ד אבער מען זאל עס גוט צורייבן מיט די פוס (סי' קנ"א סעי' ז').

יז) די קליידער וואס מ'גייט דערין אין ביהמ"ד זאל נישט האבן קיין פלעק אדער שמוץ (סעי' ח').

יח) קיין שום בית הכסא זאל נישט זיין העכערן בית המדרש (סעי' י"ב ובט"ז).

יט) דער ט"ז האט געהאט צער גידול בנים צוליב דעם (שם).

כ) א ירא שמים זאל אכטונג געבן אז זיין שלאף צימער זאל נישט זיין העכערן ביהמ"ד בפרט העכער דעם ארון הקודש (מ"א ומ"ב סוף הסימן).

כא) מ'טאר נישט שרייען אין שוהל אפילו אויב מ'וויל איינעם רופן פון דער ווייטענס, אדער מ'וויל איינעם שטערן פון טוהן וואס מ'טאר נישט (פלא יועץ ערך בה"כ).

כב) די אלע וואס רעדן איבריגע רייד אין שוהל אדער שטיפען ארום מיט געלעכטער און ליצנות אין שוהל ביים דאווענען, ווי און ביטער פאר זיי וואס זיי האלטן צוריק די קינדער פון עולם הבא (סמ"ק מצוה י"א).

כג) דער וואס טראכט אין ביהמ"ד ביים דאווענען וועלטלעכע זאכן איז עובר דעם איסור פון השגת גבול (חרדים פ"ה).

כד) די וואס רעדן אין בית המדרש ווען מ'דאווענט איז זיכער אז זיי וועלן פאר'משפט ווערן מיט צואה רותחת (כה"ח סי' ד' ס"ק ע"ו).

כה) מ'דארף זיין פארציטערט איידער מ'גייט אריין אין שוהל דאס העלפט שטארק צו צום שלימות (גאנצקייט) פון מענטש, און צו השגה [העכערע דערגרייכונגען] (מהרח"ו זלה"ה בריש שער הכוונות).

כו) עס איז א מצוה צו לויפן ווען מ'גייט אין שוהל דאווענען, און אזוי אויך צו יעדע דבר מצוה אפילו שבת (או"ח סי' צ' סעי' י"ב).

כז) אין שוהל טאר מען נישט לויפן מ'מוז גיין מיט פחד און מורא (מ"א ס"ק כ"ד).

כח) אויב עס איז דא צוויי בתי מדרשים אין שטאט איז א מצוה צו גיין צו די ווייטערע ווייל מ'באקומט שכר (באלוינונג) פאר די טריט (מ"א ומ"ב סי' צ' ס"ק ל"ז).

כט) אבער ביים אוועקגיין פון ביהמ"ד טאר מען נישט לויפן, און אפילו גיין מיט גרויסע טריט נאר אויב מ'גייט אוועק צוריק־צו־קומען, אדער מ'לויפט פון דארט צו א שיעור פון תורה (מ"א, מ"ב, פמ"ג שם סעי' י"ב).

ל) לויטן פסק דין פון איין אין זיבציג (71) גאונים וצדיקים בערך 120 יאר צוריק טאר מען נישט אריינגיין אין א ביהמ"ד דאווענען אויב אין שוהל געפונט זיך איינע פון די ווייטער־דערמאנטע זאכן:

א) אויב דער בימה איז נישט אינמיטן ביהמ"ד.

ב) אויב דער שוהל איז געבויט ווי א טורעם.

ג) אויב דער ש"ץ האט ספעציעלע קליידער.

ד) אויב דער מחיצה צווישן מענער און פרויען איז געמאכט אויף דעם אופן אז מ'קען אריבער־זעהן.

ה) אויב עס איז דא א קאהר.

(ס' מעשה אבות בשם תקנת ע"א זקני הדור באסיפת מיהאלאוויטץ).

* * *

## פרק ב

## דער איסור און גרויסע שטראף פאר רעדן אין שוהל

א) דער וואס רעדט דברים בטלים (ק"ו דברים אסורים אזוי־ווי לשה"ר, רכילות, ליצנות, ניוול פה) אין שוהל ווי איז פאר אים — ער ווייזט אז דער באשעפער איז ח"ו נישט דארט און ער האט נישט מורא פון אים — ער איז מבזה די שכינה הק' — און ער האט נישט קיין חלק באלקי ישראל (זוה"ק תרומה קלא: — וע"ע במהר"ם שי"ף פ' ואתחנן באורך ביאור הזוה"ק).

ב) עס איז איינע פון די זאכן וואס האלט אונז אין גלות (זוה"ק אחרי ע"ה: מורא מקדש ב').

ג) דער וואס וויל תשובה טוהן אויף זיין רעדן אין שוהל (אפילו נישט בשעת'ן דאווענען) זאל ער זיצן אויף איין פלאץ מיט מורא און דאווענען בכוונה פאסטן פערציג טעג, און זיך לאזן געבן מלקות יעדן טאג בצינעה (ראשית חכמה שער התשובה פ"ו, עמק המלך בשם האריז"ל).

ד) עס איז א מצוה צו זיצן אין ביהמ"ד מיט מורא און הכנעה וועגן פחד פון השי"ת וואס רוהט דארט (חרדים פ"א במ"ע התלויות בלב ואפשר לקיים בכל יום).

ה) מען טאר זיך נישט פירען אין בית המדרש מיט קלות, צ.ב.ש. שטיפעריי — געלעכטער — דברים בטלים — (מגילה כט., שו"ע או"ח סי' קנ"א א', חרדים שם, ס"ח סי' ח"י, רוקח).

ו) דורך פירן זיך מיט קלות אין ביהמ"ד ווערן די בתי מדרשים פארוואנדעלט אין הייזער פון עבודה זרה (מ"א שם בשם הסמ"ק).

ז) אפילו שמועסן וואס פעלט אויס צו פרנסה איז אסור (פמ"ג סי' קנ"א ומ"ב שם — וכ"כ בחרדים פ"א במ"ע מן התורה התלוי בלב בשם הרמ"ק והאריז"ל).

ח) קינדערישע געשפילעכץ איז א גרויס איסור אין ביהמ"ד (של"ה בבאה"ט קנ"א ה').

ט) דער אריז"ל האט נישט גערעט אין שוהל אפילו מוסר און תשובה טאמער וועט דאס צוברעגנען וואכעדיגע רייד (כוונת האריז"ל מובא באחרונים סי' קנ"א).

י) די עבירה פאר שמועסן איסור'דיגע רייד אין שוהל איז פיל גרעסער ווי ביי א צווייט ארט ווייל ער זינדיקט אין הויז פון באשעפער, און נאך א טעם ווייל מענטשן קוקען און לערנען זיך אפ (זוה"ק ויקהל, מ"ב קנ"א סק"ב, וע"ע להלן).

יא) די וואס קריגן זיך (בעלי מחלוקת) פארן ספר תורה האבן דעם דין פון אפיקורסים און פארלירן זייער חלק עולם הבא (שו"ת מהרי"ו סי' קנ"ב, שו"ת מהרי"ש סי' ט"ז).

יב) דער וואס האט געשמועסט אין שוהל וועט מען לעתיד ארומנעמען זיין קערפער מיט דערנער (בעל הטורים תבא עה"כ ולתתך עליון).

יג) וויי — ביטער — און שלעכט וועט זיין לעתיד פאר אלע וואס האבן גערעדט אין ביהמ"ד (ס"ח סי' ח"י, ובזוה"ק ויקהל הפליג מאד בעונשו רח"ל).

יד) מען זאל זיך אפלערנען פון די גוים וואס שטייען מיט פחד און מורא ווי שטומע מענטשן אין זייערע געבעט הייזער צו זייערע געטשקעס וואס קענען נישט הערן — רעדן — און זעהן, פשוטע שטיינער און קלעצער, אבער אונז וואס מיר האבן די זכיה צו שטיין פארן מלך מלכי המלכים הקב"ה אודאי און אודאי אז מיר דארפן שטיין פאר אים מיט פחד, מורא און ציטערניש (ס"ח סי' ח"י, סמ"ק, כלבו, חרדים שם, סידור האריז"ל בהקדמה).

טו) און דערפאר ווייל גוים פירן זיך ארענטליך אין זייער תפלה האט כביכול השי"ת נישט קיין תירוץ קעגן דעם מקטרג, און השי"ת געט רשות פאר די מלאכי חבלה חרוב צו מאכן די וועלט (הגן ודרך משה יום ח').

טז) דער גאון וקדוש בעל תוס' יו"ט זצ"ל האט איינגעפירט צו מאכן א "מי שבירך" יעדן שבת פאר אלע וואס רעדן נישט אין שוהל דברים בטלים צוליב די מורא'דיגע הריגות פון יאר ת"ח ווי א האלב מיליאן אידן זענען אומגעקומען, און פון הימל האט מען אויסגעזאגט אז דאס אלעס איז געקומען דורכן שמוסען אין ביהמ"ד (מורא מקדש להק' רב ייבא זצ"ל).

יז) די קדושה פון ביהמ"ד איז פוהל הארבער פון די קדושה פון א שוהל (יור"ד סי' רמ"ו סעי' י"ז).

יח) די גדולים האבן זיך צוזאמענגענומען און געמאכט א חרם מען זאל נישט שמועסן אין ביהמ"ד (חרם דר"ת בצירוף שאר רבנים — מובא בבאר הגולה סו"ס של"ד).

יט) אויב מען וויל זיך מיט די קליינע קינדער ראטעווען פון מיתות משונות רח"ל זאל מען אכטונג געבן נישט צו רעדן אין ביהמ"ד (סה"ק הגן ודרך משה יום ט').



## כי הם חיינו וארך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה

מורי ורבותי! נאך דעם וואס איך האב שוין צענדליגע מאל מעורר געווען און ציטירט מאמרי חז״ל וואס שרייבן אז פאר נישט זאגן אמן וועט מען פארווארפן ווערן אין טיפסטען פלאץ פון גיהנום (שאול תחתית) אויף אייביג וועט איר זיך שוין נישט קענען פארענטפערן נאך 120 יאר אז ענקער רב איז שולדיג ווייל ער האט נישט גענוג מעורר געווען, — אסאך צייט מיט ענערגי האב איך געספענדעט ביי יעדען דאווענען 3 מאל א טאג מעורר געווען וועגען דעם ענין, דערפאר אויב איר טוט נישט קיין תשובה און פון היינט אן נישט צו רעדען מער ביי קדיש קדושה וקרה״ת וועט איר זעלבסט געשטראפט ווערען מיט דעם ביטערען עונש, ואני את נפשי הצלתי.

מורי ורבותי! נאך דעם וואס איך האב שוין צענדליגע מאל מעורר געווען און ציטירט מאמרי חז״ל וואס שרייבן אז פאר נישט זאגן אמן וועט מען פארווארפן ווערן אין טיפסטען פלאץ פון גיהנום (שאול תחתית) אויף אייביג וועט איר זיך שוין נישט קענען פארענטפערן נאך 120 יאר [illegible] שולדיג ווייל ער האט נישט גענוג מעורר געווען, — אסאך צייט מיט ענערגי האב איך געספענדעט ביי יעדען דאווענען 3 מאל א טאג מעורר געווען וועגען [illegible] ענין, דערפאר אויב איר טוט נישט קיין תשובה און פון היינט און נישט [illegible] קדיש קדושה וקרה״ת וועט איר זעלבסט געשטראפט ווערן [illegible] עונש, ואני את נפשי הצלתי.



[illegible] רב [illegible] א דרשה [illegible] אין פון. מ׳יל גייט אויס די דרשה מורי ורבותי וכו׳.

כ) די שכינה הק׳ האט נישט קיין מנוחה נאר אין די אידישע שוהלען און דורך די מענטשן וואס רעדן דארט מוז די שכינה הק׳ פארלאזן דאס ביהמ״ד, אך און ווי איז פאר אים וואס האט דאס צוגעברענגט, און דעריבער וועט ער געשטראפט ווערן אז ער וועט אריינפאלן אין די הענט פון אכזריים און ער וועט נישט האבן קיין מנוחה, רח״ל, וועגן דעם זאל יעדער איד אכטונג געבן און דאמאלטס וועט זיין נשמה לייכטן ביז גאר אויף יענע וועלט (אור צדיקים עמוד העבודה פי״ב בשם זוה״ק תרומה).

כא) די וואס שמועסן אין ביהמ״ד דברים בטלים ווי פאר זיי און זייערע נשמות ווי־אזוי קענען זייערע תפלות ארויפגיין אין הימל נאכדעם ווי עס איז פארפלעקט מיט זינד, אין קטיגור נעשה סניגור (ווי העמודים להגה״ק מוהר״ר שעפטיל זצ״ל בן השל״ה ז״ל).

כב) אויב א מענטש וויל וויסן אויב ער איז א ״בן עולם הבא״ (אויב צב״ש ער שטארבט יעצט וועט ער זוכה זיין צו עולם הבא) זאל ער נאכטראכטן וואס זיינע שמועסן זענען, אויב ער היט זיך פון דברים בטלים און רעדט דברי תורה (אויסער וויפיל עס פעלט אויס צום לעבן) איז דאס דער בעסטער באוויז, ווייל דער וואס רעדט שטענדיג ״דברים בטלים״ אפילו ער איז א גרויסער מצוה, טוער, ברענגט ער אריין דורך זיינע איבריגע רייד זיין נשמה אין די סטרא אחרא רח״ל (ערבי נחל בראשית, עה״כ ויצו ה׳ אלקים).

כג) ביי טייל עבירות וועלכע זענען א פארגענוגען פארן מענטש קען דער מלאך נאך זוכן א לימוד זכות, אבער שמועסן אין שוהל וואס איז קיין שום פארגענוגען נאר בלויז נאכגעגעבן פארן יצה״ר איז איר שטראף געוואלדיג גרויס, עס איז פונקט ווי דינען עבודה זרה, וואס איז בלויז מעשה יצר (דיבורי קודש דף ל״א).

כד) יעדעס ווארט וואס ווערט ארויסגערעדט אין ביהמ״ד באשאפט א שלעכטן מלאך, און ער ווערט באטראכט אין הימל ווי ער וואלט אויפגעהאנגן א צלם אין שוהל (שער בת רבים פ׳ ויצא, עה״כ אי״ז כ״א בית אלקים, בשם ס׳ חרדים).

כה) ליידער איז דאס ״קלות ראש״ באזונדער שטארק אין די פרייליכע טעג ווי פורים, שמחת תורה, יום טוב, וואס צוליב פרייליכקייט לאכט מען ארום מער ווי געוועינליך, צוזאמ־ געפלאכטן מיט ליצנות, לשה״ר, א.א.וו. און דורכדעם טוט מען גרינגשעצן דאס הייליקייט פון בית המדרש וואס איז ווי א קליין בית המקדש׳ל (חרדים, מובא שם).

כו) ליידער ליידער ווערט מער און מער איינגעריסן דאס גרינגשעצונג צום ביהמ״ד אפילו אין די וואכענטעג, אבער אין די יום־טוב זמנים גייט דאס צולאזנקייט אריבער אלע גרענעצען, דאס הויכע שמועסן, שטיפעריי — און געלעכטער טרייסלט אויף יעדן איידעלען איד וואס קוקט דאס צו מיט די אויגן, און נישט בלויז וואס עס איז קיין שום מצוה פון ״שמחת יו״ט״ וועלכע באדייט גאר עפעס אנדערש, איז מען נאך גלייכצייטיג א חוטא ומחטיא הרבים צוליב מערערע טעמים:

א) די דאווענער׳ס ווערט שטארק געשטערט פון דאוונען און אמירת אמן.

ב) דאס ערנסטקייט פון הייליגן יום טוב ווערט פארוואנדלט אין הולטייען רח״ל.

ג) עס מאכט דעם איינדרוק ווי יום טוב וואלט באדייט שמועסן און לאכן, עסן און טרינקן און נישט מער, להבדיל ווי די גוי׳ישע חגאות.

ד) די קינדער ווערן ערצויגן מיט גרינגקייט צום יום טוב, אנשטאט צו האבן דאס געפיל פון ערנסט מיט פריילֿיכקייט צוזאמענגענומען.

ה) עס איז א מורא׳דיג חילול כבוד השכינה צוליב דעם וואס מיטן גרינגהאלטן דעם יו״ט ווערט זי אויסגעדרייט אין די פונקט פארקערטע ריכטונג צוליב וועלכע זי איז באשטימט געווארן, לויט ווי דער טור (או״ח תקכ״ט) שרייבט: איז דער ציהל פונ׳ם יו״ט צו געבן א געלעגנהייט פאר יעדן אראפצו־ווארפן דאס וואכעדיגקייט, פארגעסן אלע דאגות און צרות וועלכע זענען א אפהאלט פון באשעפער׳ס דינסט, און מיט א פרייליך געמיט דינען און ליבן דעם באשעפער, אבער די אלע וועלכע קומען אין ביהמ״ד פארטרייבן צייט מיט שחוק וק״ר. נישט בלויז וואס זיי רייסן אויס די עיקר מצוה פון יו״ט מיט אירע ווארצלען דורכדעם וואס זיי טוען דאס פארקערטע ווי מען דארף, נאר גלייכצייטיג נעמען און פארוואנדלען עס אין הולטיי־ישקייט — און צוליב דעם איז זייער עבירה דאפעלט און דרייפאכיג מער פון אינמיטן יאר.

ו) דאס מבטל זיין פון זאגן פיוטים צוליב שמוסעריי ברענגט קצירת ימים (עי׳ ב״ח סי׳ ס״ח, ונימוקי או״ח שם — המו״ל).

ז) דאס ליינען (קרה״ת) מיט ברכות התורה ווערט שטארק געשטערט.

ח) די איינציגע צייטן פון יאר וועלכע זענען פארבליבן אינעם גלות אויף אביסל התבוננות אין חשבון הנפש ווערן צובראכן.

ט) לויט די חז״ל זענען די יום טוב טעג ״ימי הדין״ צייטן וועלכע מ׳ווערט ג׳משפט אין הימל אויף די לעבנס־וויכטיגע מיטלען, פסח — תבואה, שבועות — פרוכט, סוכות — וואסער. פארלאנגט זיך א גרעסערע מאס ערנסטקייט ווי געווענליך, נישט ח״ו דאס פארקערטע, נאכדערצו ווען מיר ווייסן אז אמן — יהש״ר צוברעכן אלע שווערע און שלעכטע גזירות ווי־אזוי קען מען אין אזא צייטן גרינג האלטן די אלע זאכן. זעלבסט־פארשטענדליך אז אויב ח״ו עס טרעפט זיך א מאנגל אין וואסער ווען מ׳שרייט און מ׳בעט רחמים זאגט השי״ת ווי זענט איר געווען סוכות, מיט וואס האט איר אנגעברענגט דעם יו״ט וועלכע איז געשטעלט אויס־צובעטן וואסער.

יא) דער ציהל פון יו״ט איז צו לערנען אז ווען מענטשן האבן פרייד און לוסט זאלן זיי עס אויסנוצן צום באשעפער׳ס דינסט, און נישט ח״ו דאס פארקערטע אויסצו־ניצן פריילֿיכע צייטן וועלכע השי״ת האט באשאנקן אויף עולם הזה מיט לייכטזיניגקייט.

צום אויספיר; דער רמב״ם שרייבט: (ה׳ יו״ט פ״ז).

ווען א מענטש פריידט זיך יו״ט זאל ער נישט ארייגעצויגן ווערן צו געלעכטער און לייכטזיניגקייט און זיך אנריידן אז מיט דעם טוט ער א מצוה, ווייל דאס איז פארעכנט פאר טיפשות און הולטיי־קייט, די מצוה פון שמחת יו״ט איז נאר א פרייד וועלכע העלפט צום באשעפער׳ס דינסט, ע״כ.

ווייטער שרייבט דער טור: (סי׳ תקכ״ט).

דער אויפפירונג פון ערליכע אידן וואס פארגעסן נישט פון באשעפער, אז אין א צייט פון פרייד דאנקן זיי השי״ת פיל פיל מער ווי געווענליך וואס ער האט זיי באשאנקן צו דערלעבן פריילֿיכע מאמענטען.

(כל הנ״ל מספר כבוד הרגל פ״ה או׳ י״א).

כז*) יעדער וואס איז אין ביהמ״ד אין די פרייליכע צייטן אזוי־ווי יו״ט — שמחת תורה — פורים, א.א.וו. ווען דאס שמועסן און געלעכטער איז שטארקער ווי געווענליך, זאל מוחה זיין (צושטערן) ווי וויט מעגליך, און לפחות ער אליין זאל זיין שטים (פלא יועץ ערך ביה״כ, וע״ע ס׳ הפנים או׳ כ״ד).

כז) דער וואס וויל לאנג לעבן זאל נישט רעדן איבריגע רייד אין שוהל, וועט ער זוכה זיין צו אריכות ימים (ייטב לב פ׳ תבא, באורך).

כח) עס איז דא א חרם פון רבינו גרשון מאור הגולה אז מען זאל נישט רעדן אין שוהל נאר זיצן מיט פארכט און ציטער (באר הגולה יור״ד סי׳ של״ד סעי׳ מ״ח, או׳ קכ״ג).

כט) די פירצה פון שמוסען אין שוהל האט צוגעברענגט אז מען זאל גרינגהאלטן תלמידי חכמים און ערליכע אידן (דברי מהרי״א עה״ת ח״ב דף ק״ב,).

ל) די וועלכע רעדן אין שוהל מיינענדיג אז ער רעדט בלויז אביסל מיט זיין שכן דאס מעג מען יא, זייער וועג איז פונקט ווי די מענטשן פון סדום (סנהדרין קט) וואס יעדער פלעגט גנב׳נען פונם פרעמדן גאסט בלויז אביסל ביז ער איז געבליבן מיט גארנישט, דאס זעלבע ביי די שמוסערס, ער רעדט אביסל און דאס זעלבע דער צווייטער און דריטער א.א.וו. ביז דער ביהמ״ד קוקט אויס ווי א שענק פון שיכורים רח״ל (וידבר משה פ׳ דברים).

לא) אין יאר תתקפ״ג האבן די גרעסטע גאונים גוזר קעווען א שארפן חרם מ׳זאל נישט רעדן אין שוהל נאר זיצן מיט אימה ויראה (ס׳ רבינו אלעזר מגרמיזא דף ע״ו).

לב) טייל מענטשן ווילן אכטונג געבן אויף דעם הארבן איסור אבער פארמאגן נישט גענוג דרייסטקייט ווען איינער רעדט צו זיי, נישט צו ענטפערן, דורכדעם פאלן זיי דורך און עס ווערט ביי זיי ווי א היתר, דער וואס פארכט זיך פון באשעפער זאל צוריק־ענטפערן ״אנטשולדיקט מיר איך רעד נישט אין שוהל״ (פלא יועץ בה״כ).

לב*) עס געהער צו די מצוה פון ״מורא מקדש״ נישט צו שרייען הויך אפילו מ׳וויל איינעם רופן אדער מוחה זיין (צושטערן) קעגן דעם וואס באגייט א עולה, נאר מ׳זאל צוגיין צו יענעם און זאגן שטילערהייט, (שם).

לג) די קרוין וואס מ׳מאכט פארן באשעפער דורכן דאווענען וועט השי״ת צוריקגעבן. אבער דער וואס רעדט אין שוהל וועט מען ארומקליידן זיין גאנצן קערפער מיט דערנער (הגן ודרך משה יום כ״ו).

לד) דורכדעם וואס מ׳רעדט אין שוהל ווערן באשאפן שלעכטע מלאכים וואס הארגענען דעם מענטש בשעת עס איז דא א מגיפה (שם).

לה) אויב מען רעדט אין שוהל איז דער שטן מקטרג און השי״ת מאכט אים נישט שטיל (שם).

לו) דער עבירה פארלענגערט דעם גלות און האלט אפ די גאולה, (שם)

לז) השי״ת שרייט אין קלאגט אויפ׳ן אידישן גלות, אבער לייזט אונז נישט אויס צוליב די עבירה פון רעדן אין שוהל, (ס׳ הישר והטוב להגה״ק מהר״צ מליסקא זצ״ל בשם רבו בעל ישמח משה זצ״ל, ח״ב דף כ״ו).

לח) עס איז צום באדויערן און ווייטיגט דאס הארץ אז צו אנדערע מצות טרעפט מען מדקדקים לרוב און פונקט דער מצוה פון שטיל זיין אין שוהל ווערט אזוי שטארק צועטרעטן מיט די פיס, פון דעם אליין איז צו זעהן ווי גרויס די מצוה איז און וויפיל נחת רוח דאס שאפט פאר כביכול השי״ת, און דערפאר לאזט נישט דער יצה״ר מען זאל דאס מקיים זיין (איינהאלטן) עס איז פארן שטן א גרויסער שאדן אז אידן זאלן שטיל בלייבן אין שוהל ווייל דאס שטילט אפ זיינע קטרוגים, און ברענגט צו אים א סוף דורך די גאולה שלימה, (שדה מלכים עמוד ט׳).

לט) דער חתם סופר זצ״ל שרייבט: (דרשות חת״ס כרך ב׳ דף ש״ט — וכ״כ מהרש״א בח״א סנהדרין לט.) השי״ת האט אונז איבערגעלאזט (מיט זיין גרויס רחמנות) א קליינע בית המקדש, דאס זענען אלע שוהלען ווי מען לערנט און דאווענט, אויב מיר פירן זיך מיט זיי הייליג דאמאלטס וועלן זיי מיט־קומען קיין ארץ ישראל, און זיי האבן שוין היינט די קדושה פון ארץ ישראל און אלע תפלות ווערן ארויפגעשיקט צום טויער פון הימל,

אבער אויב חס ושלום מיר פירן זיך מיט די שוהלען מיט בזיונות רעדנדיג דברים בטלים, דאמאלטס ווערט דער שר פון חוץ לארץ בעל הבית אין שוהל און טראגט אריבער אלע תפלות צו די קליפות רח״ל, און דאס איז פונקט ווי דינען עבודה זרה רח״ל. (וע״ע ביור״ד רמ״ז סי״ז ונו״כ שם).

מ) די סיבה וואס אידן זענען פארטריבן געווארן פון א גאנצע מדינה צוליב קריגערייי אין די שולען שבת און יו״ט (צרור המור פ׳ בהר).

מא) דער תוספות יו״ט האט איינגעפירט צו מאכן א ״מי שבירך״ יעדן שבת פאר די וועלכע רעדן נישט אין שוהל צוליב דעם וואס א האלב מיליאן מענטשן זענען אום־געקומען אין יאר ת״ח און אין הימל האט מען געזאגט אז דאס איז געווען צוליב זייער רעדן און ביהמ״ד (שערי רחמים על שערי אפרים שער י׳ סי׳ מ״ו ס״ק ס״א בשם עיר מבצר דף ל״ב).

מב) הגה״ק מוהר״ר יונתן אייבשיץ זצ״ל שרייבט (ביערות דבש ח״א סוף דרשה ט׳ לחינוך בית הכנסת): אז אין פראג זענען געווען עטליכע שוהלען וואס אזאנס האט מען נישט געזען איבער די גאנצע וועלט, און דאס אלעס איז חרוב געווארן ווייל מ׳האט גערעדט דארט דברים בטלים.

מג) מען טאר נישט רעדן אפילו אין לערנען צופריה און נאך מנחה ביז נאך עלינו (הנהגת אדם להגה״ק מהר״ד אפענהיים זצוק״ל, וס׳ הפנים אר׳ י״ז).

מד) אפילו מוסר און התעוררות זאל מען נישט זאגן אינמיטן דאווענען (ס׳ דרך משה יום כ״ד בשם האריז״ל).

מה) פאר מ׳גייט אין ביהמ״ד דארף מען אריין־נעמען אין הארץ א פחד ומורא, און נאכדעם אריינגיין מיט ציטער און פורכט און נישט רעדן פון אריינגיין ביזן ארויסגיין קיין שום איבריגע רייד, און ביים דאווענען טאר מען אפילו נישט רעדן פון לערנען, אויב דארס וועט מען פאלגן וועט מען זוכה זיין צו אלעם גוטן ברוחניות ובגשמיות און צו משיח (ס׳ ליקוטי תורה להגה״ק מהר״מ מטשרנובל זצוק״ל הדרכה ז׳).

מו) מיטן רעדן אין שוהל טרייבט מען ארויס די שכינה הק׳ וואס איר איינציגע וואוינונג ארט אין גלות איז אין די שוהלען און דערפאר וועט ער אויך געשטראפט ווערן אז ער וועט

איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די אכזרים וואס וועלן אים נישט לאזן במנוחה (אור צדיקים עמוד העבודה פ״ט בשם זוה״ק).

מז) יעדע רגע וואס א מענטש איז אין שוהל איז ער מקיים א מצוה אזוי־ווי עס שטייט אין רמב״ם (ה׳ תפלה פי״א) און אין שלחן ערוך (או״ח סי׳ קנ״א) און דערפאר טאר מען זיך נישט פירן דארט מיט שטיפעריי, איבריגע רייד, לייכטזין, א.ד.ג. ווייל אויב יא נעמט ער אוועק מיט דעם די מצוה, און אוודאי אז ער דארף אכטונג געבן ביים דאווענען אדער ליינען נישט ארויסצורעדן קיין ווארט, ליידער ליידער איז דאס זייער איינגעריסן אין אלע אידישע שטעט, מען קוקט דאס צו און מ׳טוט גארנישט, וויי און ביטער איז פאר זיי און זייערע נשמות ווי אזוי קענען זייערע תפלות ארויפגיין אויבען אויב עס איז פארשמירט מיט זינד.

דערפאר איז ראוי פאר יעדע קהלה מען זאל באשימען מענטשן וועלכע זאלן אכטונג געבן מיט ערנסטקייט, און ווארפן א מורא אויף די שמועסער׳ס, און זיי אויך פארשעמען ברבים, און דורכדעם וועט דער כבוד פון השי״ת צושפרייט ווערן אויף די וועלט. (ווי העמודים פ״י לר״ש בן השל״ה זצוק״ל).

מח)שטייט אין זוה״ק: (ויקהל דף רו.) ווען מ׳נעמט ארויס די ס״ת צום ליינען דארף יעדער זיך אנגרייטן מיט פארכט און ציטער און אויסהערן פונקט ווי ער וואלט יעצט געשטאנען אויפן בארג סיני נעמען די תורה און זיך צולייגן די אויערן גוט צו הערן, און קיינער טאר נישט עפענען דאס מויל אפילו מיט תורה כל שכן מיט אנדערע זאכן נאר שטיין מיט פחד אזוי־ווי מ׳האט נישט קיין מויל (ע״כ).

מט) יעדער ווייסט אז די תורה איז דער מקור (קוואל) פון אלע ברכות, פרידן, לעבן און דער וואס בייגט צו די אויערן צו הערן אירע ווערטער ברענגט ער אויף זיך ברכות, לעבן, פרידן, און איז מכבד מיט דעם די תורה, הייליגט השי״ת נאמען, און דער וועלכער הערט נישט דאס ליינען דערווייטערט דאס אלעס פון זיך, זיין דאווענען איז אומווערדיג, און בעסער אויב ער וואלט נישט באשאפן געווארן, און אויף אים ווערט געזאגט ״דער וואס פארשוועכט די תורה איז זיין קערפער פארשוועכט ביי מענטשן עס איז נישטא קיין גרעסער חילול השם פון דעם, און אפילו לערנען אדער טוהן א אנדערע מצוה טאר מען נישט דאמאלטס (סדר היום — קה״ת).

נ) די וואס שמועסן פון ווען מ׳נעמט ארויס די ס״ת זענען מבזה די תורה, וואס נאר אין זכות פון די תורה האלטן מיר זיך אין גלות, און די תורה איז דער גרינדשטיין און האלטונג פון די גאנצע וועלט, דעריבער דארף מען עס האלטן בכבוד ווי ווייט מעגליך, נישט אזוי־ווי די וועלכע רעדן אין רעדן און דורך זיי לערנען זיך די עמי הארץ אפ און שמוסען נארישקייטן מיט איסור׳דיגע רייד וואס דאס איז א געוואלדיגע חילול השם.

און יעדער ערליכער איד איז מחויב צו ווארענען דאס פאלק וואס פאלגן אים זיי זאלן נישט רעדן אדער עוסק זיין אין קיין שום ענין נאר צוהערן דאס לייענען, און דער וואס טוט אזוי וואויל איז אים — וואויל איז זיין חלק, ער איז מזכה דעם רבים און זיין כבוד ווערט דורכדעם דערהויבן. (סדה״י שבת — עניני קרה״ת).

נא) עס איז דא א חיוב (פליכט) צו שטיין מיט פורכט אין שוהל, א פחד וואס זאל זיך אנזעהן און דערקענען אין די מחשבה (געדאנק) דיבור (רייד) מעשה (טוהן) פון מענטש,

דערפאר דער וואס רעדט איבריגע רייד אין ביהמ״ד אפילו ווען מען לערנט נישט און דאווענט נישט, ווייזט ער אז ער האט נישט דער מורא, און זיינע דברים בטלים האבן אויף זיך א דאפעלטע איסור, (של״ה פ׳ ויצא עה״כ מה נורא).

נב) אויב איינער וויל אנהייבן שמועסן מיט דיר און די קענסט אים נישט אפשטיפען זאלסטו זיך מאכן אזוי־ווי די דאווענסט, שאקלען מיט די ליפען, און אזוי וועסטו זיי שטיל מאכן (ס׳ הקנה דף כ״ג).

נג) אין ס׳ ראשית חכמה (שער התשובה פ״ו) שטייט אויב איינער האט געטוהן די עבירה פון רעדן אין שוהל (אפילו) נישט ביים דאווענען איז זיין תשובה: ער זאל זיצן אין שוהל מיט גרויס פארכט, דאווענען מיט גרויס כוונה, פאסטן פערציג טעג און לאזן זיך שלאגן מלקות יעדן טאג.

נד) אין אונזער גלות איז דער עיקר אפהאלט פון אלע תפלות די וואלק׳ענעס וועלכע ווערן באשאפן פון דברים בטלים בפרט וואס מען רעדט אין שוהל בפרט ביים דאווענען, פון דעם ווערט א וואלקען און לאזט נישט די תפלות ארויפגיין, (יער״ד ח״א דרוש ד׳).

נה) דאס שמועסן ביים לייענען קען ברענגען צו נפילת ס״ת, (שו״ת ריב״א ח״א סי׳ כ״ז).

נו) דער האריז״ל האט נישט גערעדט אין ביהמ״ד אפילו הלכות טאמער וועט עס ברענגען צו רעדן דברי חולין (מ״א סי׳ קנ״א).

נז) דער וואס רעדט אין שוהל איבריגע רייד, כ״ש איסורים איז ער מתחייב בנפשו (עת ספוד דף כז: וס׳ הפנים דף ל״ה).

נח) מיר געפונען ביי א נפטר (טויטען) וואס האט אויסגעזאגט דעם סוד פארוואס ער האט זוכה געווען נישט פארפוילט צו ווערן צווישן די אנדערע ״ווייל ער האט קיינמאל נישט געשמועסט אין ביהמ״ד, (מדרש מובא בילקוט ראובני ערך שתיקה או׳ ט׳).

נט) רוב שטערונגען (ביטולים) וואס לאזט א מענטש נישט אינזינען האבן דאס דאווענען נעמט זיך פון דברים בטלים וואס ליגט אין הארץ, (אורחות צדיקים שער השתיקה), עס איז נישט מעגליך איינער וואס רעדט אסאך זאל זיין א ירא שמים (שם).

ס) דער וואס וויל מקבל זיין דעם עול מלכות שמים זאל נישט רעדן אין שוהל (מורא מקדש א׳).

סא) דער וואס רעדט נישט אין ביהמ״ד איבריגע רייד, זאל זיך נישט בארימען צווישן מענטשען מיט זיין פיהרונג ווייל מיט דעם פארלירט מען דעם גאנצן שכר פון עולם הבא (ס׳ הקנה דף נ״ז).

סב) די וואס זענען שוין ח״ו געשטרויכעלט געווארן אין די עבירה פון רעדן אין שוהל זאלן זיי תשובה טוהן פון היינט און ווייטער נישט צו רעדן, און דער תיקון אויפן פארגאנגענהייט וועט זיין דורכדעם וואס ער וועט אנשרייען די אלע וואס שמועסן יא ביים דאווענען וואס דאס איז סייווי א חיוב עפ״י שלחן ערוך, און דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו לאנגע יארן פאר זיך מיט די קינדער ביז אייביג (הגן ודרך משה יום ט׳).

* * *

## פרק ג

# דער גרויסער באלוינונג (שכר) פאר זאגן אמן

א) דער וואס זאגט אמן מיט זיין גאנצן כח עפענט מען אים די טויערן פון גן עדן מען צורייסט זיין גזר דין — און מען איז מוחל זיינע אלע עבירות (שבת קיט:).

ב) פון ווען א קליין קינד זאגט אמן איז ער זוכה צו עולם הבא (סנהדרין קי:).

ג) עס איז נישטא קיין גרעסערע זאך פאר השי"ת ווי "אמן" וואס אידן זאגן (דברים רבה ז').

ד) דער וואס זאגט אמן אויף די וועלט וועט זוכה זיין צו זאגן אמן לעתיד (שם ומדר"ת צו, ח).

ה) עמי הארץ וואס קענען נישט לערנען אפילו חומש און האבן בלויז דעם שכר פון גיין און שוהל און זאגן אמן איז אויך גענוג (אגדה בראשית ע"ט).

ו) די וואס זאגן אמן יהא שמיה רבא מיטן גאנצן כח, איז זייער פלאץ אין צווייטן היכל פון גן עדן (זוהר הק' ח"א לח:).

ז) דער וואס זאגט אמן מיט כוונה גייען אויף יענע וועלט הויעך פון מדריגה צו מדריגה, (זוה"ק ח"ג רפו:).

ח) דער וואס זאגט אמן מיטן גאנצן כח, און די געהעריגע כוונה, צורייסט מען זיין גזר דין וואס איז אנגעשריבן אויף זיינע זיבעציג יאר (שבת קיט: ובתוס', זוה"ק ח"ג כ., תיקוני זוהר יט. מ.).

ט) ביים זאגן יהש"ר דארף מען מעורר זיין אלע אברים (גלידער) צו זאגן מיט כח און מיט דעם צוברעכט מען די כח פון די סטרא אחרא (זוה"ק ח"ג רכ.).

י) ווען אידן זאגן אמן עפענען זיך אין הימל די טויערן פון ברכה און שמחה, (זוה"ק ח"ג רפה:).

יא) די וואס זאגן אמן און עפענען דורכדעם די טויערן פון הימל, טוט הקב"ה עפענען די טויערן פון הימל ווען זיי בעטן אין א עת צרה, (שם).

יב) ווען אידן זאגן הויעך איהש"ר ווערט השי"ת פיל מיט רחמנות אויף יעדן אפילו אויף די רשעים פון גיהנם, (זוה"ק ח"א סב:).

יג) דער גרעסטער לויב פאר השי"ת איז קדיש וואס צוברעכט די סטרא אחרא מיט אלע קליפות, (זוה"ק ח"ב קכט:, וח"ג קכט:).

יד) די וועלט שטייט אויף איהש"ר וואס מען זאגט נאכן לערנען, (סוטה מט.).

טו) ווען דער חכם דרש'נט און מען זאגט נאכ'ן לערנען אמן יהש"ר, אפילו עס איז שוין אנגעשריבן אויף אים גזירות פון הונדערט יאר איז השי"ת מוחל (מדרש רבה קהלת ט, כ. — מדרש שוח"ט משלי י').

טז) דער וואס זאגט איהש"ר מיטן גאנצן כח אפילו ער האט געהאט די עבירה פון ע"ז איז מען אים מוחל, (זוה"ק ויקרא, רע"מ דף כ.).




בס"ד

טייערע געליבטע אידישע קינדער! הערט זיך איין גוט צו מיינע ווערטער וועלכע קומען ארויס פון די טיפענישען פון מיין הארץ.

געדענקט זיסע קינדערלעך, וואס איך זאג אייך יעצט! קיינער לעבט נישט אייביג, די וועלט, דער עולם הזה, איז בלויז א דורך גאנג. אבער, דאס לעבען פון עולם הבא, יענע וועלט, מיט איהרע פיהל אומבאשרייבליכע פארגעניגענס ווערט געגעבן פאר די וועלעכע האבען זיך דאס פארדינט אויף דער וועלט.

יעצט חשובע קינדערלעך: גיב איך אייך אן עצה ווי אזוי איר זאלט זיך ראטעווען פון אלע מיני שטראף; גיהנם און פון די הענט פון די שלעכטע מלאכים, און צוציקומען צום העכסטען מדרגה פון גן עדן דורך גאר א גרינגען וועג.

דהיינו: איר זאלט זיך אלע שוין יעצט פארנעמען נישט ח"ו שמיסען ביים דאווענען. נאר, נאכזאגען שיין און הויך אמן און אמן יהא שמיה רבא מיט די ריכטיגע כוונה, סיי אין בית המדרש סיי ערגעץ אנדערשט ווי מען הערט א ברכה פון א איד.

איך בעט אייך ליבטיגע קרוינדלעך! לאזט אייך נישט פארפירען פון יצר הרע וועלכער וויל אייך איינרעדען אז עס איז צייט אנצוהויבען זיך גוט אויפפירען ווען מען ווערט עלטער. ליידער, האבן זיך פיהל אזוי איינגערעט אין אפגעלעבט אלע זייערע יארען מיט גארנישט און דורך דעם זענען זיי אויף יענע וועלט פארפאלען געווארען אין טיפסטען אפגרונט ל"ע.

אבער, די אלע וועלעכע האבען אנגעהויבען אין זייער יוגענט נאך צו זאגען אמן און אמן יהא שמיה רבא אזוי ווי מען דארף, זענען היינט ב"ה גליקלעך און זיצען מיט די גרעסטע צדיקים אין גן עדן.

מיין וואונטש איז אז איר זאלט הערען מיינע רייד, דורך וועלכעס איר וועט זיין גליקלעך אויף יענע וועלט און אויך אויף דער וועלט.

דער מלמד רעט און די צוויי הענט זענען אפען און בעט און טרערען רינען פון די אויגען.

יז) דער וואס זאגט איהש״ר איז מען אים מוחל אלע עבירות, (חרדים מצות תשובה פ״ז).

יח) יעדער צדיק האט א עקסטרע שטיב אין גן עדן לויט זיין מדריגה, און דער וואס זאגט אמן מיטן גאנצן כח עפענט מען אים די טירען פון אלע שטיבער (מהרש״א שבת קיט:, והטעם למה מגיע לעניית אמן יותר מצדיקים שהתעמלו בכל מיני תורה ועבודה עי׳ בס׳ שומר אמונים ח״ב בתחלתו).

יט) די וואס זענען געווארנט נאכצוזאגן אמן וועט מען לעתיד לבא עפענען פאר זיי אלע שטיבער פון הימל ווי מען לערנט תורה זיי זאלן קענען גיין ווי זיי ווילען, (שומר אמונים ח״ב רמז:).

כ) אלע אויבערע און אונטערע וועלטן הענגן אויף די ווארט אמן וואס אידן זאגן, דאס איז דער עיקר, שורש, און יסוד פון אלע וועלטן, (של״ה הק׳ מס׳ תמיד עניני תפלה).

כא) דער וואס הערט צו יעדע ברכה און זאגט נאך אמן בכוונה אזוי ווי דער דין איז איז גורם אויבן זייער א גרויסע קדושה, מיט געוואלדיג גרויסע גוטע השפעות אין אלע וועלטן, און א קול גייט ארויס אין הימל אז די אלע זאכן האט געברענגט דער מענטש מיט זיין זאגן אמן, (של״ה שם).

כב) דאס ענין פון אמן זאגן איז אזוי געוואלדיג גרויס אז עס האט נישט קיין גרענעץ, (של״ה שם).

כג) די וואס זענען געווארנט אין זאגן אמן היינטיגע צייטן וואס דאס איז א מת מצוה באקומט שכר (באלוינונג) קעגן די גאנצע וועלט וואס זאגן נישט, (שומר אמונים ח״ב רמ״ט:).

כד) די וואס זאגן איהש״ר וועלן זוכה זיין צו זיין אין היכל פון מלך המשיח און מקבל זיין תורה פון אים, וואס נישט יעדער וועט זוכה זיין דערצו, (שו״א ח״ב דף רנ״ז).

כה) א קינד וואס זאגט אמן ווערט אנגעקליידט א הייליגן פארכטיגן לבוש וואס אהנדעם קען ער נישט אריינגיין אין גן עדן, (שם).

כו) ווי מער מען שטרענגט זיך אהן צו זאגן מיט כח און כוונה איז מען מציל מער רשעים פון גיהנם, כל שכן די נשמות פון די עלטערן און קרובים, און כל שכן די אייגענע נשמה אויב מען וועט ח״ו דארפן אהין גיין, (שם).

כז) עס איז כמעט נישטא א זאך וואס זאל ראטעווען פון שטראף פון גיהנם אזוי ווי זאגן אמן יהש״ר הויעך מיט כוונה, (שם).

כח) דורכדעם וואס מען זאגט איהש״ר מיט כח און כוונה, הויעך, ווערט די נשמה פון מענטשן דערהויבן ער זאל ח״ו נישט מיזן גיין אין שאול תחתית, און אפילו אויב ער וועט מיזן גיין אין גיהנם וועט ער נישט דארט בלייבן נאר באלד ארויס און דאס איז דער שכר פון יהש״ר, (זוה״ק פנחס ר״כ, שו״א ח״ב דף רנ״ח).

כט) ווען מענטשן וואלטן געהאט ריכטיג שכל וואלטן זיי נישט געזוכט דאקטוירים מיט פראפעסארן צו היילן אנגעשיקטע קראנקהייטן וואס איז נישט פארזיכערט, נאר געניצט דעם אמת׳ן ריכטיגן הייל מיטעל ״זאגן אמן יהא שמי׳ רבה וכו׳ הויעך מיט כוונה״ וואס טוט

מבטל זיין אלע שלעכטע גזירות פון מענטש אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק׳, (ס׳ קדושת אמנים פ״ו, ועי׳ לעיל או׳ ח׳ ט׳).

ל) יעדן טאג ווערן באנייט שווערע שארפע גזירות אויף אידן וואס איז נישט מעגליך אויסצוהאלטן און נאר דורכדעם וואס אידן זאגן איהש״ר אין די שוהלען ווערט דאס צושטערט, (ס׳ מרכבת שלמה לר׳ ישמעאל כה״ג דף ג׳ ע״א בסופו).

לא) ווען איינער זאגט אמן יהש״ר הויעך, שארף, און מיט כוונה גייט ארויף דער שטומע אין הימל און צוברעכט מויערן מיט שלעסער, און השי״ת גיט כח פאר די מלאכים פון די אידן אזוי ווי מלאך מט״ט — מלאך מיכאל — מלאך גבריאל, מיט זייערע חברים און זיי כאפן צו נשמות פון די הענט פון ס״ם וואס אויף זיי איז שוין נגזר געווארן רח״ל געהארגעט, אדער געפאנגען צו ווערן מיט אלע מינים ביטערע צרות רח״ל,

און דאס אלעס פאסירט דורך דיין איהש״ר וואס דו זאגסט דורכדעם ביזטו מציל נשמות וואס האבן שייכות מיט דיר, עס איז דא מענטשן וואס זייער נשמה האט שייכות מיט צען טויזנט נשמות פון דור, און נאכמער, עס האט נישט קיין שייכות מיטן גרויסקייט פון מענטש, עס קען זיין א פשוטער ארבעטער (בעל מלאכה) און זיין שורש נשמה איז פון זייער א הויעך פלאץ.

און דער וואס ראטעוועט אזויפיל נשמות מיט זיין יהש״ר האט א חלק אין אלע מצות מיט מעשים טובים וואס די געראטעוועטע מענטשן מיט אלע דורות נאך זיי וועלן טוהן, (שו״א דף רנ״ט).

לב) ווען א מענטש ווערט אין כעס ווערען אים געשעדיקט די לונגען (ריאה) און עס קען ח״ו צוקומען צו א סכנה׳דיגען מצב, דערפאר איז די עצה צו זאגן איהש״ר מיט כח יענעם טאג דורכדעם ווערט דאס פארהיילט, (ס׳ בת מלך הנספח לס׳ זרע קודש).

לג) איך האב געקענט א פשוט׳ן מענטש וואס פלעגט זאגן יהש״ר הויעך און שארף און יעדער האט דערקענט אז די קדושה פון די שכינה הק׳ האט געשוועבט אויף אים, (שו״א ח״ב דף ע״ב:).

לד) הקב״ה וועט אויסרופן לעתיד ״דער וואס האט געטוהן יענע מצוה זאל קומען נעמען איר שכר״, און אזוי יעדע מצוה האט איר באשטימטע שכר און טויער אבער דער וואס וועט זאגן די אמנים אזוי ווי מען דארף וועט מען אים עפענען די טויערן פון אלע מיני מצות, (עי׳ מדרש תנחומא שמיני סי׳ ח׳, שו״א ח״ב דף רע״ג).

לה) אמן איז מעורר דעם בונד פון די אידישע נשמה צום באשעפער, צו קענען זיך באהעפטן אמת׳דיג צום באשעפער, (הגה״צ משאפראן זצוק״ל בהסכמתו לס׳ ואמרו אמן).

לו) דער וואס איז מאריך ביי אמן געט מען אים לאנגע יארן צו לעבן , (ברכות מז.).

לז) ווען אידן זאגן אמן ווערט אין הימל א התעוררות אויסצולייזן אידן פון גלות, און השי״ת זאגט ״ווען וועל איך ארויסנעמען די איבריגע אידן פון צווישן די גוים, (מדרש מובא ברוקח, ובס׳ ואמרו אמן או׳ ח״י).

לח) זאגן אמן יהש״ר מיט כח איז א גרויסע תיקון פאר חטאת נעורים רח״ל, (ס׳ הגן יום י״א ד״ה ועתה).

לט) דער מלאך סנדלפון מאכט קרוינען פארן באשעפער פון קדושה מיט יהש״ר וואס אידן זאגן, (מדרש כונן מובא בס׳ ואמרו אמן דף ל״א).

מ) דורך די אידן וואס גייען צופריה און ביינאכט אין די שוהלען און זאגן אמן וועט הקב״ה שטראפן די גוים, (תנא דב״א רבה פ״י).

מא) דער וואס זאגט ניינציג מאל אמן יעדן טאג קען כישוף אים נישט שאדן טוהן, (החיד״א במדבר קדמות מע׳ א׳ או׳ ל״ג).

מב) אין הימל איז דא דריי הונדערט זיבעציג ליכטיגקייטן וואס לייכטן אין דריי הונדערט זיבעציג וועלטן, און דער וואס זאגט אמן מיט כוונה איז זוכה צו דעם, (ואמרו אמן דף ס״ח).

מג) די וואס לויפן אוועק פון בית המדרש ווי א קינד פון חדר פאר קדיש און ברכו אפילו עפעס טוט אים וויי אדער ער איז פארקילט ר״ל וויסענדיג אבער די אלע זאכן וואס מען איז זוכה דורך אמן און יהש״ר דארף ער זיך צווינגען נישט אוועק צולאזן אפילו איינמאל דאס זאגן איהש״ר, און לויטן צער איז דער שכר גרעסער, און דורך דעם זכות וועט ער האבן א רפואה שלימה, (ואמרו אמן דף ע).

מד) דער וואס זאגט אמן מיטן גאנצן כח וועט מען אים עפענען די טויערן פון גן עדן העליון, (יפה ללב ח״ה סי׳ נ״ו).

מה) דער ספר יסוד ושורש העבודה שרייבט אזוי מיט דעם לשון: מיינע ברודער און טייערע פריינד פון פיהל פלעצער פון זוהר הקדוש קען מען זעהן ווי ווייט מען ברויך צו זאגין ערינסט אמן יהא שמיה רבא, מען זאל זיך שטענדיג באמיהען צו ענטפערין אמן, דען מיט דעם צו ברעכט מען אללע מקטריגים און די סטרא אחרא און מען מאכט זייא נידריג ביז צו דער ערד און דער הייליגער כבוד פון אונזער באשעפער ווערט גילויבט און זיין נאהמען ווערט גיגרויסט און גיהייליגט און דער־הויכט אין אלע וועלטין און דערמאנט זיך אין כנסת ישראל אין זיינע קינדער זיי אויס צו ליידין וכו׳ און פון דאנען זעהט מען אז א מענטש ברויך מיט אלע חושים און מיט אלע אברים צו דערוועקין זיך און ענטפערין מיט א גרויס קול, דען די איצטיגע צייט זענין מיר יודען אין גלות צווישן די אומות שפלים ונבזים און דער כבוד פון באשעפער ית׳ ווערט נידריג די אומות זאגין צו אונז ווי איז אונזער גאט לאז עהר אונז העלפין, נאר מיט זענען גורם צו די שאנדע מיט אונזערע חטאים וואס מיר טוען ר״ל, און די סטרא אחרא דיא מקטריגים, שטארקן זיך אויף אונז, אלע אומות זיצן בכבוד, פון זיי איז דא מלכים, דוכסים, הארין און זיי האבן אלע תענוגים פון דער וועלט און מיר יודן זענין נעבאך זייער צו שאנד און שפאט, און בוודאי ברויך יעדער ערליכער יוד צו וויינען זעהר פיל אויף דעם: נאר אזוי ווי מיר ענטפערין ערינטצט אמן יהש״ר צוברעכין מיר דעם כח פון די סטרא אחרא און דער כבוד פון השי״ת ווערט וואס א־מאהל מער גיגרויסט און השי״ת וועט אונז שיקען דעם גואל צדק אמן, דערום שרייבען די כתבי האר״י ז״ל אז בשעת מען ענטפערט אמן יש״ר זאל מען אויף זיך מקבל זיין זיך מוסר נפש זיין פאר השי״ת מיט דעם גאנצן הארץ און מיט דעם גידאנק ווערט גילויבט און גיהייליגט דער נאמען פון השי״ת אין אלע וועלטין און מיר וועלין זוכה זיין צו א גאולה שלימה במהרה בימינו אמן, (ס׳ יסוש״ה שער המזרח פ״א).




☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆

בס"ד

טייערע קינדערעלעך! ווייסט איר וואס פארא הויכע מדרגה איר זענט? און וויפיל איר קענט אויפטוהן? שטעלט אייך פאר אז בלויז פאר איין מצוה פון גמ"ח וואס א איד איז מקיים באקומט ער אגרויסען שכר אויף די וועלט און יענע וועלט.

יעצט! קלערט אריין וואס פאר א גרויסען שכר עס באקומען אינגלעך ווערלעכע דאווענען שיין און זאגען הויך ערליך אמן יהש"ר וואס מיט דעם טוט מען א גמילות חסד פאר די גאנצע וועלט, ווייל די חז"ל זאגען אז אויף דעם שטייט די וועלט, און דאס לייזט אויס אידען פון זייערע צרות און ברענגט זיי דעם גואל צדק, איר דארפט פארשטיין אז קינדער קענען שטארקער באשטראפט ווערען פאר נישט נאכזאגען אמן, צו ליב דעם וואס זיי האבען נאך נישט קיין גרויסע דאגות אזוי ווי עלטערען.

ווילט איר אז אייערע עלטערען מיט אייער גאנצע משפחה זאלען געזונטערהייט מאריך ימים זיין?

ווילט איר דערלעבען צו זעהן קינדער און אייניקלעך?

ווילט איר זוכה זיין צום גן עדן און נישט ח"ו צום גהנום?

דאמאלס האט איר נאר איין עצה נאכצוזאגען אמן יהש"ר שיין און הויך אזוי ווי מען דארף.

☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆



טייערע קינדערלעך! ווייסט איר וואס פארא הויכע מדרגה איר [illegible]
איר קענט אויפטוהן? שטעלט אייך פאר אז כלהן פאר איין מצוה פון [illegible]




[illegible] קלערט אריין וואס פאר א גרויסן שכר עס באקומען אינגלעך וועלכע [illegible] שיין און [illegible] הויך [illegible] אמן [illegible] וואס מיט דעם טוט מען א גמילות [illegible] די גאנצע וועלט, ווייל די חז"ל [illegible] אז אויף דעם שטייט די וועלט. און [illegible] אויס אידען פון וייטער צרות און [illegible] ברענגט [illegible] דעם גואל צדק. איר דארפט [illegible] אז קינדער קענען שטארקער [illegible] פאר נישט [illegible] אמן, [illegible] דעם וואס זיי האבן נאך נישט קיין גרויסע דאגות אזוי ווי [illegible] עלטערן.

ווילט אויך אז [illegible] גאנצע משפחה זאלען
געזונטערהייט מאריך ימים זיין?
ווילט איר דערלעבען צו זעהן קינדער און אייניקלעך?



ווילט איר זוכה זיין צו [illegible] נישט [illegible]?
[illegible] וואס איר נאר [illegible] אמן יהא שמי' שיין און הויך אזוי ווי
מען דארף.

מו) דער זוהר הקדוש פ׳ בראשית דף ל״ח שרייבט אז דער צווייטער היכל שטייט אינעווייניג וואס דארט לייכט און שיינט אריין פון ערשטען היכל און דער צווייטער היכל איז נאנט צו די מערה פון די אבות הקדושים וואס דא איז פאראאנען פיל דימאנטין און בריליאנטין וואס ער רינגילט זיי ארום, און אין דעם איז דא אזוי אליכטיקייט וואס ס׳שיינט אין ליכט פון כל מיני קאליערין פון אריווין און פון הינטען, אין דעם היכל זענען דארט פאראן די מענשין וואס האבין געליטען יסורים און קראנקהייטן פון דעסט וועגין האבין פארט גילויבט און גידאווינט אלע טאג און זיי האבין נישט מבטל גיוועזין זייער דאווענען קיינמאהל נעבין דעם היכל איז דא נאך אדריטער היכל וואס שיינט און לייכט זייער, **דארטין זיצן די מענטשין וואס זיי האבין גיהייליגט מיט דעם גאנצן כח דעם נאמען פון השי״ת און זיי האבין גיענטפערט אמן, און אמן יש״ר מברך מיט דעם גאנצין כח** און זיי זענען זוכה צו זיצן אין דעם ליכטיגין היכל, העכער פון זיי איז דער היכל משיח וואס ער קומט אריין און נידערט אראפ צו זיי מיט גרויס ליכטיקייט אין דעם דריטען היכל אריין צו די נשמות וואס זיי האבין נאך גיזאגט אמן און אמן יש״ר מיט דעם גאנצין כח.

מז) אין זוהר הקדוש פ׳ בראשית דף ס״ב שרייבט אין די תוספתא בזה״ל ווי איז צו די רשעים ווען זיי גייען ארויס פון דער וועלט ווער קען זיך פאר זיי מאנען ווען זיי ווערין איבער גיענפערט אין די הענד פון דעם מלאך דומה וואס זיי ברענין און פייער שטענדיג חוץ ר״ח און שבת אזוי ווי עס שטייט כו׳ אין תיכף נאך שבת ור״ח זאמלען זיך איין די מלאכי דין אין אלע פיר זייטן פון גיהנם און שרייען ישובו רשעים לשאולה גייט צוריק רשעים אין גיהנם, און זיי שלאגן און שטראפן די רשעים מורא׳דיק, נאר אין די צייט וואס אידן ענטפערן אמן און איהש״ר מברך ווערט השי״ת פוהל מיט רחמנות אויף די רשעים און מען לאזט זיי א שעה מיט א האלב אינדרויסן פון פייער דערנאך גייען זיי צוריק, און אזוי טוט מען מיט זיי דריי מאל א טאג דאמלטס ווען אידן זאגן איהש״ר, דורכדעם קען מען פארשטיין די גרויסקייט פון זאגן איהש״ר מיט כוונה ע״כ.

מח) דער וואס איז מאריך ביים זאגן אמן דער וועט האבן אריכות ימים (לאנגע יארן) [ברכות מז., זוה״ק חיי שרה דף קכ״ב ע״ב, ושלח קס״ב ע״א,].

מט) אין זוהר הקדוש פ׳ תרומה ע״ב שרייבט תא חזי קום און זעה אז די קדושה פון אמן און אמן יהא שמי׳ רבא מברך דאס גייט אויף אלע זייטן אריווין און הינטין און אלע פיער עקין פון די וועלט און עס צו ברעכט אלע שלעכטע שלעסער מיט די אייזינע חתימות פון די קליפות און די סטרא אחרא מיט דעם גרויסן שבח וואס מיט דעם שבח ווערט דער הויבין דאס טייערקייט פון השי״ת מעהר ווי פון אנדערע שבחים, און דאס איז אזוי גרויס דער ענטפער פון אמן יש״ר אז זיין הייליגער נאמען פון השי״ת ווערט דורך דעם דער הויבין מער ווי פון אלע שבחים ווייל מיט דעם ענטפערין אמן יש״ר מברך איז מען גורם ס׳זאל נידריג ווערין די סטרא אחרא און ס׳זאל גיהויבן ווערין די טייערקייט פון השי״ת אין אלע וועלטין.

נ) דער וואס זאגט יעדן טאג וויניגסטענס ניינציג אמנים וועט זוכה זיין צו לאנגע גוטע יארען און צו זיצן אויף יענע וועלט צווישן אלע צדיקים, (ס׳ קדמון מועתק בס׳ ואמרו אמן ח״ב דף מ״ו).

נא) באזונדער שטארק דארף מען אכטונג געבן נאכצוזאגן אמן ביי דריי פלעצער ווי די וועלט געט נישט אכטונג, די דריי פלעצער זענען: 1) נאך המחזיר שכינתו לציון, זאגט די וועלט באלד מודים אהנע זאגן אמן. 2) נאך הפורס סוכת שלום, פון שבת און יו״ט פאר שמו״ע פון מעריב. 3) נאך מחיה המתים זאגט די וועלט באלד קדושה אהנע זאגן אמן.

די ספרים ברענגן אז מ׳האט דערציילט אין א חלום פאר א חסיד וואס האט געפאסט צו וויסן דעם טעם פארוואס דער גלות ציהט זיך נאך, האט מען אים געזאגט אז דאס איז צוליב די דריי ברכות וואס די וועלט איז נישט נזהר, (געווארנט) נאכצוזאגן אמן (ס׳ הגן ודרך משה יום י״א).

נב) דער ענין פון זאגן יהש״ר איז אזוי מורא׳דיג גרויס אז אויב מען וואלט געגעבן רשות פאר די צדיקים אין גן עדן וואלטן זיי אראפגעקומען אויף די וועלט נאכצוזאגן אמן מיט יהש״ר, (אור לישרים בשם ס׳ שערי האמונה).

נג) איך בין מעורר אלע רבנים פון אלע בתי מדרשים אין די שטעט און דערפער זיי זאלן גוזר זיין אויפן שמש ער זאל ווארענען די מתפללים זיי זאלן נישט רעדן ביים דאווענען ער זאל אויסרופן ״שתיקה יפה בשעת התפלה״ דאמאלטס וועלן זיי זוכה זיין צו לאנגע יאהרן, (סה״ק הגן ודרך משה יום ט״ו).

נד) דער וואס איז געווארנט אין זאגן יהש״ר באקומט שכר קעגן די גאנצע וועלט וואס איז נישט געווארנט, (שו״א דף רנ״ו).

נה) די אלע קרוינען וואס ווערן געמאכט פאר השי״ת דורך די תפלות, וועט השי״ת צוריקגעבן פאר זיי לעתיד, (בעל הטורים פ׳ תבא עה״כ ולתתך עליון).

נו) דער וועלכער זאגט אמן טוט גרויס מאכן די קדושה וטהרה און צוברעכן די כחות הטומאה, און דורכדעם מאכט ער קאלט דעם גיהנם אנדערהאלבן שעה, און פארטרייבט די כחות הטומאה זיי זאלן נישט געוועלטיגען דאמאלטס אויף זיין טאטע און מאמע, נאר זיי ברענגען אין גן עדן, (סדר היום — כוונת קדיש דף ה:).

נז) דער שכר וואס די חז״ל זאגן אז דער וואס ווארט צו ענטפערן אמן וועלן פאר אים לעתיד געעפענט ווערן אלע טירן פון גן עדן, מיינט מען דער וואס לערנט נישט ביי די הויכע שמונה עשרה (און שמוסען אוודאי נישט) נארווארט א גאנצע ברכה צו קענען נאכזאגן אמן (ס׳ מזמור לאסף — יצא לאור בליוורנו — שנת תרכ״ד).

נח) עס איז נישטא קיין גרעסער׳ס אדער העכער׳ס ביים באשעפער ווי דער ״אמן״ וועלכע אידן זאגן, (מ״ר פ׳ תבא).

* * *

## פרק ד
## די גרויסע שטראף פאר נישט זאגן אמן

א) דער וואס זאגט נישט נאך אמן יהש״ר אפילו איין מאל איז מען איהם מדחה פערציג טעג פון די מחיצה פון השי״ת און ער איז א חוטא ומחטיא. (ס׳ זכירה בשם האריז״ל, וס׳ ואמרו אמן דף ס״ט).

ב) דער וואס זעהט אזאלכע ווערטער דארף ארומנעמען א שרעק און ציטער אפילו אויב ער שווייגט און זאגט נישט איהש"ר, און אוודאי אויב ער שטעלט זיך נאר שמועסן מיט'ן חבר ווייל דער יצה"ר האט א גרויסן כח אנצורעדן מענטשן זיי זאלן שמועסן איינער מיטן צווייטן כדי זיי זאלן נישט הערן קדיש און נישט נאכזאגן און זיי ווערן באשטראפט אהנע הנאה פון די עבירה רח"ל (רוח חיים סי' נ"ו).

ג) דער וואס איז נישט נזהר צו ענטפערן אמן מיטן גאנצן כח און כוונה איז מבזה כביכול השי"ת, און פון די זיבן וואהנונגען וואס איז דא אין גיהנם איז דאס אינטערשטע געדאפעלט מיט פינסטערקייט דארט נידערט אריין דער וואס זאגט נישט אמן, און דער וואס גייט דארט אריין קומט מער נישט ארויס אויף אייביג, (רבינו בחיי בשלח, עה"כ ויאמינו בד').

ד) דער הייליגער ספר אור צדיקים דף י"ג ע"ב בסימן נ"ב שרייבט ער אזוי דער מענטש דארף גרויס תשובה אויף דער חטא וואס ער האט איין מאל גיפעלט צו ענטפערין א אמן, אז ער הערט א ברכה אויף א פרי אדער אויף א מצוה און מכל שכן ווען ער האט גיפעלט איין אמן פון חזרת הש"ץ אין שוהל, מכל שכן אז ער דארף דערויף גרויס תשובה צוטאן ווען ער האט פאר פעלט א אמן יהא שמי' רבא. און ווער עס הערט א ברכה פון זיין חבר און האט נישט מכוין גיוועזן צו ענטפערין אמן, איז אויף איהם גיזאגט געווארן דער פסוק ובוזי יקלו איז זיין שטראף אז ער גייט אוועק פון דער וועלט רופט מען אויס אויף אים אין הימעל און מ'זאגט פאר שליסט די טיהרן פון גן עדן פאר אים ער זאל נישט אריין גיין אין ג"ע, ווייל ער האט נישט גיענטפערט אמן, ווי' איז צו אים און צו זיין נשמה אין מען לאזט אים אראב אין גיהנם אין דעם ארט וואס רופט זיך "שאול תחתית" ר"ל, אן דארטין ווערט ער פארלארען ל"ע, אויף אייביג, ווען ער טוט נישט קיין תשובה אויף יעדען אמן וואס ער האט נישט גיענטפערט: און דאס זעלבע ווידער פאר קערט, אויף יעדן אמן ואיש"ר וואס ער ענטפערט וועט ער האבין א גרויסן שכר אין הימל, און ווער עס ענטפערט איהש"ר מיט א הויעך קול ווערט הקב"ה פיל מיט רחמנות אויף אים (בעל אור צדיקים הוא הק' מהרמ"פ מגורי האריז"ל).

ה) דער וואס זאגט נישט אמן וועט בלייבן פארשעהמט אויףביידע וועלטן, (פרע"ח שער כוונת אמן פ"ב ד"ה מהחברים).

ו) דער וואס הערט א ברכה אפילו פון א קינד און ענטפערט נישט אמן איז ער חייב מיתה (פארדינט ער טויט שטראף) און מען דארף האבן מסירת נפש צו זאגן אמן (סידור נהורא השלם פט"ו דף כט בשם כתבי האריז"ל).

ז) דער וואס הערט א ברכה פון א מענטש און ענטפערט נישט אמן מיט כוונה אויף אים, ווען ער קומט אויף יענע וועלט רופט מען אויס פארמאכט די טויערן פאר איהם ער זאל נישט קענען אריין גיין, ווי' צו איהם ווי' צו זיין נשמה, (ספרא דרב המנונא סבא).

ח) נאך דעם לעבן פון מענטש פרעגט מען איהם אויב ער איז געווען אין גדר צדיק דאס מיינט אויב ער האט געזאגט יעדן טאג — ניינציג אמנים — פיער קדושות — געהערט צעהן קדישים, (הגן ודרך משה ליום י"א).

### האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים
## מילי דברכות

א מלמד פון טורונטו שרייבט א מעשה שהי׳, ער האט געלערנט זיין תלמיד נישט צו רעדן אין מיט׳ן חזרת הש״ץ ויהי היום דער טאטע פון קינד רעדט צום קינד אין מיטן חזרת הש״ץ איימאל, אין רעד צום קינד נאך אמאל, אין דאס קינד ענטפערט נישט דער טאטע גייט ארויס פון די כלים און שרייט אויפן קינד עזות פנים וואס ענפערסטו נישט און געט דעם קינד א פאטש, — דאס קינד פאנקט אן הויך צו וויינען אין שרייט ״מיין רבי האט מיר געזאגט אז מען טאר נישט רעדען ביי חזרת הש״ץ,״! דאס פנים פון טאטן איז אויפגעפלאמט געווארן פון בושה צווישן גאנצן עולם.

☆ ☆ ☆

א מלמד פון טאראנטא שרייבט א מעשה שהי'. ער האט געלערנט זיין תלמיד
נישט צו רעדן און [illegible] חזרת הש"ץ [illegible] דער טאטע פון קינד [illegible] צום
קינד און [illegible] חזרת הש"ץ [illegible]מאל, און ער [illegible] קינד נאך אמאל, [illegible] האט [illegible]
[illegible] נישט דער טאטע [illegible] פון די [illegible] און שרייט [illegible]
[illegible] קינד א פאטש. [illegible]
[illegible]
[illegible] דאס פנים פון טאטן איז [illegible]
[illegible]



ט) אויב דער חזן געט נישט צייט פאר די מענטשן נאכצוזאגן אמן ווערט ער געשטראפט, און ער איז חייב מיתה זאפארט, נאר השי"ת דערבארעמט זיך איבער אים און ברענגט אויף אים ארימקייט, (הגן ודרך משה יום י"א).

י) מען דארף זייער ווארענען די מענטשן מען זאל נישט זאגן תהלים און מעמדות אינמיטן הויכע שמונה עשרה ווייל מען קען נישט געהעריג אינזינין האבן צו ענטפערן אמן. (שם יום כ"ח).

יא) דער וואס זאגט נישט אמן יהא שמיה רבה די מאכן קלענער די קרוין פון באשעפער און איז ווערט מען זאל אים לייגן אין חרם, (מדרש כונן).

יב) עס איז א געוואלדיג גרויס ווינדער און נישט צום פארשטיין ווי־אזוי די גאנצע וועלט זעהט די ווארענונגען מיט די גרויסע שטראף פאר נישט זאגן אמן און מען מאכט זיך נישט וויסענדיג, איז דעם פארהאנען א גרעסערע טפשות פון דעם, עס איז כמעט נישטא א עבירה אפילו פון די הארבסטע ווי עס ווערן אויסגערעכנט אזעלכע גרויסע שטראף ווי אויף די עבירה פון נישט זאגן איהש"ר, און וועגן נישט צוריק־האלטן זיך פון אביסל שמוסען לייגט מען זיך אריין אין אזאלכע גרויסע סכנות רח"ל, (צוואת הקדוש מוהר"ר אהרן ראטה זצלה"ה).

יג) דער וואס וויל היטן זיין נשמה עס זאל נישט ארייגעווארפן ווערן אין שאול תחתית רח"ל אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק זאל אכטונג געבן נישט צו רעדן קיין ווארט ביי הויכע שמונה עשרה, קדיש, קריאת התורה (ליינען) — אדער ברכות זאגן, (שם).

יד) חשובע ברידער אויב איר ווילט זיך ראטעווען פון מארד (דבר) רח"ל, און אז די קליינע קינדער זאלן ח"ו נישט שטארבן מיט מיתות משונות רח"ל זאלט איר אכטונג געבן נישט צו רעדן אין שוהל דברים בטלים, (הגן ודרך משה יום ט"ו).

טו) דער וואס זעהט מענטשן שמוסען ביי הויכע שמונה עשרה אדער קדיש א.ד.ג. איז א חיוב ער זאל יענעם אנשרייען אזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך סי' קכ"ד, מען דארף אים זאגן אז ער איז א רוצח ווייל דורכדעם ווערן זיינע קינדער יתומים רח"ל, (שם).

טז) דער המון עם (אלגעמיינע פאלק) פירט זיך אז ווען דער חזן זאגט שמונה עשרה זאגן זיי נישט אמן נאר זיי זאגן פאר זיך תהלים מיט מעמדות, און די תלמידי חכמים זענען זיך מפלפל אין לערנען, און פון זיי לערנען זיך אנדערע אפ צו שמוסען, דורכדעם זענען זיי די לומדים חוטאים ומחטיאים (זינדיגע"ר ווא"ס מאכע"ן זינדיג"ען אנדער"ע). אין די זעלבע מדריגה רשעות פון ירבעם בן נבט, און לויט די הלכה פון שו"ע איז יעדער מחוייב אנצושרייען די וואס שמוסען אז זייער זינד איז צו גרויס פון פארגעבן צו ווערן, און אז ער איז אזוי־ווי א רוצח ממש, (הגן ודרך משה יום ט"ו).

יז) דער מענטש וואס האט פארפעלט אפילו איינמאל צו זאגן אמן אויף א ברכה פון א עסן אדער מצוה און כ"ש נאך די הויכע שמונה עשרה דארף גרויס תשובה טוהן, און אודאי אודאי אויב ער האט נישט געזאגט יהא שמיה רבה, (אור צדיקים תיקון התפלה סעי' נ"ב).

יח) אפילו אויב ער זאגט אמן אויב ער האט נישט אינזינען וואס ער זאגט איז בעסער אויב ער וואלט קיינמאל נישט באשאפען געווארן. (זוה"ק פ' וילך).

יט) אויף יעדע קטרוג וואס דער שטן איז מקטרוג אין הימל טוט אים השי״ת שטיל מאכן אבער אויב ער איז מקטרג אז די אידן רעדן אין בית המדרש אהנע פחד און מורא פאר די שכינה הק׳ וואס רוהט דארט, האט כביכול השי״ת קיין שום תירוץ אויף דעם, ווייל ביי די גוים זעהט מען יא אז זיי שטייען אין זייער תפלה מיט אימה ויראה, און באלד גיט השי״ת רשות פאר די מלאכי חבלה צו פארטיליגן די וועלט, (דרך משה יום ח׳).

כ) דורך די רייד וואס מען רעדט אין ביה״מ ווערן באשאפען מלאכים משחיתים וואס הארגענען אים אין די צייט פון א מגיפה רח״ל, (שם).

כא) די וואס ריידן ביים דאווענען וועט דאס קדיש זאגן פון זייערע קינדער נישט פארגרינגערן זייער שטראף נאר אדרבה נאך ערגער מאכן, (מורא מקדש או׳ כ׳).

כב) די וואס קריגן זיך ארום אין ביהמ״ד וועגן קדיש זאגן איז זייער קדיש זאגן נאכען קריגן זיך א רשעות נישט קיין מצוה, און ווען זיינע קינדער וועלן זאגן קדיש נאך אים וועט עס דערמאנען אין הימל זיין חטא, און מען וועט אים נאך־מער שטראפן. (מורא מקדש או׳ כ׳).

כג) דאס וואס מ׳זאגט נישט נאך אמן אין ביהמ״ד אז א דריי־פאכיגע עבירה. 1) די עבירה פון ביטול אמן. 2) דאס ביהמ״ד איז דאס הויז פון באשעפער אין גלות אין דער וועלכער פארזינדיקט זיך אין קייסער׳ס פאלאץ — ווי און ביטער איז אים (זוה״ק ויקהל). 3) די הארבע עבירה פון חילול השם, ווייל מענטשן לערנען זיך אפ פון אים און דאס איז חילול השם (כמבואר במו״ק יז.) וואס לויט די חז״ל (סוף יומא) איז נאר דער טויט מכפר אויף דעם. און אויב דאס פאסירט שבת איז דער שטראף נאך גרעסער (עי׳ מנחת שבת בתחלתו), די איינציגע עצה דער זינד זאל פארגעבן ווערן איז צו טוהן דאס פארקערטע ברענגן דערצו אז אנדערע זאלן נאכזאגן אמן (חרדים מצות תשובה פ״א סי׳ ד׳, ר״ח שער יראה פט״ו, יוסף תהלות להחיד״א תהלים קי״ט מ״ט, או׳ ז׳, פרישת ישרים פ״ד).

כד) די אלע גרויסע שטראף פארן נישט זאגן אמן גייען אויך אריבער אויף די קעפ פון די מענטשן וועלכע פארציילן נייעס אינמיטן דאווענען, וואס ברענגט נאכדעם אז צוליב די איצט פריש געהערטע נייעס ווערט דער קאפ אריינגעטוהן אין די נייעס און צוליב דעם זאגט מען נישט נאך אמן (דרך הישר מאמר אמירת אמן — והביא מזוה״ק דביטול אמן הוא חילול השם, ובקידושין מ: דאין מקיפין בחילול השם אחד שוגג ואחד מזיד).

כה) דער וואס הערט קדיש און זאגט נישט נאך אמן איז פערציג טעג אין חרם (ש״ע הגר״ז סי׳ נ״ו).

כו) עס איז אמאל געווען א התעוררות אין הימל צו שיקן משיח, און ער איז אפגעהאלטן געווארן צוליב דעם וואס רוב מענטשן זאגן נישט נאך די צוויי ברכות ״הפורס סוכת שלום״ און ״המחזיר שכינתו לציון״, (ס׳ הברית ח״ב מאמר י״ב פרק א).

כז) דער וואס זאגט נישט אמן דארט ווי מען דארף אזוי־ווי מען דארף ווערט באשטראפט אז ווען ער איז אין א עת צרה שפארט מען אפ די טויערן פון הימל נישט צו הערן זיין געבעט. און אויף יענע וועלט ווערט ער אריינגעווארפן אינעם פלאץ וואס הייסט ״אבדון״ אין דער וועלכער גייט דארט אריין קומט מער נישט ארויס, (זוה״ק פ׳ וילך).

כח) א טאטע האט געברענגט זיין קינד אין שוהל און יעדער האט געדאוונט נאר דאס קינד האט גערעדט מיאוס'ע רייד, האט מען דעם טאטע'ן אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, האט ער געענטפערט "ער איז נאך א קינד" אזוי האט ער געטוהן אלע אכט טעג סוכות, ביז דריי יאר זענען אוועק־געשטארבן דער טאטע מיטן מאמע מיט דעם קינד און אלע קינדער און אייניקלעך פון יענע משפחה, און עס איז נישט געבליבען מער ווי צוויי מענטשן אין די משפחה, איינער א הינקעדיקער בלינדער, און איינער א שוטה און א רשע (מד"ר במדבר פרשה ד', ילקוט פ' לך).

כט) אין שוהל טאר מען נישט רעדן צופריה און ביינאכט ביז נאך עלינו אפילו דברי תורה, (הנהגת אדם להגאון מהר"ד אפענהיים זצ"ל, מובא בס' הפנים אות' י"ז).

ל) די מענטשן וואס האבן זיך געפירט צו שמועסן ביים דאווענען און קדיש זאגן אויסער דעם וואס זיי באקומען נאכן שטארבן זייער פארדינטע שטראף, ווען זייערע קינדער די יתומים זאגן קדיש נאך זיי נישט נאר וואס זיי ווערן נישט געהאלפן, נאר עס טוט נאך פארערגערען זייער שטראף, ווייל דאמאלטס ווערט אין הימל ערוועקט די אויפ־פירונג פון זייער פאטער ביים דאווענען און ער ווערט געמשפ'ט אויפסניי, (מורא מקדש או' כ').

לא) דורכדעם וואס מען איז מזלזל בתפלה ווערן די פרנסות שוואך, (הגאון שר התורה מהרש"ק אבדק"ק בערזאן בהסכמה לס' הפנים).

לב) א מענטש דארף זיין ווי א שטומער וואס קען נישט רעדן פון ווען ער קומט אין ביהמ"ד ביז ער גייט אוועק, (צעטיל קטן להרה"ק מוהרר"א מליזענסק זי"ע).

* * *

## פרק ה

## חינוך צו אמן

א) מ'דארף אויסלערנען די קליינע קינדער נאכצוזאגן אמן, ווייל א קינד וואס זאגט שוין אמן האט א חלק אין עולם הבא, (רמ"א קכ"ד ס"ז).

ב) גאנץ קליינע קינדער וואס לויפן ארום אין ביהמ"ד זאל מען נישט ברענגן אין שוהל ווייל זיי שטערן אנדערע פון דאווענען, און זיי געוואוינען זיך אויף שפעטער אזוי צו בלייבן, (מ"א קכ"ד בשם השל"ה, ופמ"ג שם, מ"ב כ"ח).

ג) די קינדער וואס מען ברענגט אין ביהמ"ד צום דאווענען דארף מען מחנך זיין זיי זאלן שטיין באימה וביראה, (שם).

ד) מ'טאר נישט קישען די קינדער אין בית המדרש, (סי' צ"ח סעי' א').

* * *

## פרק ו

## יאר־צייט

א) דער פלא יועץ שרייבט (בס' חסל"א סי' נ"ו): אז יעדער ירא שמים זאל לאזן צוואה פאר זייערע קינדער זיי זאלן גיין צו א חכם זיך לערנען ווי־אזוי צו זאגן קדיש כהלכה, אויב זיי קענען זיך נישט אליינס לערנען זאלן זיי דינגען איינעם, וואס קען, ער זאל זאגן קדיש פאר זיינע עלטערן, ע"כ.




אן אלטער איד איז מסביר פאר עלטערע אידען, — מיט וואס פאר א געפילען פארלאזט איר די וועלט? וויסענדיג אז איר האט נישט רעכט ערצויגען אייערע קינדער ווי אזוי זיך צופירען ביי ברכות און קדיש זאגן וואס צוליב דעם נישט נאר וואס אין טאג פון יארצייט וועט די נשמה נישט האבן קיין עלי׳ דורכ׳ן דאווענען פון די קינדער נאר אדרבא איר וועט דעמאלס אויך פארמישפעט ווערען אויפן גרויסן זינד פון נישט ערציען די קינדער צו אמירת קדישים ואמנים כהלכה.

אין ספר מורא מקדש אות כ׳ שטייט: די מענטשען וואס האבן זיך געפירט צו שמיסען ביים דאווענען און קדיש זאגן אויסערדעם וואס זיי באקומען נאכען שטארבן זייער פארדינטע שטראף, ווען זייערע קינדער די יתומים זאגן קדיש נאך זיי, נישט וואס זיי ווערן נישט געהאלפען, נאר עס טוט נאך פארערגערען זייער שטראף, ווייל דאמאלטס ווערט אין הימל ערוועקט די אויפ־פירונג פון זייער פאטער ביים דאווענען און ער ווערט געמשפ׳ט אויפסניי עכ״ל, (ס׳ הקדמון קדושת אמן כלל ד׳).

★ ★ ★

אן אלטער איד איז מסביר פאר עלטערע אידען, — מיט וואס פאר א געפילען פארלאזט איר די וועלט? וויסענדיג אז איר האט נישט רעכט ערצויגען אייערע קינדער ווי אזוי זיך צופירען ביי ברכות און קדיש זאגן וואס צוליב דעם נישט נאר וואס אין טאג פון יארצייט וועט די נשמה נישט האבן קיין עלי' דורכ'ן דאווענען פון די קינדער נאר אדרבא איר וועט דעמאלס אויך פארמישפעט ווערען אויפן גרויסן זינד פון נישט ערציען די קינדער צו אמירת קדישים ואמנים כהלכה.



אין ספר מורא מקדש אות כ׳ שטייט: די מענטשען וואס האבן זיך געפירט צו שמיסען ביים דאווענען און קדיש זאגן אויסערדעם וואס זיי באקומען נאכען שטארבן זייער פארדינטע שטראף, ווען זייערע קינדער די יתומים זאגן קדיש נאך זיי, נישט וואס זיי ווערן נישט געהאלפען, נאר עס טוט נאך פארערגערען זייער שטראף, ווייל דאמאלטס ווערט אין הימל ערוועקט די [illegible] זייער פאטער ביים דאווענען און ער ווערט געמשפט [illegible] הקדמון קדושת אמן כלל ז׳).



ב) פון דעם איז צו זעהן אז דאס קדיש זאגן עס זאל זיין א טובה פאר די אבות איז נישט אזוי גרינג ווי מען מיינט, סאך מענטשן שפירען זיך גליקלעך נאר א יאר־צייט טראכטענדיג מיט אינערליכע גייסטיגע געפיהלען אז ב״ה זיי האבן מקיים געווען דעם ״מכבדו במותו״ דאווענען׳דיג אלע תפלות מיט צענדליגע קדישים פאר זייער עילוי נשמה,

זאלן זיי אבער עפענען די אויגן און זעהן וואס די בעלי רוח הקודש ווי דער קדוש האריז״ל מיט זיינע תלמידים שרייבן אז אויב די ברכות און קדיש זאגן איז נישט געווען אזוי ווי די הלכה איז, נישט נאר עס הייבט נישט די נשמה נאר עס טוט זיי נאך מצער זיין וואס זייער קינד אויף דער וועלט איז מכשיל דעם רבים אנשטאט מזכה רבים, און רודערט זיי אויף פון זייער מנוחה, אנשטאט צוברענגען צו די מנוחה, (אור עינים דף ג׳).

ג) כאטש א גאנץ יאר דארף מען א טראכט געבן ווען מ׳שטעלט זיך צום עמוד אז מ׳שטעלט זיך פאר א גרויס אחריות, דהיינו, אויב מ׳זאגט נישט געהעריג די עברי שמו״ע פון אדער קדיש קען די ווערטער באדייטן א בזיון פארן באשעפער אנשטאט כבוד — אויב מ׳זאגט נישט געגעוג הויעך איז דאס גורם אז טייל מענטשן זאלן איינגאנצן נישט נאכזאגן, און א טייל אמן יתומה, נישט וויסענדיג ווי מ׳האלט — אויב מ׳זאגט נישט שטייטלעך קען מען בכלל נישט נאכזאגן געהעריג אמן און יהש״ר,

אבער ביי א יאר־צייט טאג איז דאס אחריות צוויי־פאכיג ווייל דאמאלטס איז פון די עיקר זמנים מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון כיבוד אב־ ־ים, און אויב דאס דאווענען איז נישט אזוי ווי עס דארף זיין טוט דאס ערנידערן דעם כבו. פון די עלטערן אויף יענע וועלט, (ס׳ הקדמון קדושת אמן כלל ד׳).

ד) און נישט נאר אז מען איז גורם צער פאר די עלטערן נאר פאר זיך טוט מען אויך שלעכט ווייל דער וואס זאגט נישט קדיש געהעריג, אדער ברכות, ווען ער וועט זיך געפונען אויף יענע וועלט און זיינע קינדער וועלן זאגן קדיש נאך אים, וועט מען אים נאכאמאל פאר׳משפטן פאר זיין נישט ריכטיגן קדיש זאגן ווען ער האט געלעבט, (שם).

* * *

## פרק ז
## זכות הרבים

א) עס איז ראוי יעדע קהלה זאל באשטימען מענטשן וואס זאלן אכטונג געבן מ׳זאל נישט רעדן ביים דאווענען בפרט ביי אמן־יהש״ר, און זיי זאלן פארשעמען (מבייש זיין) די אלע שמועסערס ברבים — און זיך באנוצן מיט אלע מינים שרעק מיטלען (ווי העמודים פ״י בסופו).

ב) דער וואס וויל חס זיין (אפשוינען) דעם כבוד שמים און מקדש זיין דעם באשעפער׳ס נאמען ברבים, און פארעכנט ווערן פון די ״מזכי הרבים״ (מענטשן וואס זענען מזכה די וועלט מיט מצות), זאלן זיי טון אזוי־ווי עס שטייט אין ס׳ ווי העמודים (זעה אר׳ א׳) און אזוי האב איך געזען סאך פלעצער אז מ׳דינגט א מענטש וואס זאל אכטונג געבן (אדער אהנע געלט — לשם מצוה) און שטערן די אלע וואס רעדן ביי חזרת הש״ץ — קריאת התורה — קדישים — ברכות, וויבאלד דאס טוט פארלענגערן דעם גלות,

אבער נישט מיט מחלוקת און קריגעריי, נאר מיט געבעט, און אמאל אויך אנשרייען אויב עס פארלאנגט זיך — און קען אויפטוהן, און נישט נושא פנים זיין פאר א מכובד'יגע מענטש דאמאלטס וועט ער זיין פון די מזכי הרבים, (שומר אמונים ח"ב דף רע"א:).

ג) דער שכר פון מזכי רבים זיין איז אהנע שיעור, די חז"ל זאגן (יומא פז.) "דער וואס איז מזכה רבים קומט נישט צו קיין עבירה.

דער זוה"ק שרייבט: (פ' תרומה דף קכ"ח ע"ב) אז מזכה זיין די וואס טוען נישט ריכטיג מיט'ן אמת'דיגן אויפפירונג דערהייבט דעם כבוד פון באשעפער מער ווי אלעס.

נאך שטייט: דער וואס טוט השתדלות אז מענטשן זאלן אפלאזן דעם שלעכטן וועג, טוען צוברעכן די כח פון סטרא אחרא — זענען גורם אז די כבוד פון באשעפער זאל ארויפגיין — זענען גורם אז די אויבערע און אונטערע וועלטן זאלן האבן א קיום (עקזיסטענץ), ער וועט זוכה זיין צו זעהן קינדס קינדער — זוכה זיין צו האבן די וועלט און יענע וועלט — עס וועט מקויים ווערן ביי אים דעם פסוק (תהלים קי"ב) גבור בארץ יהי' זרעו, דור ישרים יבורך, הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד וגו' — מ'איז זוכה לעתיד צו אזאלכע וועלטן וואס קיינער איז נישט זוכה, (זוה"ק שם).

* * *

## פרק ח
## וויכטיגע דינים ביי קדיש

א) עס איז גוט מ'זאל נישט זאגן צופיל קדישים, (כנה"ג סי' נ"ה, שו"ת דב"ש סי' קפ"ג, החיד"א בקש"ג סי' ח' אר' ט', סי' יעב"ץ אר' ב', מ"ב א, חסל"א י"א, בא"ח ויחי ט').

ב) פונקט ווי מען טאר נישט פארביי גיין דעם וואס דאווענט, טאר מען אויך נישט דעם וואס זאגט קדיש (ברכ"י ט', סי' יעב"ץ נ', שע"ת ר"י סי' נ"ו, זכל"א ק', חסל"א שם, בא"ח שם).

ג) נאך דאמירן בעלמא ואמרו אמן מעג מען שוין פארביי גיין, אפילו מ'זאגט נאך "על ישראל" און "יהא שלמא" (בא"ח שם, כה"ח נ"ג ט').

ד) ביי קדיש דארף מען אינזינען האבן און זאגן אמן־יהש"ר מיט כוונה, (רש"י שבת קי"ט:, הר"י פ' מי שמתו, או"ח סי' נ"ו א' מ"ב א, וכל האחרונים).

ה) מ'דארף זאגן אמן־יהש"ר הויעך, און מיט אלע איברים, נישט בלויז געזאגט מיטן מויל (פסיקתא מובא בתוס' שבת שם, ושו"ע שם, והר"י שם, מ"ב שם, ואחרונים).

ו) דאס וואס די חז"ל זאגן אז דורך זאגן יהא שמיה רבה וכו', צורייסט מען דעם גזר דין פון מענטש איז נאר אויב ער זאגט דאס מיט כוונה און הויעך, (שם, ובזוה"ק תרומה קכט:).

ו*) דער וואס זאגט אמן און האט נישט אינזינען וואס ער זאגט, בעסער אויב ער וואלט קיינמאל נישט באשאפן געווארן (זוה"ק וילך, אור צדיקים תיקון תפלה סעי' נ"ב). זעה אויך ווייטער מדור "מסירת מודעה".

ז) עס איז א מצוה צו לויפן הערן קדיש (זוה"ק שם, או"ח סי' נ"ו).

ח) א צדיק האט זיך באוויזן פאר זיין תלמיד אין חלום, האט ער געזען אז דער רבי האט א פלעק אויפן שטערן, אויף די אנפראגע פון תלמיד האט דער רבי געזאגט אז דאס האט ער

פארדינט ווייל ער האט נישט אכטונג געגעבן נישט צו רעדן ביי קדיש, (מט״מ סי׳ תי״א בשם מדרש, שכנה״ג סי׳ נ״ו א, — ובס״ח הגירסא שהי׳ פניו של החסיד ״מוריקות״).

ט) עס שטייט אין ״מסכת דרך ארץ״ ר׳ חמא האט געטראפן אליהו מיט טויזנטער קעמלען (גמלים) אנגעלאדענט מיט גרויסע שטראף וואס רופט זיך ״אף וחימה״ פאר די אלע וואס שמועסן ביי קדיש, און שמונה עשרה, (מובא בב״י סי׳ קכ״ח, ומ״ב נ״ו א׳).

י) דורך שמוסען ביי קדיש זאגט מען נישט געהעריג אמן, עס ווערט אמן יתומה, (סי׳ קכ״ד ח׳ ואחרונים).

יא) אפילו צוליב איין אמן וואס מ׳האט נישט נאכגעזאגט דארף מען א סאך תשובה טוהן (אור צדיקים תיקון התפלה סעי׳ נ״ב), און אודאי אודאי אויב מ׳האט נישט נאכגעזאגט יהא שמיה רבא (שם).

יב) אויב איינער הערט זאגן יהא שמיה רבא, און קדושה אין די זעלבע צייט זאל ער נאכזאגן יהא שמיה רבה וועלכע שטייט העכער פון קדושה, (כנה״ג סי׳ נ״ו, מ״א שם סק״א בשם באר שבע, פר״ח סי׳ קכ״ה, סי׳ יעב״ץ עניני קדיש או׳ ה׳, הגר״ז א, ח״א כלל ל׳ או׳ ו׳, מ״ב סק״ו, כה״ח ג׳).

* * *

## פרק ט
## וויכטיגע דינים פון ברכו את ד׳ המבורך ביים דאוונען — און לייענען

א) נאך ברכו פון מעריב אפילו מ׳האט נאך נישט אנגעהויבן זאגן די ברכה טאר מען נישט רעדן מער, און בעוה״ר ווערן סאך מענטשן געשטרויכלט מיט דעם, (מ״ב סי׳ רל״ו סק״א).

ב) אויב עס זענען נישטא מער ווי פונקט צעהן מענטשן זאל דער שליח ציבור זאגן ברוך דהמל״ו צוזאם מיט קהל (מ״א בשם אגודה סי׳ נ״ז), דאס זעלבע מיט דעם וואס איז עולה צו די תורה (שו״ת פאר ישע או״ח סי׳ כ״ד).

ג) אויב מ׳האט נישט געהערט ברכו פון שליח ציבור [אדער דעם וואס איז עולה לתורה] נאר מ׳הערט וויאזוי קהל זאגט שוין בה׳ המל״ו אויב וויניגסטענס צעהן מענטשן האבן געהערט דעם ברכו מעג ער נאכזאגן ברוך ד׳ המבורך וכו׳.

אבער אויב דער שליח ציבור [אדער דער וואס איז עולה] האט געזאגט שטיל ״ברכו״ און מסתמא האבן קיין צען מענטשן נישט געהערט דעם ברכו נאר די געציילטע וואס זענען געשטאנען נאנט צום בעל תפלה [אדער ספר תורה] און דורך זייער זאגן הויעך ״ברוך ה׳ המבורך״ זאגן אלע מענטשן נאך, דאמאלטס טאר קיינער נישט זאגן ״ברוך ד׳ וכו׳״ נאר די וואס האבן געהערט דעם ברכו פון שליח ציבור, און די אנדערע וואס שרייען נאך ״ברוך ד׳ וכו׳״ טוען נישט ריכטיג, (בה״ל סי׳ נ״ז). נאר זיי דארפן נאכזאגן אמן נאכן ברוך ד׳ המבורך פון קהל (שם).

ד) די אלע וואס זענען עולה צו די תורה און זאגן ברכו שטיל זענען מחטיא הרבים (מאכן זינדיגן דעם רבים) ווייל נאר די נאנטע הערן און זיי זאגן נאך הויעך, און דורכדעם

זאגן נאך די ווייטע אויך וואס טארן נישט, און זייער זאגן איז לבטלה, (בה"ל שם).

ה) אויב מ'הערט דעם שליח ציבור [אדער דער וואס איז עולה] זאגן "ברוך ד' המבורך" טאר מען נישט מיטזאגן נאר נאכזאגן נאכדעם אמן (רמ"א קל"ט ו, א"ר ודה"ח, הגר"ז ב, ומ"ב נ"ז ב).

ו) די וואס זאגן דעם ברכו שטיל טוען גזל'ן מצות פון רבים, (ס"ח מובא בשע"ת נ"ז ב, ואחרונים).

ז) די וואס האבן נישט געהאט די מעגליכקייט צו דאווענען בצבור און זאגן ברכו זאלן זיי זאגן די ברייתא דר' עקיבא, (נדפס בכה"ח סי' נ"א ט, ובכמה סידורים כמו ישועות ישראל, ועוד).

ח) ביי ברכו בייגט מען אראפ דעם קאפ און ביי "ד'" הייבט מען זיך אויף (כלבו סי' ז' מובא בהג' מהרש"ק סי' נ"ז, פת"ע בשם מערכת אלקות, וס"ח, ס' שושן סודות, ערוה"ש נ"ז ס"א, אור צדיקים).

ט) די פלעצער וואס מ'גייט ארום נאך געלט אינמיטן קרה"ת טוען נישט גיט ווייל זיי זענען מבטל די מענטשן פון הערן דאס ליינען און ברוך ד' המבורך, (מ"ב סי' צ"ב ס"ק ל"ו).

* * *

## פרק י
## ארויסזאגן דעם נאמען פון באשעפער

א) עס איז א מצוה צו געבן א ציטער מיט אלע איברים ווען מ'זאגט דעם שם (נהורא שלם פ"י סעי' ג' בשם היעב"ץ, קש"ע סי' ו' אר' ג').

ב) דעם שם הוי"ה אדער אדנ-י זאל מען זאגן דעם אל"ף מיט א חט"ף פת"ח, דעם דל"ת מיט א חול"ם, דעם נו"ן מיט א קמ"ץ, (פמ"ג א"א סי' ה' א"א סק"א בשם תשובת מהר"ר שבתי סופר שמהר"ם שכ' בשו"א מובא במ"א חזר בו, וכ"כ בא"ר ושכן הסכימו בעל ע"מ, ושל"ה, וברכות הזבח, ובס' דרך משה הנספח לס' הגן יום כ"ג, סי' יעב"ץ קודם ברכת ענט"י, מחה"ש סי' ה', שו"ת נו"ב מהד"ק סי' ב', ח"א כלל ה' אר' כ"ז, ס' שיר משה צוואת החת"ס סעי' ג', מסגה"ש סי' ו' סק"ב בשם ארץ חמדה, סידור ישועות ישראל דיני בהוב"ש ואמן סעי' ד', ליקוטי שושנים ח"א סעי' כ"ח, שו"ע האריז"ל ה' נט"י סעיף ל', נגיד ומצוה תלמיד האריז"ל דף ה' ד"ה כבר, נצוצי אורות ואתחנן דף ר"ס בשם הרמ"ז, או"ח בשם ס' מאורי אור חלק בן נו"ן דף קמ"ה ע"א, מחב"ר סי' ה' בשם יעב"ץ, וכרם שלמה שכ"כ במעשה רב בשם כמה גאונים, שע"ת ה' א' כה"ח ה' ז', מ"ב סי' ה').

ג) מ'דארף דריקן דעם אות יו"ד פונם שם (פמ"ג שם, ח"א שם, חת"ס שם, מסגה"ש שם, לקוטי שושנים שם, מ"ב שם).

עס איז א חוב מעורר צו זיין גרויס און קליין וועגן דעם גרויסן מכשול פון נישט ארויסזאגן דעם שם ווי געהעריג, דהיינו: א סאך זאגן דעם דל"ת מיט א שו"א, אדער מ'זאגט נישט דעם יו"ד (חת"ס שם, מהר"ם שי"ק יור"ד סו"ס רצ"א.

ד) "אלקינו" דארף מען זאגן מיט א חט"ף סגו"ל (אחרונים).

ה) אויב איינער הערט פון איינעם וויאזוי ער זאגט נישט געהעריג דעם שם, אויב ער ווייסט אז מ׳וועט אים הערן איז א מצוה יענעם אויסצולערנען צו זאגן געהעריג (מהר״ם שי״ק שם).

י) מען טאר נישט ארויסזאגן די אותיות פון שם הוי־ה נאר אזוי יו״ד אֵי הֵא וא״ו אֵי הֵי (ש״ע האריז״ל כוונת ת״ת סעי׳ ד׳ סי׳ ר׳ קאפעל, אור צדיקים דף כ״ד, קיצור של״ה חג השבועות, מג״א על אבות פ״א מי״ג, ועי׳ ליקוטי צבי החדש דף ח׳).

טייל זאגן יו״ד ק״י וא״ו ק״י, (חת״ס חו״מ סי׳ קצ״ב ובליקוטי צבי שם מפלפל בזה).

יא) דער וואס זאגט א שם לבטלה באגייט א איסור דאורייתא (עי׳ מ״א רט״ו, ח״א כלל ה׳ או׳ א׳).

עס איז אויך ערגער פון אלע עבירות און פונקט ווי עבודה זרה, (כה״ח קנ״ו ט״ז).

יב) אויב מ׳האט געזאגט דעם שם און מ׳האט זיך דערמאנט אז עס איז לבטלה זאל מען צוענדיגן מיט א פסוק צוםביישפיל: ״אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ״, אדער ״ומהולל מאד ולגדולתו אין חקר״ (ח״א שם, מצות ד׳ מובא בכה״ח ר״ו ס״ק מ״ד).

און נאכדעם זאל מען נאך זאגן ברוך שם כבוד מלכותו ל״ו (ח״א שם, צל״ח ברכות ל״ח, סי׳ ר״ו, רט״ו, ובש״ע הגר״ז שם, קש״ע סי׳ ו׳ או׳ ד׳, ועוד).

יג) מ׳דארף באזונדער אכטונג געבן ארויסצוזאגן די ווערטער פון בעפאר און נאכן שם געהעריג ווייל אויב נישט ווערט דורכדעם דער שם לבטלה, (פמ״ג סו״ס ה׳).

יד) דער איסור פון זאגן דעם שם לבטלה איז ביי אלע נעמען פון באשעפער: הוי׳ — אדנות — קל — אֱלו־ה, שד־י, צב־אות, אהי־ה (יור״ד רע״ו ס״ט,) און נישט בלויז לשון הקודש נאר אויף אלע שפראכן (קש״ע סי׳ ו׳ סעי׳ ג׳).

טו) מ׳טאר נישט שרייבן און קיין שום בריעף א.ד.ג. דעם נאמען פון באשעפער אויף קיין שום שפראך אפילו אויב מ׳שרייבט דברי תורה (שו״ת דברי יחזקאל סי׳ ב־ג).

עס איז גורם ארימקייט מיט נאך, מ׳דארף זיך אנשטרענגען דאס מבטל צו זיין (תומים חו״מ סי׳ כ״ז, קש״ע שם), און אודאי אז מ׳טאר עס נישט אפמעקן (יור״ד רע״ו).

טז) מ׳טאר אויך נישט אויסמעקען א־ד אדער י־ה אדער א־ה אויב מהאט דאס געוואלט פאר ענדיגען אלס שם.

טז*) אויב מ׳שעלט איינעם מיט א שם איז מען חייב מלקות, אהנדעם איז אויך א גרויסע איסור (קש״ע שם, מחו״מ סי׳ כ״ז).

יז) מ׳טאר נישט שפייען באלד נאכדעם ווי מ׳האט געזאגט דעם שם, נאר פארקערט ווען מ׳האלט אפאר ווערטער בעפאר דעם שם זאל מען שפייען, דאס זעלבע ווען מ׳קושט א ס״ת אדער סתם ספר (סי׳ קל״ט, רט״ו, קש״ע שם, מסגה״ש שם).

די זעלבע הלכה איז ביי ווארט הללו־יה ווعלכע איז אויך א שם (דע״ק רע״ו י׳, וגדה״ק כז,).

* * *

# פרק יא
## ברוך הוא וברוך שמו

א) אויב דורכן זאגן ברוך הוא וברוך שמו דעריאגט מען נישט נאכצוזאגן אמן, אדער מ׳ועט מוזן זאגן איינס נאכן צווייטן בהוב״ש אמן, זאל מען דאמאלטס נישט זאגן קיין בהוב״ש, (מ״ב בסי׳ קכ״ד בשעה״צ, ישועות חכמה סי׳ ו׳, כה״ח קכ״ד כ״ח).

דערפאר ביי די ברכות פארן ליינען כאטש מ׳דארף זאגן בהוב״ש (כמבואר ביסוש״ה ה׳ קרה״ת) אזוי־ווי מ׳ענדיגט זייער שנעל קען מען עס נישט זאגן (טללי ישרון דף כ׳).

ב) ווען מ׳האלט אינמיטן לערנען דארף מען נישט נאכזאגן בהוב״ש, (שו״ת דברי דוד סי׳ מ״א, מים רבים סי׳ ב׳, פתחי תשובה סי׳ קכ״ד, שלח״מ סי׳ ו׳ אר׳ פ״ג).

ג) אינמיטן פסוקי דזמרה (פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח) טאר מען נישט זאגן ברוך הוא וברוך שמו (באה״ט ה׳ פסד״ז וש״א), אבער בין הפרקים מעג מען (הג׳ ברוך טעם שם, מובא בדע״ת).

ד) צווישן ישתבח און יוצר אור מעג מען זאגן בהוב״ש (א״א בטשאטש סי׳ נ״ד, שו״ת לחם שלמה סי׳ ל״ו, דחו״ש שכן נהג בעל מנח״א זצ״ל).

ה) אויב איינער זאגט בהוב״ש אויף א פלאץ ווי מ׳מעג בלויז זאגן אמן דארף מען אים נישט אנשרייען, (שו״ת מהר״ם שי״ק או״ח נ״א).

ו) מ׳זאל געווארנט זיין נישט צו זאגן — ברוך הוא וברוך שמו — ביי די פלעצער וועלכע מ׳טאר נישט איסרעדן (מ״א סי׳ קכ״ד) אויסער ביי די אויבענדערמאנטע פלעצער, [אר׳ ג׳ ד׳].

ז) יעדע ברכה וועלכע מ׳הערט און מ׳וויל יוצא זיין מיטן הערען (צ.ב.ש. שופר — מגילה — חנוכה — קידוש — הבדלה, א.א.ו.) זאל מען נישט זאגן ברוך הוא וברוך שמו, לויט טייל פוסקים איז דאס א הפסק אפילו בדיעבד, אבער אויב מ׳הערט איינעם זאגן דארף מען נישט שטערן, (עי׳ כ״ז בדגול מרבבה או״ח סי׳ קכ״ד, ש״ע הגר״ז שם, שע״ת סי׳ רי״ג, ח״א כלל כ׳ ס״ג, ברכ״י רי״ג שו״ת מהר״ם שי״ק או״ח נ״א, קש״ע סי׳ ו׳ סעי׳ ט׳, מנח״א ח״א כ״ד, מראית עין להגרחיד״א ליקוטים סי׳ י״א אר׳ ט׳, לב חיים סי׳ קט, מטה יהודה קכ״ד ב׳, וע״ע שד״ח אספ״ד מע׳ ה׳ אר׳ ט׳).

ח) צווישן די ברכה המלמד תורה לעמו ישראל, און אשר בחר בנו מעג מען נאכזאגן ״ברוך הוא וברוך שמו״, (שלח״מ סי׳ ז׳ בשו״מ אר׳ י״א).

* * *

# פרק יב
## אמן יתומה — חטופה — קטופה

**פארווארט:** די חז״ל זאגן (ברכות מז.) אויב מען ענטפערט אמן נישט אויפן ריכטיגן אויפן דאמאלט ווערן זיינע קינדער יתומים.

דאס מיינט נישט בלויז דעם פשוטען פשט אז דער פאטער — אדער מוטער — אדערביידע לאזן איבער קליינע קינדער יתומים, נאר דאס קען אויך מיינען אז די קינדער ווערן

אוועקגענומען פון טאטע׳ן און צושפרייט אין אנדערע היימען, אדער די קינדער שטארבן ח״ו ביים לעבן פון טאטע מאמע (הייסט דאס קינד דורכן שטארבן אויך פאריתום׳ט), אדער דער טאטע מוז אוועק ווייט פון דערהיים (גלות) איבערלאזן די קינדער ווי פאריתום׳ט, (ס׳ קדמון קדושת אמנים כלל ד׳ באורך).

טייל מענטשן ווינדערן זיך ווי־אזוי מ׳זעהט ערליכע אידן וואס האבן מדקדק געווען מיט זאגן אמן־יהש״ר און האבן ל״ע נישט זוכה געווען מגדל זיין אליינס די קינדער — און פון צווייטן זייט זעהט מען מענטשן וואס זענען נישט מדקדק מיט אמירת אמן און לעבן אויס די יארן,

דער רעטעניש קלערן אונז אויף די חז״ל (קידושין לט: — חולין קמב.) ביי די מצוה פון אריכות ימים, אז אריכות ימים מיינט אויף יענע וועלט. דאס מיינט צו זאגן אז דער וואס איז מקיים די מצוה פון אמן כהלכה וועט האבן סאך אסאך שכר אום־ענדליך אויף יענע וועלט, און דער וואס נישט וועט מען אראפ־ציען פון זיין אנדערן שכר אויך,

און דאס וואס די חז״ל זאגן אז די קינדער בלייבן יתומים מיינט אויך אויף יענע וועלט, דהיינו (נעמליך) אז די קינדער ווערן אפגעטיילט פון די עלטערן און נישט צוגעלאזט איינער צום אנדערן, (שם).

* * *

## אמן יתומה

די ווייטערדיגעביישפילען רופן אן די חז״ל ״אמן יתומה״ וואס באדייט אז דער וואס טוט אזוי בלייבן זיינע קינדער יתומים. (ברכות מז.).

א) אויב איינער הערט דעם חבר ענדיגן א ברכה, און ער ווייסט נישט וועלכע און ער זאגט נאך אמן הייסט דאס אמן יתומה (או״ח קכ״ד סעי׳ ח׳), אין אזא פאל טאר ער נישט נאכזאגן אמן.

ב) דערפאר מוז מען אויסהערן די הויכע שמונה עשרה כדי צו וויסן וועלכע ברכה דער בעל תפלה ענדיגט יעצט, און נאכזאגן אמן כהלכה — אויב אבער מ׳הערט נישט צו פונקטליך צו וויסן וועלכע ברכה דער בעל תפלה האט יעצט גע־ענדיגט , איז דער אמן וואס מען זאגט אמן יתומה, דאס זעלבע איז אויך ביי קדיש זאגן, (שם סעי׳ ד׳).

ג) דעריבער טאר מען גארנישט טוהן בשעת דער בעל תפלה זאגט שמונה עשרה — קדיש אדער בשעת די ברכות פון קרה״ת כדי מ׳זאל זיך ח״ו נישט אליין פארמשפט׳ן דעם גרויסן שטראף פאר׳ן זאגן אמן יתומה.

ד) ערליכע אידן זענען אויך מקפיד אריינצוקוקן אין א סידור בשעת די הויכע שמונה עשרה נאכצו־פאלגן דעם בעל תפלה פון אינעווייניג, (של״ה דף רנ״ה, א״ר שם י״ב).

ה) אפילו לערנען — קוקען אין א ספר — זאגן תהלים, תחינות — אנטוהן תפלין דר״ת — שמוסען לצרכי מצוה איז אויך נישט ערלויבט אינמיטן שמו״ע — קדיש — קרה״ת (שם סעי׳ ד׳ ובמ״א, א״ר, פמ״ג, הגר״ז, ח״א, מ״ב, וכל האחרונים).

ו) דאס זעלבע איז אויך שייך א גאנצן טאג ווען מ׳הערט איינעם זאגן א ברכה אפילו פון א קליין קינד מוז מען גוט צולייגן די אויערן איינצוהערן וועלכע ברכה ער זאגט ווייל אויב נישט איז דער אמן, יתומה, (שם ובסי׳ רט״ו).

ז) מען מוז נאכזאגן אמן זאפארט (באלד) נאכדעם ווי דער ברכה זאגער האט פארענדיגט די ברכה, דאס מערסטע הפסק פון די ברכה ביזן זאגן אמן מעג זיין נישט מער ווי עס דויערט צו זאגן דריי פיער ווערטער, אויב מען זאגט נאכדעם הייסט עס אמן יתומה (שם ברמ״א סעי׳ ח׳ ופמ״ג, ומ״ב ל״ד וש״א).

אין בית המדרש דארט ווי עס איז דא א ציבור ווילאנג רוב ציבור האט נישט געענדיגט זאגן אמן, מעג מען נאך זאגן, (סעי׳ י״א).

ז*) אויב דער וואס האט געענדיגט די ברכה האט באלד אנגעהויבן די צווייטע ברכה טאר מען שוין נישט זאגן אמן, עס איז אמן יתומה, דאס זעלבע ביי אמן פון קדיש, (ברכ״י קכ״ד ושע״ת שם, ס״ק ל״ז).

דעריבער דארפן די בעלי תפלות געווארנט זיין נישט אנצוהייבן די אנדערע ברכה, און נישט ווייטער גיין ביי קדיש זאגן ווילאנג רוב ציבור האט שוין נאכגעזאגט אמן, (שם).

ח) די זעלבע הלכה איז אויך ביים זאגן ״ברוך ד׳ המבורך ל״ו״ — און ביי ״יהא שמיה רבא״ ווילאנג רוב ציבור האט נישט געענדיגט מעג מען מיטזאגן פון אנהייב (רמ״א סעי׳ י״א).

ט) דאס זעלבע איז אויך ביי קדושה, דאס מיינט אז פון קדוש — ביז — כבודו איז איינס ווילאנג רוב ציבור האט נישט געענדיגט ביז כבודו מעג מען נאך אנהייבן פון קדוש — פון ברוך — ביז — מקומו איז איינס, פון ימלוך — ביז — הללו־י׳ איז איינס. (א״ר סי׳ קכ״ד ומ״ב בבה״ל וש״א שם).

י) שבת אדער יו״ט אויב ציבור האט שוין אנגעהויבן ״אז בקול רעש גדול״ וכו׳ טאר מען שוין נישט אנהייבן קדוש, דאס זעלבע ביי ״ממקומך מלכינו״ און אויך ביי מוסף, (שם).

יא) דער בעל קורא דארף געווארנט זיין נישט צוווארטן מיט זיין זאגן דעם אמן פארן ליינען אזוי־ווי סאך בעלי קורא׳ס טוען ווייל דאס איז אויך אמן יתומה, נאר ער זאל אנהייבן באלד און אויסציען דעם אמן, (ואמרו אמן ח״א אר׳ ג׳).

יב) כאטש די בעלי תפלות און קדיש זאגערס דארפן נאר ווארטן ביז רוב ציבור ענדיגן אמן כדי זיי זאלן קענען ווייטער גיין, פינדעסטוועגן ביי די פלעצער וואס די הערער (אדער הערערס) דארפן יוצא זיין מיט דעם וואס דער ברכה מאכער זאגט נאך־דעם דארף מען ווארטן ווילאנג אלע ענדיגן אמן, און עס איז שוין שא שטיל, (קכ״ד סעי׳ ט׳ במ״א, ובמ״ב ס״ק ל״ח).

צום ביישפיל: קריאת התורה — מגילה — שופר — קידוש — הבדלה — א.א.וו.

יג) די ברכות — און — קדיש זאגער סיי בעלי תפלות סיי אלגעמיין דארפן געווארנט זיין צו זאגן אלעס הויעך כדי יעדער זאל קענען נאכזאגן אמן, און כדי יעדער זאל וויסן אויף וואס מ׳זאגט יעצט אמן, און כדי מ׳זאל הערן קלאר ווען די ברכה ענדיגט זיך (עי׳ א״ר סי׳ ק״א סק״ה פמ״ג סו״ס קכ״ד במש״ז סק״ז, ובס׳ קדושת אמנים הנ״ל, ואמרו אמן ח״א דף ב׳).

יד) די ברכות וואס ענדיגן זיך מיט געציילטע ווערטער אזוי ווי גואל ישראל — שומע תפלה — חונן הדעת, א.ד.ג. זאל מען זיך זוימען צווישן ברוך אתה ד׳ און די סוף ברכה,

ווייל אויב נישט פאסירט אפט אז מ׳קען נישט נאכזאגן אמן זאפארט ווי מ׳ענדיגט די ברכה, ווייל מ׳האט נאך נישט געענדיגט זאגן ברוך הוא וברוך שמו — און נאך פאסירט אז צוליב דעם רעש פון בהוב״ש קען מען נישט הערן וועלכע ברכה דער בעל תפלה ענדיגט, (מ״ב ס״ק כ״ב).

טו) דאס זעלבע ביי אלגעמיינע קורצע ברכות אזוי־ווי ברכות השחר — ברכת המצות, להניח תפלין, לולב, מגילה — ברכות הנהנין, המוציא, בפה״ע, בפה״א, זאל מען פאמעלעך (שטייטלע״ך) ענדיגען די ברכה צוליב דעם טעם (מ״ב שם).

טז) סאך מענטשן וואס זענען מקפיד מ׳זאל נאכזאגן אמן נאך זייערע ברכות און געבן אז זאג הויעך בלויז די לעצטע פאר ווערטער פון די ברכה, מענטשן זאלן הערן און נאכזאגן אמן, זענען מכשיל הרבים ווייל מ׳זאגט נאך אמן און מ׳כאפט זיך נישט וועלכע ברכה עס איז און דאס איז אמן יתומה, און נישט בלויז וואס דער ברכה מאכער האט גארנישט פארדינט מיט אזא מאן, האט ער נאך געשטרויכלט אנדערע אויך, (קדושת אמנים כלל ב׳).

* * *

## אמן חטופה — וקטופה

די ווייטערדיגע ביישפילען רופן אן די חז״ל ״אמן חטופה — קטופה״ וואס דער שטראף אויף דעם איז אז זיינע יארן ווערן פארקירצ׳ט. (ברכות מז.).

דער שטראף מוז נישט מיינען דוקא אויף דער וועלט נאר קען באדייטן אויף יענע וועלט, און אמאלביידע וועלטן, (קדושת אמנים כלל ד׳).

א) אויב מען זאגט דעם ווארט אמן דער אל״ף מיט א שו״א, אזוי: אְמֵן״ הייסט דאס אמן חטופה (סי׳ קכ״ד סעי׳ ח׳).

א*) סאך ווערן נכשל אין דעם אומוויסענדיג אז זיי טוען נישט גוט, (קדושת אמנים, שם).

ב) אויף אלע וועגן וואס מ׳זאגט דעם אל״ף אויסער מיט א קמץ הייסט עס אמן חטופה, צ.ב.ש. מיט א שור״ק — אדער חול״ם — פת״ח — סגו״ל (פמ״ג, ומ״ב כט,) און נישט בלויז ביים אל״ף נאר גלייכצייטיג ביים מ׳.

ג) מ׳טאר נישט כאפן און זאגן אמן ווילאנג דער מברך איז נישט פערטיג מיטן ארויסזאגן דעם לעצטן אות פון די ברכה, אדער קדיש ווייל דאמאלטס איז עס אמן חטופה, (סעי׳ ח׳ שם).

ד) אויב דער שליח ציבור זינגט ביים סוף ברכה זאל מען אכטונג געבן נישט צו זאגן אמן ווילאנג ער האט נישט געענדיגט דאס לעצטע ווארט, (פמ״ג, מ״ב ל״ה).

ה) ביי קדיש זאגן אויב דער בעל תפלה איז זייער מאריך מיטן זינגען ביי די ווערטער ״ואמרו אמן״ זאל מען נישט ווארטן ביז ער ענדיגט נאר זאגן תיכף אמן, (מ״א שם, מ״ב ל״ח).

ו) אויב מ׳זאגט נישט ארויס קלאר דעם נו״ן פון אמן הייסט עס אמן קטופה, (סעי׳ ח׳).

ז) דאס זעלבע אויב מ׳זאגט נישט ארויס קלאר דעם אל״ף אדער מ״ם (ב״ח, ער״ת, בה״ל). מ׳דארף זייער אכטונג געבן ווייל געוועגליך זאגט מען נישט קלאר און שארף דעם נו״ן (קדושת אמנים, שם).

ח) נאך איינצעלהייטן וועגן זאגן ״יהא שמיה רבא״ מיט די ריכטיגע נקודות אזוי ווי מ׳דארף, — זעה ווייטער אפטיילונג ״אמן יהש״ר, מיט ברכות ריכטיג און קלאר ארויסזאגן״.

* * *

## באדייטונג פון ווארט אמן — און יהא שמיה רבא

די וואס זאגן אמן און האבן נישט אין זינען די באדייטונג דערפון זענען זיי מבזה די שכינה הק׳, (זוה״ק וילך דף רפ״ה).

א) ביי די ברכות וואס טוען אויסדרוקן א דאנק און לויב צום באשעפער, צום ביישפיל; ברוך שאמר — ישתבח — גאל ישראל — אלע ברכות אויף עסנווארג — ברכות אויף די מצות, א.ד.ג. דארף מען אינזינען האבן ״עס איז קלאר און אמת דאס וואס דער ברכה זאגער האט יעצט געזאגט איך גלייב אין דעם (קכ״ד ס״ו).

ב) די ברכות וואס טוען ענטהאלטן א לויב מיט א געבעט צוזאם, צב״ש גאנץ שמונה עשרה פון חונן הדעת און ווייטער, דארף מען אינזינען האבן ״עס איז אמת וואס דער מברך האט געזאגט איך גלייב אין דעם און בעט גלייכצייטיג אז די בקשה זאל ערפילט ווערן, צום ביישפיל: ביי די ברכה, רופא חולי עמו ישראל, דארף מען אינזינען האבן ביי אמן, ״עס איז אמת אז דער באשעפער איז דער היילער פון זיין פאלק אידן איך גלייב אין דעם, און בעט גלייכצייטיג ער זאל אונז היילען פון אלע פיזישע און גייסטיגע קראנקהייט״ און אזוי ביי אלע אנדערע ברכות. (הגר״ז ט, וח״א, ומ״ב כ״ה, וכל האחרונים).

ג) ביי אמן פון קדיש דארף מען אינזינען האבן יהי רצון עס זאל בקרוב מקויים ערפילט ווערן די בקשה, צום ביישפיל ביי: יתגדל ויתקדש שמיה רבה, דארף מען נאכזאגן אמן און טראכטן ״יה״ר אז בקרוב (אינגיכן) זאל געגרויסט און געהייליגט ווערן דעם גרויסן נאמען פון באשעפער״ דאס זעלבע ביי גאנץ קדיש (פמ״ג שם, הגר״ז שם, מ״ב שם.).

ד) עס איז זייער וויכטיג מ׳זאל אינזינען האבן עס זאל מקויים ווערן בקרוב דוקא, ווייל מקויים ווערן וועט דאס סיוורי ווי עס שטייט אין גאנצן תנ״ך, אונזער בקשה איז אז די אלע זאכן זאלן ווערן בעגלא ובזמן קריב (שם).

ה) ביי אלע אנדערע בקשות אזוי ווי יעלה ויבא — דוכענען — הרחמן׳ס — אלקינו ואלקי אבותינו ביי מוסף פון ר״ח — יחדשהו פון ר״ח בענטשן א.ד.ג., דארף מען אויך אינזינען האבן דאס זעלבע ״עס זאל מקויים ווערן דאס געבעט בקרוב (האחרונים שם, ושו״ת פאר ישע או״ח ח״א).

* * *

## ברוך הוא וברוך שמו:

ו) ביים זאגן ״ברוך הוא״ דארף מען אינזינען האבן אז דער נאמען פון באשעפער זאל געגרויסט ווערן אין די אויבערע וועלטן — ״וברוך שמו״ אין די אונטערע וועלטן, (שו״א ח״ב דף רס״ב).

ז) די באדייטונג איז פאלגענד: יהש״ר מברך, דער גרויסער נאמען פון באשעפער זאל זיין גילויבט , לעלם, אין דער וועלט וואס רופט זיך ״עולם הכסא״ ולעלמי עלמיא, און דעם עולם המלאכים (וועלט פון די מלאכים) און עולם הגלגלים — און עולם הזה (אונזער וועלט) יתברך, זאל ער זיין גילויבט (עי׳ בטור סי׳ נ״ו וב״י שם שכן פירש ר״י בעל התוס׳ בברכות ג. וחולקין שם על המחזור ויטרי שפי׳ בע״א, ובמ״ב סי׳ נ״ו או׳ ב׳ העתיק רק פירוש זה, ופירושו של המחזור ויטרי הוא שצריך לכוון יהא שמיה רבה, פי׳ השם שאינו שלם עד שימחה זכרו של עמלק (עי׳ רש״י סוף בשלח עה״כ כי יד) אנו מתפללין עכשיו שימחה שמו של עמלק במהרה ויתמלא שמו הגדול של הקב״ה תחת שהוא עכשיו י־ה יהי׳ י־ה־ו־ר׳, ופירושו של לעלם וכו׳ אינו מבואר בקדמונים, והעתקתיו מסידור של״ה בסוד קדיש).

אויב מען קען נישט אזויפיל אינזינען האבן ווייל דער בעל תפלה יאגט זיך, אדער צוליב אנדערע טעמים זאל מען אינזינען האבן ביי לעלם ולעלמי עלמיא יתברך, און אלע וועלטן וואס זענען פאראנען, זאל ער זיין גילויבט (האחרונים שם, ובשו״ת אור ישרים או״ח סי׳ י״ט).

ח) ביי יהא יש״ר מברך זאל מען אויך אינזינען האבן אז עס זאל אויסגעמעקט ווערן דער אנדענק פון עמלק און דער נאמען פון השי״ת מיטן כסא הכבוד זאלן גאנץ ווערן (הטעם בשו״ת הנ״ל משום דלדעת המחזור ויטרי עיקר פירושו כן, (עי׳ לעיל או׳ ז׳) וכ״כ באבודרהם בפי׳ הקדיש, והטור בסי׳ נ״ו מביא ב׳ הפירושים, וכן בב״י, ובב״ח שם כ׳ שנהדר לצאת גם דעתו, וכ״כ בשכנה״ג, ועט״ז, א״ר, והחיד״א במו״ב סי׳ ב׳ או׳ ל״ד דבאיהש״ר יכוין שימחה זכר עמלק ואז שמו וכסאו ית׳ שלם, וכן בכתבי האריז״ל להדיא דצריך לכוין כן, עי׳ שעה״כ ענין קדיש דף ט״ו, ובפע״ח שער הקדישים פ״ו, שלמי ציבור דף פב., שערי קדושה להרח״ו ח״א שער ד׳, אור צדיקים תיקון התפלה סעי׳ מ״א, עכ״ל,).

ט) דאס וואס די חז״ל זאגן (שבת קי״ט) אז צוליב׳ן זאגן יהש״ר צורייסט מען דעם גזר דין, מיינט נאר אויב מ׳זאגט מיט כוונה (רש״י שם, וכ״כ הרר״י בפ׳ כל כתבי), טייל פוסקים זאגן אז נאר ווען מ׳זאגט הויעך (תוס׳ שבת שם בשם פסיקתא, זוה״ק תרומה דף קכט:).

זעה אויך אפטיילונג ״וויכטיגע דינים ביי קדיש״ או׳ ד־ה־ו.

* * *

## מסירת מודעה — עצה וועגן כוונת אמן

י) זאגן אמן אהנע כוונה איז אויך א עבירה, דער זוה״ק (פ׳ וילך) שרייבט: בעסער אויב ער וואלט נישט באשאפן געווארן.

יא) נאך שרייבט דער זוה״ק: דער וואס איז נישט מכוון ביים זאגן אמן אויף אים זאגט דער פסוק ״ובוזי יקלו״ מיינט די וואס טוען מיך פארשעמען (די שכינה הק׳) וועלן גרינג־געשעצט ווערן, און זיין שטראף איז ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט רופט מען אויס אויף אים: פארשפארט אלע טויערן פאר אים ער זאל נישט קענען אריינגיין אין גן עדן, וויי פאר אים — וויי פאר זיין נשמה, און ער ווערט אריינגעשליידערט

אין טיעפסטען ארט פון גיהנם און דארט בלייבט ער אייביג (שם בפ׳ וילך, ובס׳ אור צדיקים תיקון תפלה סעי׳ נ״ב).

אפילו טראכטן אין לערנען טאר מען נישט ווען דער חזן זאגט קדיש, (פר״ח סי׳ נ״ו, מ״ב אר׳ א׳).

יב) אזוי ווי דער שטראף פאר אמן אהנע כוונה איז זייער גרויס און לוידער בעוה״ר פאלט מען דורך טאג טעגליך מיט זאגן אמנים אהנע כוונה דערפאר זאל מען זאגן פארן יעדן דאווענען אזוי: **״רבש״ע גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כח לכוון כוונת אמן כראוי, לכן יהי רצון מלפניך שתהא עולה כוונת אמן שלי עם כוונת אמן מאותם השרידים היודעים לכוון כוונת אמן כראוי״** (אור צדיקים תיקון תפלה סעי׳ נ״ב).

**אידישע איבערזעצונג:** ״האר פון דער וועלט עס איז באוויסט פאר דיר אז איך בין פלייש און בלוט, און איך האב נישט כח אינזינען צו האבן די כוונות פון אמן אזוי ווי מ׳דארף, דערפאר זאל זיין דער ווילן פון פאר דיר אז מיין אמן זאגן זאל ארויפגיין צו דיר מיט די כוונה פון די געציילטע גרעסטע צדיקים וואס ווייסן אינזינען צו האבן ביי אמן אזוי ווי מ׳דארף.

יג) ביי וידוי פון אשמנו וואס מ׳זאגט יעדן טאג זאל מען די עבירה פון נישט זאגן אמן בכוונה אויך אינזינען האבן, און פארגיסן הייסע טרערן פון טיפעניש פון הארץ אויף דעם און אויף די אלע אמניםן וואס מ׳האט אינגאנצן נישט געזאגט (אור צדיקים שם).

יד) ווען מ׳הערט זאגן א ברכה זאל מען זיך באלד אפשטעלן פון אלע זאכן, און א טראכט געבן, וועלכע ברכה ווערט יעצט געזאגט, כדי צו קענען נאכזאגן דעם אמן מיט די פאסענדע כוונה, און אויב נישט איז כמעט נישט מעגליך מ׳זאל קענען נאכזאגן אמן מיט די געהעריגע כוונה און דאס ווערט שוין באטראכט ווי א פשיעה נישט ווי א אונס (ס׳ הקדמון קדושת אמנים כלל ו׳, ושו״א ח״ב דף רע״ב).

טו) חס ושלום צו רעדן בשעת די ברכה ווערט געזאגט (שו״א שם).

טז) דער געוואלדיג גרויסער שכר וואס ערווארטעט די וואס זאגן אמן, איז נאר אויב ער זאגט דאס מיט אלע איינצעלהייטן דאס מיינט: יעדע אמן מיט זיין ספעציעלע כוונה — נישט אמן יתומה — נישט חטופה, וקטופה — הויעך — מיט כח, און דאמאלטס וועט ער זוכה זיין צו דעם וואס די חז״ל שרייבן: אז אלע טויערן פון גן עדן פון קלענסטען ביזן העכסטען זענען אפען פאר אים צו גיין און קומען אין זיי, (שו״א ח״ב דף רע״ג).

יז) עס איז קיין שום חילוק צווישן קדיש אויף תנ״ך — אגדה — משניות (פמ״ג סי׳ נ״ו, מ״ב סק״א).

* * *

## פרק י״ג

## אמן־יהש״ר און ברכות — ריכטיג און קלאר ארויסזאגן

קדיש וואס מ׳זאגט פאר א נשמה נאר אויב מ׳זאגט ארויס יעדעס ווארט געהעריג אות באות, (פלא יועץ בספרו חסל״א סי׳ נ״ו אר׳ א׳).

א) דער גימ"ל פון "יתגדל" און דער קו"ף פון "ויתקדש" דארף מען זאגן מיט א פת"ח (פמ"ג סי' נ"ו, מ"ב סק"ב, ובזה נכשלין אותן ההולכין ברוח ההתחדשות, כאשר תוכל לדייק עת אמרם קדיש שאומרים יִתְגֹדל וִיתְקֹדש).

ב) לויטן מיינונג פון מערסטע פוסקים דארף מען זאגן דעם דלי"ת פון יתגדל און ויתקדש מיט א ציר"י (דעת רש"י בס' הפרדס, סידור הגר"ז, פמ"ג סי' נ"ו מ"ז סק"א, ומ"ב סק"ב, ובא"א בטשאטש סי' נ"ו שקודם אמר בפת"ח, והדר בי' ואמר בציר"י, וכ"ד הגר"א, ובס' דחו"ש שכן נהג בעל מנח"א זצ"ל, דלא כיעב"ץ שכ' לומר בפת"ח).

ג) דעם גימ"ל פון יתגדל דארף מען שטארק ארויסזאגן עס זאל נישט אויסזעהן ווי "יתקדל", (א"ר, פמ"ג, מ"ב שם).

ד) נאכן ווארט "כרעותי" זאל ער מפסיק זיין א רגע, צו ווייזן אז דאס גייט צוריק אויפן ווארט יתגדל וכו' (מ"ב שם).

ה) די ווערטער "די ברא" זענען צוויי ווערטער דערפאר זאל מען עס זאגן צוטיילט (שם).

ו) די ווערטער "שמיה רבה מברך" דארף מען זאגן צוזאם, און נישט מפסיק זיין צווישן שמיה און רבה, אדער צווישן רבה און מברך, (רמ"א נ"ו א, מ"א שם, וע"ע בע"ז פמ"ג, ומחה"ש שם, ומ"ב שם, ומ"ב ג, וכה"ח י"א).

ז) דער ווארט מברך זאגט מען מיט א קמ"ץ אונטערן בי"ת און א פת"ח אונטערן רי"ש "מְבָרַך" (מ"א ומ"ב שם)

ח) ביים ווארט לעלם דארף מען זאגן שארף דעם שו"א פונם למ"ד לְעָלַם" אויב נישט זאגט מען עס געווענליך שנעל מיט א קמ"ץ לָעלַם (קדושת אמנים כלל ז').

ט) דער ווארט ולעלמי שטייט אין די סידורים מיט א ווא"ו (וכ"כ במ"ב שם) לויט די קבלה פון האריז"ל דארף מען זאגן אהנע וא"ו "לעלמי" און אזוי האלטן אסאך פוסקים (פע"ח שער הקדישים פ"ד, ופ"ג, שעה"כ דף י"ד, ש"ץ דף פ"א, סי' יעב"ץ או' נ"ב, ב"י בשם מהר"י אבוהב, שע"ת נ"ו ב, חסל"א נ"ב י"ד, בא"ח ויחי או' י"א, כה"ח סי' נ"ו יג, וכ"כ ביפל"ל או' ח' בשם כמ"פ וכ' דלא כמי שכתב שצ"ל ולעלמי בוא"ו, וכ"נ בשו"ע סעי' ו').

י) דער בעל תפלה זאל נישט בלייבן שטיין צווישן בזמן קריב — און ואמרו אמן, דאס מיינט אויך ימים טובים און ימים נוראים ווען מען זינגט קדיש — אויב דער בעל תפלה ציהט לאנג מיטן ניגון נאך "בזמן קריב" ביז ער ענדיגט "ואמרו אמן" זאל דער עולם באלד זאגן אמן-יהש"ר (מ"א ופמ"ג בסי' קכ"ד, ומ"ב שם ובסי' נ"ו).

יא) די וואס זאגן יהא ש"ר ביז עלמיא און זאגן נישט "יתברך" זענען זיך טועה ווייל מ'טאר נישט אפהאקן "עלמיא" פון "יתברך" (סי' נ"ו סעי' ג' ובאחרונים, ומ"ש במ"ב ס"ק ט"ו בשם גר"א צ"ע למעשה ממ"ש רב"י בשם הר"י גיקטאלייא דהמפריד בין עלמיא ליתברך כקצץ במקום דליכא קיצוץ).

יב) טייל פלעצער פירט מען זיך צו זאגן פון יהש"ר ביז דאמירן בעלמא (עי' היטב במ"א סו"ס נ"ו, ומ"ב וכה"ח שם, ומצאתי בס' שומר אמונים ח"ב דף רסד: שכ' וז"ל: הנה בענין אמירת יהא שמיה רבה יש ב' נוסחאות וכו' אבל רובא דעלמא, וכן רובא דרובא צדיקי

עולם תלמידי בעש"ט ז"ל, וכן רוב גאוני עולם, נהגו לומר רק עד יתברך, ובלי ספק אצלי שהטעם הוא כמ"ש במ"א סי' נ"ו סק"ט בשביל שעפ"י רוב חוטפים הקדישים ואם יאמר עד דאמירן בעלמא יצטרך לומר יהש"ר בחטיפה, ולא יהא לו פנאי לכוין שום דבר, בפרט בדורות חלושים כאשר יעיד החוש, וטוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה, וכל לבבות דורש ה', עכ"ל).

יענע פלעצער טאר מען אויך נישט זאגן נאך יתברך, אויב מ'האלט אויף א פלאץ ווי מ'טאר נישט אויסרעדן (מ"ב ט"ו בשם ח"א).

יג) דער בי"ת פון יתברך זאל מען נישט צו שטארק דריקן (מ"ב סק"ב).

יד) דער דלי"ת פון "קודשא" זאל מען געהעריג זאגן, נישט ווי עס וואלט געווען א טי"ת (קדושת אמנים כלל ט').

טו) "קודשא בריך הוא" זאגט מען צוזאם, נאכדעם א הפסק פון א רגע, נאכדעם זאגט מען "לעילא" וכו' (שע"ת בשם כוונת האריז"ל, וכ"ד הגר"א, ומ"ב ס"ק י"ד דלא כמ"א שם).

טז) צווישן אמן און יהא שמיה דארף מען א רגע מפסיק זיין, (של"ה, מ"ב שם).

יז) מ'זאל אכטונג געבן נישט צו זאגן "בריכו" אנשטאט "בריך הוא" (כה"ח יד,).

יח) "מן כל ברכתא" דארף מען זאגן, די טעג וואס מ'זאגט "לעילא לעילא" פון ר"ה ביז נאך יוה"כ זאגט מען "מכל ברכתא" (פע"ח שער הקדישים פ"ג־ד, נגיד ומצוה, הר"ר שלום שרעבי זצ"ל בס' נהר שלום סוף כוונת הקדיש דף כ. שע"ת ב, מ"ב שם, כה"ח יג).

יט) דער בעל תפלה זאל נישט זאגן נאכאמאל צוזאם מיט די מתפללים אמן־יהש"ר, נאר אנהייבן מיט יהש"ר (רמ"א ס"א, פמ"ג, דה"ח, מ"ב שם).

כ) ווען רוב מענטשן האבן געענדיגט יהא שמיה וכו' ביז יתברך, זאגט דער בעל תפלה ווייטער הויעך פון יתברך, (עי' מ"ב שם, ובסי' קכ"ד סעיף ט, יא,).

מיט דעם איז ליידער א חורבן, ווייל אפילו די וואס געבן אכטונג ביי ברכות נישט אנצוהייבן די צווייטע ברכה ווילאנג רוב האבן שוין געענדיגט אמן, אבער ביי יהש"ר שטעלט מען זיך נישט אפ ווארטן אויף רוב ביי יתברך (האחרונים שם).

כא) צווישן "ויתקדש" און "שמיה" דארף מען מפסיק זיין (דיקדוקי אמנים פ"ב).

כב) מ'דארף זאגן "בַעֲגָלָא" נישט בַגָלָא (שם).

כג) צווישן קרוב און ואמרו דארף מען אפשטעלן איין רגע (שם).

כד) ופורקנא "מן קדם" נישט "מקדם" (שם).

כה) מ'דארף ארויסזאגן קלאר די ההי"ן פון "צלותהון ובעותהון" און "אבוהון" (שם).

* * *

## פרק יד
## נאך וויכטיגע דינים ביים נאכזאגן אמן

א) מ'טאר נישט זאגן שנעל דעם ווארט אמן נאר אביסעל לאנג, אזוי־לאנג ווי עס דויערט צו זאגן, א־ל־מלך־נאמן, ווייל אויב מ'זאגט שנעל קוקט אויס ווי דאס גאנצע אמן זאגן איז א עול וואס מ'וויל פטור ווערן דערפון, (מ"ב קכ"ד ל"ו).

נאך א טעם ווייל דורכדעם ווערט עס א אמן חטופה, קטופה (זעה ביי די דינים פון אמן חטופה, קטופה).

ב) כאטש די הלכה איז אז דער וואס זאגט אמן טאר נישט הכער זאגן ווי דער וואס זאגט די ברכה (קכ״ד סי״ב) אויב די כוונה איז כדי מזרז זיין די אנדערע מתפללים זיי זאלן אויך זאגן אמן־יהש״ר מעג מען, דאס־גלייכען ביי ברכו אויך (מ״ב שם מ״ז, וכה״ח שם בשם שו״ת לב חיים).

דער וואס דאווענט אין זעלבן בית המדרש שטענדיג מעג זאגן אמן־יהש״ר שטארק הויעך, ווייל די מענטשן וועלן זיך צוגעוואוינען דערצו, (שו״א ח״ב דף ע״ר).

ג) פרויען וואס מאכן א ברכה אפילו אויף א מצוה וואס זיי זענען נישט מחויב, סוכה — אתרוג — שופר, א.ד.ג. מעג מען אויך זאגן אמן.

ד) נאכן זאגן אמן פון המחזיר שכינתו לציון זאל מען מאכן א שטיקל הפסקה פאר מ׳זאגט מודים, מ׳זאל נישט זאגן אמן מודים, ווייל אמן גייט אויף די ברכה און מודים גייט פאר זיך, (של״ה מובא בא״ר סי׳ נ״ו, פמ״ג סי׳ נ״א, מ״ב קכ״ד כ״ה, כה״ח נ״ו י״ד).

ה) די זעלבע הלכה איז אויך ביי: אמן יהא שמיה רבה, מ׳זאל בלייבן שטיין א רגע צווישן אמן און יהא שמיה רבה, (שם).

ו) די זעלבע איז אויך ביי אמן נאך די ברכה פון הפורס סוכת שלום זאל מען מפסיק זיין צווישן אמן און ושמרו (שו״ת הנ״ל בשם האחרונים).

ז) אויב איינעם קומט אויס נאכצוזאגן אויף איינמאל, אמן, אויף צוויי אנדערע זאכן זאל ער זאגן ״אמן אמן״ נאך בעסער אויב ער זאגט אמן ואמן (ברכ״י סי׳ קכ״ד, שע״ת שם, מ״ב או׳ כ״ה).

ח) בשעת מען זאגט נאך אמן, און יהא שמיה רבה, זאל מען נישט טוהן קיין שום זייטיגע זאכן אפילו צוזאמ־לייגען טלית־ותפלין, א.ד.ג. (כה״ח סי׳ ה׳ או׳ ג׳).

ט) אפילו אויף א ברכה פון א קליין קינד דארף מען זייער געווארנט זיין צו זאגן אמן (סי׳ רט״ו, ובס׳ הגן ודרך משה עובדא הנוראה בע״ז, ועי׳ שו״א ח״ב דף רע״ב:).

י) דער אלגעמיינער אנגענומענער מנהג איז אז נאך א אייגענע ברכה זאגט מען נישט קיין אמן, נאר נאך די ברכה ״בונה ברחמיו ירושלים״ (רמ״א סי׳ רט״ו סעיף א׳).

יא) אויב מ׳ענדיגט א ברכה אין די זעלבע צייט וואס א צווייטער האט געענדיגט די זעלבע ברכה טאר מען נישט נאכזאגן אמן, (מ״א סי׳ נ״א סק״ב, א״ר ב, ברכ״י ב, הגר״ז ג, סי׳ יעב״ץ או׳ יא, מ״ב ג,).

דאס איז א אפטער ערשיינונג אין ביהמ״ד ביי: ברוך שאמר, יוצר המאורות, המעריב ערבים, און נאך.

יב) ביי ישתבח, שומר עמו ישראל לעד, יהללוך נאך הלל, מעג מען יא זאגן אמן (שם).

יג) אויב ער ענדיגט איין ברכה און דער שליח ציבור (אדער אנדערער) א אנדערע מעג מען יא זאגן אמן, (מ״א, א״ר, הגר״ז, ברכ״י, גר״א, מ״ב שם, שע״ת ב,).

יד) אינמיטן פסוקי דזמרה (פון ברוך שאמר — ביז נאך ישתבח) מעג מען נאכזאגן אלע אמנים אפילו אינמיטן ברוך שאמר אדער ישתבח אויסער נאך "ברוך אתה ד'" בעפאר מ'ענדיגט די ברכה (מ"א סי' נ"א ג' מ"ב ב').

טו) אויף די ברכה פון ברוך שאמר און ישתבח טאר מען נישט אויב מ'האלט אינמיטען ברוך שאמר אדער ישתבח (מ"ב שם, וע"ש בבה"ל דבב"ש הדין אחר בא"י, ובישתבח מיד מתחלה).

טז) די ברכות וואס מ'הערט ביים דאווענען, צום ביישפיל: המעריב ערבים, יוצר המאורות, מלך מהולל בתשבחות, מלך חי העולמים אויב מ'האלט דארט ווי מ'מעג נאכזאגן אמן, דארף מען נאכזאגן אמן נאך יעדן וואס מ'הערט פון זיי די ברכה נישט בלויז נאכן חזן, (פשוט, וכ"כ בבה"ל ריש סי' נא).

דעריבער דארף מען אכטונג געבן מ'זאל נישט ענדיגען קיין ברכה הויעך אויב אין ביהמ"ד איז שטיל, עס איז א מכשול (שטרויכלונג) פאר ציבור, ווייל די מענטשן זאגן נישט קיין אמן נאר נאכן חזן, און זענען דורכדעם עובר די הלכה, (אחרונים).

יז) ביי אלע קורצע ברכות טאר מען נישט מפסיק זיין אינמיטן צו קיין שום זאך אפילו יהש"ר, קדושה, (כסף משנה ה' תפלה סופ"י, מגן גבורים סי' ס"ו, בה"ל שם, ח"א כלל ה').

יח) אינמיטן קר"ש פון תפלין רבינו תם מעג מען נאכזאגן אמן און ברוך הוא וברוך שמו (בעל מסגה"ש בישועות חכמה סו"ס ט"ז).

יט) אויב איינער שערט זיך די נעגל פון די הענט און הערט א ברכה מוז ער זאגן אמן (שו"ת מהרש"ם ח"ד סי' קמ"ח).

כ) די פלעצער וואס מ'טאר נישט רעדן הייליגע רייד — תורה, ותפלה — נאר טראכטן, מעג מען זאגן אמן (א"א בטשאטש סי' קכ"ד ס"ה).

כא) צופריה בעפארן אפגיסן נעגל וואסער מעג מען זאגן אמן (א"א בטשאטש סי' פ"ה).

כב) דער וואס הערט א ברכה דורכן טעלעפאן זאל נישט נאכזאגן אמן (אור המשמח דף ג').

כג) אויב איינער זאגט א ברכה וואס איז איבריג זאל מען נישט נאכזאגן אמן (סי' רט"ו ס"ד).

כד) אויב עפ"י הלכה דארף מען נישט זאגן די ברכה, ער זאגט אבער די ברכה פארלאזענדיג זיך אויף געוויסע פוסקים מעג מען זאגן אמן, מ'איז אבער נישט מחויב (מ"ב בבה"ל סי' קכ"ד, א"א בטשאטש).

כה) אויב מ'הערט הויעכע שמונה עשרה פון מנחה ווען עס איז שוין נאכט מעג מען נאכזאגן אמן (א"א להגה"ק מבטשאטש, ושו"ת מהר"ם שי"ק או"ח סי' צ"א).

כו) אויב מ'הערט די סוף ברכות פון איינעם וואס דאווענט שטילע שמונה עשרה זאל מען זאגן אמן (שלח"מ סי' ו' אר' ע"ג).

כז) אינמיטן פסוקי דזמרה זאגט מען נישט "בריך הוא" (עי' שו"ת לבוש"מ או"ח סי' י', ושלח"מ סי' ו' אר' צ"ג).

כח) אויב מ'זאגט אמן בחנם איז מען נישט עובר לא תשא (פמ"ג רט"ו א"א סק"א).

כט) כאטש די הלכה איז אז ווען מ'זאגט אמן מוז מען וויסען וועלכע ברכה מ'שטייט, פונדעסטוועגן אויב ער ווייסט אז די ברכה איז אויף תפלין אפילו ער ווייסט נישט אויב של יד אדער של ראש מעג ער זאגן אמן, דאס זעלבע ביי די ברכות פון ליינען (קרה"ת) מוז ער נישט וויסן אויב עס איז די ערשטע אדער צווייטע (א"א בטשאטש סי' קכ"ד).

* * *

## פרק טו
## חינוך צום דאווענען

א) ווען א קינד איז 6-7 יאר אלט איז ראוי מען זאל אים געוואוינען מקפיד צו זיין צו ליינען קר"ש ביים זמן מיט די ברכות פון קר"ש (סי' ע' מ"ב סק"ו).

ב) מ'דארף מחנך זיין א קינד פון 6-7 יאר צו דאווענען שמונה עשרה צופריה און ביינאכט (סי' ק"ו ומ"ב סק"ה).

ג) א טאטע דארף האלטן די קינדער נעבן זיך און אכטונג געבן זיי זאלן דאווענען געהעריג (מ"ב סי' צ"ח סק"ג — וסי' תרפ"ט ס"ק ח"י — שו"ת חתן סופר סי' ל"ז).

* * *

## פרק טז
## געקליבענע וויכטיגע דינים פון דאווענען

א) מ'זאל זאגן ברכות הויעך און געשמאק דאמאלטס וועט ער זוכה זיין צום גן עדן, און דאס וועט זיין א קרוין פאר זיין קאפ (ס' הגן יום שני בשם א"ז). און עס ווערט אנגענומען אין הימל ווי ער וואלט מקריב געווען אלע קרבנות פון ויקרא (שם).

ב) ווען מ'גייט ארויס פון ביהמ"ד נאכן דאווענען דארף מען זיך אראפזעצן און זאגן "אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך" נאכדעם שטייענדיג כי כל העמים וכו', נאכדעם בוקט מען זיך קעגן ארון הקודש דריי מאל זאגענדיג "ד' נחני בצדקתיך וכו' (רמ"א ומ"א, וא"ר ואחרונים סו"ס קל"ב).

ג) מ'זאל נישט ארויסגיין פון ביהמ"ד מיטן רוקען צום ביהמ"ד נאר זייטיג (סי' קל"ב מ"א סק"ו).

ד) ביים ארויסגיין פון ביהמ"ד טאר מען נישט לויפן נאר גיין פאמעלי"ך אויסער אויב מ'גייט צום לערנען (סי' צ' ומ"ב ס"ק מ"ג).

ה) מ'זאל נישט ארויסגיין פון ביהמ"ד ביז ציבור ענדיגט דאס דאווענען (ספר חסידים, כנסת ישראל או' כ"ח).

ו) אינזינען האבן די ווערטער פון דאווענען, מיינט, מ'זאל אינזינען האבן דאס איבערטייטש און באדייטונג פון יעדעס ווארט בעפאר מ'זאגט עס ארויס (ס' סוד יכין ובועז, מובא בליקו"מ ח"א דף כ"ה ע"ב, וכ"כ באגרת הרמב"ן, ובס' הרקח בהקדמה).

ז) עס איז זייער וויכטיג מען זאל דאווענען אין א סידור, א סאך צדיקים פלעגן מקפיד זיין אפילו די ברכה "אשר יצר" צו זאגן פון א סידור דוקא (פמ"ג סי' נ"ג מש"ז ט"ו, צוואת

יש נוחלין אבי של״ה הק׳, צוואת ס׳ ברית אברהם בנו של השל״ה זי״ע או׳ ו׳, צעטיל קטן להצה״ק מרן מוהר״ר אלימלך זי״ע, הנהגות המגיד הק׳ מזלאטשוב זי״ע, נוסח א׳ או׳ ט׳, עץ פרי בשם הצה״ק מוהרר״פ מקאריץ זצ״ל, ליקוטי מהרי״ח ח״א דף כ״ה ע״ב בשם האריז״ל, והגר״א, רגל ישרה או׳ אמן, מ״א סי׳ צ״ג בשם האריז״ל, אור צדיקים עמוד התפלה סי׳ ה׳ או׳ י׳, עבה״ק להחיד״א קס״ג או׳ י״ז).

ח) אפילו א מענטש דאווענט און טוט אנדערע זאכן לשם שמים אבער ער האט אויך אינזינען כבוד מיט געלט א.ד.ג. הייסט עס געדינט דעם באשעפער בשותפות מיט עבודה ז.. רח״ל, וואס לויטן ספר חובת הלבבות (שער יחוד המעשה) איז דאס פיל ערגער פון דעם וואס דינט בלויז עבודה ז..

קומט אויס אז מ׳קען מיט די מצות ציצית — תפלין — תפלה, דינען עבודה ז.. ח״ו דערפאר זאל מען זאגן בעפאר דעם דאווענען אזוי: רבש״ע גלוי וידוע לפניך שרצוני לעשות רצוניך דייקי, ובאפשר באמצע העבודה יפתנו יצר הרע ויפול במחשבתי איזה מחשבה אחרת לעבוד העבודה באיזה פנוי׳, הנני מבטל אותה המחשבה והרהור ורעותא דלבא כי רצוני באמת עצור בעצמותי ודבוק במחשבתי לעבוד עבודה שלימה בלתי לד׳ לבדו (דפ״ק מל״ת י״ב).

ט) די מצות ומעשים טובים וואס מ׳טוט ווען מ׳איז פיל מיט עבירות גייט רח״ל צו די קליפות דעריבער זאל מען זאגן פארן דאווענען אדער קיום המצות מיט א ריין הארץ פון חרטה:

רבש״ע מחול לי על מה שחטאתי לפניך מיום היותי על האדמה עד היום הזה וגם בגלגולים הקודמים במחשבה דיבור ומעשה, בשוגג, מזיד, ופשיעה, בפרט בדברים שהם ראי׳ שמיעה, ריח, דיבור, מישוש, הליכה, והריני מקבל עלי מהיום והלאה לעשות כרצונך בכל מחשבה, דיבור, ומעשה, (נפוצות ישראל שער ד׳).

י) מ׳זאל נישט דאווענען אין הויז פון א רשע (אגד״פ צ״ח).

יא) מ׳דארף געווארנט זיין נישט צו ליינען קריאת שמע אדער דאווענען און לערנען דארט ווי מ׳הערט דאס געזאנג פון א פרוי אדער ערוואקסענע מיידעל, (עי׳ או״ח סי׳ ע״ה סעי׳ ג׳ מ״א ו׳, הגר״ז ו׳, ח״א כלל ד׳ או׳ ו׳, דה״ח או׳ ב׳, מ״ב שם, ואה״ע סי׳ כ״א ובכ״ש שם).

יב) די אלע פארדעקטע פלעצער פון קערפער אויב זיי זענען אביסל אפען אפילו ביי זיין אייגענע פרוי טאר מען שוין נישט רעדן הייליגע רייד (סי׳ ע״ה, וח״א כלל ד׳ או׳ ז׳, מ״ב סי׳ ע״ה).

יג) אין א טאג פון א תענית אויב דער שליח צבור האט פארגעסן צו זאגן עננו ביז ער האט שוין געענדיגט ברכת רפאנו זאל ער זאגן עננו ביי ברכת שומע תפלה, און ענדיגן בלויז ״שומע תפלה״ (סי׳ קי״ט סעי׳ ד׳, מ״א סק״ו, ט״ז סק״ד, פמ״ג שם, ח״א כלל כ״ט ה״י סד״ה ב, קש״ע כ׳ ח׳, באה״ט ז, ש״ע הגר״ז ה, ו, מ״ב שם). אויב מ׳האט פארגעסן ביי שומע תפלה זאגט מען נאך המברך את עמו ישראל בשלום (שם).

יד) אויב איינער דערמאנט זיך ראש חודש אינמיטן ״אלקי נצור״ אז ער האט נאכנישט געזאגט יעלה ויבא אין פלוצלונג האלט דער ציבור ביי קדושה זאל ער נישט מיטזאגן קדושה

נאר אויסהערן, ווייל אויב ער וועט מיטזאגן וועט ער נאכדעם מוזן איבער־דאווענען די שמונה עשרה צוזאגן יעלה ויבא, אבער יעצט וועט געווג זיין אויב ער גייט צוריק צו רצה (שו״ת שו״מ מהד״ק ח״ג סי׳ קס״ט).

טו) די דריי טריט וועלכע מ׳טרעט אויס נאך שמונה עשרה מוז זיין כאטש אזוי גרויס אז מ׳זאל אראפשטעלן דעם סוף פון דעם פיס נעבן אנהייב פון דעם אנדערן, ווייניגער פון דעם הייסט נישט קיין טריט (קכ״ג ס״ג, מ״א י׳, הגר״ז א׳, ח״א כלל כ״ד כ״ח, סדה״ח, מ״ב שם). אויב מ׳האט נישט אזוי אויסגעטרעטן איז פונקט ווי ער וואלט נישט געדאווענט (טור ושו״ע שם ומקורו בש״ס יומא נג.) און זיין שטראף דאפעלט גרעסער פון איינעם וואס דאווענט אינגאנצן נישט (יסוד ושורש העבודה שער ה׳ פ״ה באמצע).

טז) דער וואס הערט אויס מיט כוונה די הויכע שמונה עשרה און זאגט נאך אמן בכוונה ווערט אים פארעכנט ווי ער וואלט געדאווענט דריי תפלות (אבודרהם ה׳ תפלה).

יז) מיט דעם וואס מען געוואוינט די קליינע קינדער צו פאסטן יום כיפור, און מ׳טראגט זיי אין שוהל דאמאלטס ווערן זיי געראטעוועט פון די מסוכן׳דיגע קראנקהייט וואס הייסט ״אסכרה״ (זוה״ק בלק דף רג. ניצוצי אורות או׳ ב׳).

יח) ביי קדושה דארפן די אויגן זיין פארמאכט (קכ״ה סעי׳ א׳ בט״ז, שע״ת א׳ בשם האריז״ל, ואור צדיקים דף כ״ו ע״ב, ש״ע הגר״ז סעי׳ ג׳, סידור נהורא השלם קודם קדושה, תוס״ח כלל ל׳ או׳ כ׳).

יט) די כהנים וואס טוען אויס די שיך צום דוכענען זאלן עס באהאלטן אונטער די בענק כדי עס זאל נישט ליגען אפען אין ביהמ״ד עס איז א בזיון (ש״ע הגר״ז סי׳ קכ״ח סעי׳ ו׳ ז׳, פר״ח בשם שכנה״ג, ח״א כלל ל״ב או׳ י׳, קש״ע סי׳ ק׳ סעי׳ ו׳).

כ) פונקט ווי דער לוי דארף זיך וואשן די הענט בעפאר ער גיסט אפ דעם כהן צום דוכענען כמבואר בסי׳ קכ״ח באה״ט בשם שכנה״ג, ובש״ך בשם הגהת ספרא דצניעותא, מובא בשע״ת שם, ואור צדיקים עמוד התפלה סי׳ י״ט) דאס זעלבע אויב עס איז נישטא א לוי צו וואשן די הענט פון כהן נאר א בכור זאל ער זיך וואשן די אייגענע הענט קודם (שו״ת אור הישר סי׳ פ״א).

כא) ווען די כהנים זאגן דעם שם ביים דוכענען זאגט מען ברוך הוא וברוך שמו, אבער נישט ווען דער בעל תפלה זאגט (פר״ח סי׳ קכ״ח, תוס״ח כלל ל״ב או׳ י״ד בסופו).

כב) מ׳איז מחויב צו שטיין ביים זאגן ״ברכו — און ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד״ (ט״ז סי׳ קמ״ו בסופו, ונמשכו אחריו בח״א כלל ל״א או׳ ג׳, ובס׳ דה״ח דיני הנהגת הקהל בשעת הקריאה א, קש״ע סי׳ כ״ג ו׳, ובסי׳ ישועות ישראל דיני קרה״ת או׳ כ׳, יסוש״ה שער החמישי פ״ח).

מ׳זאל מחמיר זיין אויב מעגליך צו שטיין בשעת די גאנצע ברכה (מ״א שם, שערי אפרים שער ד׳ ט׳).

כג) די מענטשן וואס כאפן שנעל דעם שמונה עשרה כדי זיי זאלן קענען זאגן תהלים מיט אנדערע תפלות טוען נישט גוט (יער״ד להגר״י אייבשיץ זלה״ה ח״א דף ח׳).

כד) עס איז געווג צו זאגן פינעף־זעקס (6־5) קאפיטלעך תהלים יעדן טאג מיט כוונה נישט אפכאפן א סאך אהנע כוונה (שם דף כ״ב).

כה) ביי ווידוי ווי מ׳זאגט — **אבל אנחנו ואבותינו חטאנו** — זאל מען אינזינען האבן די עבירות וועלכע מ׳האט געטוהן אין פרייער׳דיגען גלגול (ס׳ מ״ץ אר׳ רנ״ו, רו״ח סי׳ קל״א אר׳ ו׳ כה״ח אר׳ ט״ז).

כו) די עבירות וועלכע מ׳רעכנט אויס ביי ווידוי פון אשמנו בגדנו וכו׳ דארף מען זאגן מיט כוונה און צובראכנקייט, ווייל אויב נישט אויסער דעם וואס עס ווערט נישט אנגענומען אין הימל מאכט דאס נאך ערגער ווייל ער ברענגט אויף זיך א קטרוג דורכן אויסרעכענען און דערמאנען זיינע עבירות וועלכע ער איז באגאנגען (בני יששכר חדש תשרי, כה״ח סי׳ קל״א אר׳ טו״ב).

עס איז גלייך ווי איינער וואס האט זיך פארזינדיגט פאר א גרויסן קעניג און אנשטאט זיך צו באהאלטן אז דער צארן פון קעניג זאל אים ח״ו נישט טרעפען, שטעלט ער זיך פארן קעניג און נעמט זיך דערציילן מיט שטאלץ וויאזוי ער האט איבערגעטרעטן זיינע געבאטן און ער זאל אים פארגעבן, מיט א טאן פון געשפאט, פיל פיל מער איז צו ערווארטן די שטראף פאר אזא מענטש ווי פאר איינעם וואס שעמט זיך און באהאלט זיך דאס פנים פאר בושה צוליב זיין זינד (פאר ישרים ערך ווידוי).

כז) ביי ווידוי דארף מען זיין געבויגן אזוי־ווי ביי מודים (של״ה מ״א תר״ז סק״ד, א״ר ט׳).

כח) ביי ווידוי דארף מען שטיין און נישט זיין אנגעלענט (סי׳ תר״ז סעי׳ ג׳, ובשעה״ר דרוש ה׳ מדרושי הלילה דף נ״ה).

כט) דער של״ה הק׳ בייזערט זיך (כועס) די גבאים וואס גייען צוזאמנעמען געלט ביי די הויכע שמונה עשרה און שטערן (מבלבלים) דעם ציבור פון זאגן בהוב״ש־אמן (של״ה דפוס אמש׳ דף ל״ו).

ל) מ׳זאל נישט לויפן אינמיטן גאס אזוי־ווי די משוגעים, און אויך נישט שפאצירן שטייטלעך אזוי־ווי די פרויען און שטאלצע מענטשן (רמב״ם ה׳ דעות פ״ה ה״ח).

לא) דער וואס דאווענט נישט אין צייט אפילו ער לערנט מיט אנדערע תורה ברבים א גאנצן טאג איז דאס ביי הקב״ה פונקט ווי ער וואלט נישט געלערנט (מ״ב ק״ו סק״ח).

לב) די ערשטע צען מענטשן וועלכע קומען אין ביהמ״ד דאווענען באקומען שכר (באלוינונג) קעגן אלע וועלכע קומען שפעטער דאווענען (ברכות מ״ז, או״ח סי׳ צ׳ סעי׳ י״ד).

פון די ערשטע צען ווער עס איז פריער באקומט שכר קעגן די איבריגע פון די צען, (זוה״ק ח״ב דף קל״א, א״ר ומחה״ש בשם הרמ״ע שם), דאס מיינט אויב אין ביהמ״ד איז דא צוזאם צוויי הונדערט אידן באקומען די ערשטע צען שכר קעגן צוויי הונדערט, און דער ערשטער באקומט אויסער דעם נאך שכר קעגן אכצען הונדערט אידן (1800) ווייל ער באקומט שכר אויך קעגן די איבריגע ניין אידן וואס יעדער באקומט קעגן צוויי הונדערט.

דאס מיינט אין קורצן: אז דער וואס שטרענגט זיך אהן צו קומען אביסעל פריער ווי מ׳דארף אנשטאט באקומען שכר קעגן בלויז איינעם באקומט ער קעגן צוויי טויזענט מענטשן און אמאל נאכמער (אורות ישרות פ״ז).

לג) דער וואס קען דאס נישט דורכפירן ביי שחרית זאל ער עס פראבירן כאטש ביי מנחה־מעריב (חסל״א סי׳ צ׳).

אויב ער קען דאס אויך נישט זאל ער פראבירען שבת־יום טוב, אדער כאטש ר״ה, יום כיפור, (אורות ישרות שם).

לד) ווען עס איז דא צען מענטשן פינקטליך זאל מען נישט ארויסגיין ערשט ווייל מיט דעם איז ער גורם אז די שכינה הק׳ זאל אוועק (חסל״א סי׳ צ״ג סק״ב).

לה) אויב איינער איז געבליבן אליינס אין בית המדרש בייגאכט ביי מעריב דאוונען איז דער חבר מחויב צו ווארטן ביז ער ענדיגט דאוונען כדי עס זאל אים נישט מבלבל זיין (צומישן) דאס אליינס בלייבן (סי׳ צ׳ סעיף ט״ו) טייל פוסקים זאגן אפילו בייטאג (רמ״א שם).

דאס איז אבער נאר אויב ער איז געקומען אין ביהמ״ד צייטליך, אויב ער איז אנגעקומען שפעט און דורכדעם האט ער געמוזט בלייבן לענגער נאכן דאוונען איז מען נישט מחויב צו ווארטן אויף אים נאר אלס מדת חסידות, (מ״ב ס״ק מ״ח).

לו) מ׳זאל נישט שטיין אין ביהמ״ד נעבן א רשע ווייל דאס ברענגט ארייין שלעכטע געדאנקען, און די שכינה דערווייטערט זיך פון אים (ס״ח תש״ע).

לז) מ׳דארף זיין שיין אנגעטוהן ביים דאוונען און לערנען אפילו ווען מ׳איז אליינס ביי זיך אין שטיב, א סאך זענען נישט געווארנט אין דעם ווען זיי דאוונען אין שטיב, אדער ביים לערנען אינדערהיים (פלא יועץ — לבישה).

לח) אפילו אויב עס איז נישט מעגליך צו גיין אנגעטוהן פון שטיב ביזן ביהמ״ד מיט טלית ותפלין זאל מען אנטוהן אין פאליש פארן ביהמ״ד כדי מ׳זאל אריינגיין אין ביהמ״ד אנגעקליידעט מיט טלית ותפלין (מ״ב סי׳ כ״ה סק״י).

לט) עס איז אויך א מצוה ארויסצוגיין פון ביהמ״ד מיט טלית ותפלין (שערי תשובה סי׳ כ״ח סק״ב, והגר״א, וסי׳ יעב״ץ).

מ) דער וואס ווערט פארשעמט פון אן אנדערן און שווייגט נעמט ער איבער יענעמ׳ס מצוות (חיד״א בדבש לפי ערך ז׳ סק״ט).

מא) די וואס באצאלן קהל׳ישע שטייערן ערליך וועלן באקומען דעם גן עדן פון די וואס צאלן נישט ערליך (ס״ח רע״ה).

מב) אפילו צוליב א מצוה זאך טאר מען נישט ווערן אין כעס (שער רוחה״ק להאריז״ל).

* * *

## השמטות — וועגן ענינים פון דאוונען

א) מ׳טאר נישט רעדן פון ברוך שאמר ביז נאך תחנון (קיצור חרדים פ״ט ט׳).

ב) די וואס זיצן אין פאדער־שטיב פון שוהל און גייען נישט אריין, וועלן געשטראפט ווערן מיט צואה רותחת (כה״ח סי׳ צ׳ ס״ק ע״ו).

ג) דאס וואס די חכמים ז״ל דרש׳נן אז היינטיגע צייטן ווען דער ביהמ״ק איז חרוב קען מען מקריב זיין קרבנות נאר דורכן לערנען די דינים פון די קרבנות, ביים דאוונען זאגן מיר אויך די פרשה פון תמיד, קטורת, מיט אנדערע קרבנות, אבער אויב מ׳כאפט עס אפ שנעל

אהנע פארשטיין וואס מ'זאגט ווערט דאס נישט פארעכנעט ווי מ'וואלט מקריב געווען קרבנות (סי' מ"ח מ"ב סק"א, ועי' בה"ל סוף סי' א').

ד) איינער וואס איז א רעכטער עם הארץ און קען נישט ליינען די אותיות פון ספר תורה זאל מען לכתחילה נישט אויפרופען צום ספר תורה (מ"ב קל"ט סעי' ג' בשעה"צ סק"ו, בה"ל סי' קמ"א).

ה) דער וואס רעדט דברים בטלים אין שוהל בעסער פאר אים אויב ער וואלט נישט אנגעהויבן קומען אין ביהמ"ד ווייל ער איז א חוטא ומחטיא [זינדיקט — און מאכט אנדערע זינדיגען].

* * *

## פרק יז
## וויכטיגקייט פון כוונה

גלייכצייטיג איז וויכטיג אויפמערקזאם צו מאכן אויף געוויסע זאכן וואס די כוונה און פארשטיין דעם ענין איז מעכב אפילו בדיעבד:

א) די משניות פון איזהו מקומן, מיט די ברייתא פון ר' ישמעאל (מסגה"ש סי' ו' אר' א').

ב) דער פסוק "פותח את ידך" ביי אשרי (שם).

ג) דער פסוק שמע ישראל מיט ברוך שם וכו' (שם).

ד) התרת נדרים ערב ראש השנה (שם).

ה)"בהדין עירובא" וואס מ'זאגט ביי עירובי תבשילין, אדער חצירות (שם).

ו) "כל חמירא" נאך בודק חמץ זיין און פארברענען (שם).

ז) פסח, מצה, ומרור" פון די הגדה, פסח (שם).

ח) ספירה ציילען (מ"א סי' תפ"ט).

ט) ביי לשם יחוד בעפאר תפלין לייגן פון "הנני מכוין" (שו"ת פאר ישראל או"ח סי' ט').

י) די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה (סי' ק"א בטור ושו"ע, ומ"ב).

יא)די זעקס זכירות, עמלק, מרים, וכו' (שו"ת הנ"ל).

יב) נאכזאגן אמן (סי' קכ"ד).

יג) "איני בודל כל ביה"ש" (או"ח תרל"ח, שו"ת הנ"ל).

יד) "הרי את מקודשת לי" ביי די חופה (אבה"ע ה' קידושין, שו"ת שם).

טו) ווען מ'לערנט תורה (מ"א סי' נ', ש"ע הגר"ז ה' ת"ת פ"א).

טז) יעדע מצוה מן התורה בעפאר מ'איז עס מקיים (או"ח סי' ס' ובאחרונים, ע"ש אי דוקא בדאורייתא).

יז) יעדע מצוה וואס באשטייט פון זאגן, אפילו עס איז מדרבנן (ב"י סי' תקפ"ט מובא בא"ר סי' רי"ג אר' ה' ודפ"ק בהקדמה).

יח) דער תנאי פון "איני בודל וכו'" וואס מ'זאגט ערב סוכות פארן זמן (עי' סי' תרל"ח).

* * *

# פרק יח

## וויכטיגע געקליבענע דינים ביי קריאת שמע

א) מען דארף אינזינען האבן פאר מ'ליינט קר"ש אז מ'וויל מקיים זיין יעצט די מצוה פון ליינען קרי"ש אזוי־ווי השי"ת האט אונז באפוילען (סי' ס' סעי' ד').

ב) אויב איינער ליינט קר"ש און האט נישט אינזינען געהאט דעם פשוטן טייטש פון ערשטן פסוק שמע — אחד דארף ער איבערליינען נאכאמאל די פרשה פון שמע (סי' ס' סעי' ה').

ג) די כוונה איז: שמע ישראל — הערט מיך אידן, ד' אלקינו — השם יתברך אונזער ג־ט, ד' אחד — ער איז דער איינציגער ג־ט, (רש"י פ' ואתחנן, רמ"א סעי' י"ד).

ד) מ'דארף ליינען קר"ש מיט פארכט און ציטער (סי' ס"א סעי' א').

ה) קר"ש האט צוויי הונדערט אכט און פערציג (רמ"ח) ווערטער קעגן די רמ"ח איברים פון מענטש, און דער וואס ליינט קר"ש אזוי־ווי מ'דראף נעמט יעדע אבר איין ווארט און היילט זיך דערמיט (מ"ב ו, בשם מדרש הנעלם).

ו) דער פסוק שמע ליינט מען הויך (סעי' ד').

ז) ביים חי"ת פון אחד זאל מען מאריך זיין ווילאנג מ'האט אינזינען אז הקב"ה איז קעניג איבער די זיבן הימלען און ערד, און ביים דל"ת זאל מען טראכטן אז הקב"ה איז איין איינציג און הערשט אויף די פיער עקן פון די וועלט (סעי' ו').

ח) ביי פסוק שמע ישראל דארף מען מפסיק זיין צווישן ישראל און ד', און צווישן אלקינו און ד' כדי עס זאל געהערט ווערן אזוי־ווי מ'זאגט הערט אידן! השם יתברך וואס איז אונזער באשעפער, ער איז דער איינציגער באשעפער (סעי' י"ד).

ט) צווישן היום און על לבבך דארף מען אביסעל מפסיק זיין, און צווישן היום לאהבה (סעיף ט"ו).

י) דעם עי"ן פון נשבע זאל מען שטארק ארויסזאגן (ט"ז).

יא) דעם זיי"ן פון תזכר"ו — וזכרת"ם דארף מען קלאר זאגן עס זאל נישט זיין "תשכר"ו" (סי' י"ז).

יב) דעם יו"ד פון שמע "ישראל" זאל מען דריקען — און דעם יו"ד פון "והיו".

יב*) אויב מ'וועט נאך אָנְאָגן צו לייענען קר"ש פון יוצר אור פאר'ן סוף זמן קר"ש זאל מען אינזינען האבן ביי קר"ש פון פאר די קרבנות אז מ'וויל נישט יוצא זיין מיט דעם מצות קר"ש של שחרית (ב"ח ופמ"ג מובא בבאה"ט סי' מ"ו ס"ק י"ד, ובמ"ב ס"ק ל"א).

דאס זעלבע אויב מ'הערט אינמיטן פסד"ז אדער בעפארן דאווענען.

יב**) אויב מ'האט אבער מורא אז מ'וועט פארשפעטיגן דעם זמן קר"ש ביז קר"ש פון יוצר אור זאל מען אינזינען האבן ביי קר"ש פון פאר די קרבנות יוצא צו זיין די מצוה פון קר"ש און לייענען אלע דריי פרשיות, (ח"א כלל ח' ס"ז, מ"ב סי' מ"ו ס"ק ל"א).

יב***) אויב מ'קען אבער נישט דעריאגען אפילו צו קר"ש פון פאר די קרבנות פאר'ן סוף זמן זאל מען לייענען קר"ש סתם און אינזינען האבן יוצא צו זיין די מצוה, אויב עס איז

מעגליך זאל מען שרין זיין אנגעטוהן מיט די תפילין, (דגו״מ, וחי׳ רעק״א מובא במ״ב סי׳ מ״ו ס״ק ל״ג).

יג) מ׳זאל נישט ליינען קר״ש שנעל איילענדיג כדי צו דעריאגען דאוונען תפלה בציבור און דורכדעם נישט קענען ליינען די ווערטער געהעריג (מ״ב סי׳ נ״ב סק״ו).

יד) ביי די פרשה ויאמר דארף מען געווארנט זיין ווען מ׳קושט די ציצית אז מ׳זאל נישט צוליב דעם פארקריפלען די ווערטער אדער זאגן אהנע כוונה, צ.ב.ש. סאך מענטשן זאגן אזוי: ״ציצית — על כנפי בגדיהם לדרתם ונתנו על ציצית — הכנף פתיל תכלת והי׳ לכם לציצית״ — אינדער צייט וואס די ווערטער דארפן געזאגט ווערן ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדרתם — ונתנו על ציצית הכנף פתיל תכלת — והי׳ לכם לציצית —.

יד*) ״וחרה אף״ זאל מען זאגן אפגעטיילט נישט ״וְחָרַף״ (סעי׳ י״ט).

יד**)מען דארף אפטיילן צווישן ווערטער וואס ענדיגען זיך מיטן זעלבן אות ווי עס הייבט זיך אן דער קומענדיגער ווארט בכל לבבך — על לבבכם — בכל לבבכם — עשב בשדך — ואבדתם מהרה — הכנף פתיל — אתכם מארץ (סעי׳ כ׳).

טו) איבעראל ווי עס איז דא א אל״ף נאכן מ׳ דארף מען מפסיק זיין אביסעל, ולמדתם אותם — וקשרתם אותם — ושמתם את — וזכרתם את — ועשיתם את (סעי׳ כ״א).

טז) מ׳זאל נישט זאגן מיט א דגוש דארט ווי עס קומט נישט, אדער פארקערט, צום ביישפיל: בי״ת בי״ת — פ״א פ״א — תּ ת (סעי׳ כ״ג).

יז) דער וואס זאגט קריאת שמע שטייט און קלאר טוט מען אים אפקילען דעם גיהנם (ברכות ט״ז, וביאורו במ״ב ס״ב סק״ב).

יח) אין צוגאב צו די אויבענדערמאנטע ווערטער וואס ווערן דערמאנט אין שלחן ערוך וועלן מיר ציטירען נאך ווערטער וואס ווערן נישט ארויסגעזאגט ווי געהעריג, די פוסקים דערמאנען דעם באקאנטן מדרש אז יעדעס ווארט איז קעגן א אבר, און דאס ווארט וואס ווערט נישט ארויסגעזאגט געהעריג קען דאס במילא צוריקהאלטן די רפואה פאר דעם אבר וואס די איז באשטימט:

א) ״שם כבוד מלכותו״ נישט ״שם כבוט מלכותו״

״לְעוֹלָם ועד״ נישט לולם ועד״

ג) ״ואהבת״ נישט ״ואהפת״

ד)״לבבך״ ״לבבכם״ נישט לבפך — לבפכם

ה) ״מצוך״ נישט ״מצפך״

ו) ״בשבתך״ נישט בְשִפתְך״

ז) ״ובשכבך״ נישט ״ופשכבך״

ח) ״ובקומך״ נישט ״ופקומיך״

ט) ״וכתבם״ נישט ״וכתפתם״

י) ״עשב״ נישט ״עשפ״

יא) ״ועבדתם״ נישט ״וַבַדְתֶם״

יב) ״יהיה״ נישט ייֶע

יג) "וְהָאֲדָמָה" נישט "וָאֲדָמָה"
יד) "ואבדתם — מהרה. נישט "ואבדת מהרה"
טו) "אשר א־ני נותן" נישט אד־נותן
טז) "לְמַעַן" נישט "לְמַן"
יז) "נשבע" נישט "נזשבע"
יח) "לַאֲבותיכם" נישט לַבוֹתֵיכֶם
יט) "אַחֲרי לבבכם" נישט "אַחְרֵי לבבכם"
כ) "אַחֲרֵי עיניכם" נישט "אַחְרי עיניכם"
כא) "אַחֲרֵיהֶם" נישט "אַחְרֵיהם"
כב) "לְמַעַן תזכרו" נישט "לְמַן תשכרו"
כג) "וּבִשְׁעָרֶיךָ" נישט "וּבְשָׁרֶיךָ"
כד) "לְאַהֲבָה" נישט "לַהֲבָה"
כה) "וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם" נישט "וְהִשְׁתַּחְוִיתם"
כו) "וַעֲשִׂיתֶם" נישט "וַשִׂיתֶם"
כז) "תזכרו" "תשכרו"
כח) "ועשיתם את" נישט וַשִׂיתֶמֶת
כט) "וִהְיִיתֶם" נישט "וִיִתֶם"
ל) "לאלקיכם" נישט "לֶלוֹיֵכֶם"
לא) "אתכם מארץ" נישט "אֶתכמֶאֶרֶץ"
לב) "אלקיכם אמת" נישט "אֶלקיכֶ מֶמֶת"

*יח) לכתחילה דארף מען הערן וואס מ'זאגט (ס"ב סעי' ג').

יט) דער שליח ציבור דארף זאגן הויעך שמע ישראל כדי קהל זאל הערן און אלע זאלן צוזאם זאגן שמע .. ... (סעי' ה').

כ) אויב מ'האט נישט אינזינען געהאט ביים זאגן בשכמל"ו זאל מען איבערזאגן (מ"ב ס"ג י"ב).

כא) אינמיטן קר"ש טאר מען נישט ווייזן מיט די אויגן, ליפען, הענט, פיס (סעי' ו').

כב) פאר א מצוה מעג מען ווייזן ביי די צווייטע פרשה (מ"ב י"ח).

כג) אויב מ'האלט אינמיטן קר"ש און דער שליח ציבור זאגט "ד' אלקיכם אמת" זאל מען שטיל בלייבן און אויסהערן" (שע"ת סי' ס"א סק"ב).

כד) עס איז ראטזאם מ'זאל שוין מחנך זיין די קינדער פון זעקס־זיבעץ, 7־6 יאר צו ליינען קר"ש צופריה און ביינאכט (מ"ב סי' ע' סק"ו).

* * *

## פרק יט

## דאווענען פון א סידור מדויק — ונוסח שמונה עשרה

א) כאטש עס ווערן געדריקט פארשידענע ערליי סידורים מזכה הרבים זיין מיט גרייטע סידורים אין די שוהלען צום דאווענען, פינדעסטוועגן מוז מען אויפמערקזאם מאכן אז יוצא

צו זיין דאס דאווענען אזוי ווי מ'דארף איז וויכטיג צו דאווענען פון א סידור מדויק וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט און איז געדרוקט געווארן דורך ערליכע אידן תלמידי חכמים.

די אלגעמיינע סידורים קענען פארמאגן די פאלגענדע חסרונות:

א) די נגינות (טראפע"ן) פון קר"ש, אד"ג, זענען נישט געדרוקט (עי' סי' ס"א סעי' כ"ד).

ב) דער מק"ף איז נישט געדרוקט (עי' שע"ת שם י"ב).

ג) עס איז אנגעצייכנט פארשידענע סימנים צו ווייזען ווי עס טיילט זיך אפ איין ענין פון צווייטן, און עס איז נישט פינקטליך.

ד) ביי רוב פון זיי שטייט דער שם יו"ד־קי־ואו־קי ארויסגעשריבן וואס איז זייער וויכטיג לויט די הייליגע ספרים (במאור ושמש בשם רבו קוה"ק מליזענסק זי"ע שמה"ט התפלל בסידור האריז"ל).

ב) נאך א גרויסע פעלער עקזיסטירט ביי די אלגעמיינע סידורים. ווי באוואוסט האבן די הייליגע חכמים (אנשכנה"ג) מתקן געווען דעם נוסח פון שמונה עשרה מיט השראת השכינה און רוח הקודש, יעדעס אות איז געמאסטען און געוואויגען אפילו די נקודות קמ"ץ — פת"ח — ציר"י וכו' זענען מיט א אויסגערעכנטען חשבון אז אלע באדערפענישן פון אלע דורות זאלן ליגען אין די ברכות פון שמונה עשרה, און ווער עס וועט דאס דאווענען מיט א ערליכע כוונה און א ריין הארץ וועט זיין געבעט אנגענומען ווערן און וועט געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס ער מיט זיין משפחה און גאנץ כלל ישראל איבער די וועלט דארפן ברוחניות וגשמיות, מיט א דערנענטערונג פון די גאולה שלימה.

זיי האבן מיט זייער כח הקדושה געוויסט וויאזוי מסדר צו זיין דעם סדר פון דאווענען אז די תפלות זאלן דורכגיין אלע וועלטן גראד ביזן כסא הכבוד.

דערפאר איז זייער גרינג צו פארשטיין פארוואס די קדמונים האבן פארלייגט סאך אסאך הארעוואניע רעכט צו שטעלן דעם סדר התפלה מיט א פינקטליכן צאל (חשבון) פון ווערטער פאר יעדע ברכה.

(אם תרצה לעמוד על כל הנ"ל עי' בטור סי' קי"ג ולהלן, בכלבו תפלה, ברוקח ריש ספרו בשורש זכירת השם, שו"ת הרא"ש כלל ד' סי' כ', שם הגדולים להחיד"א מע' גדולים ערך "רבינו אליעזר בעל הרוקח", שיח יצחק קונט' תפלת כל פה סי' קי"ג, שלחה"ט להגה"ק מקאמארנא זצ"ל סי' מ"ו או' ב', ובזר זהב שם ובסי' ס"ו בז"ז או' ב', ובס' חמשה מאמרות מאמר נוסח התפלה.)

ג) די סידורי האר"י האבן נישט קיין פינקטליכען נוסח (עי' חמשה מאמרות, שם).

ד) דער סידור דרך החיים האט נישט קיין פינקטליכען נוסח (שם).

*ד) דער סידור של"ה האט נישט קיין פינקטליכען נוסח (שם).

ה) די אלע סידורים ווי עס שטייט נישט געשריבן אויסדריקלעך אז דער נוסח שמונה עשרה איז געמאכט מיט א פינקטליכען חשבון אפילו גדולים האבן דאס געלאזט דרוקען איז דער נוסח שמונה עשרה נישט פינקטליך (שם).

ו) כידוע האט מען דעם סידור "ר' יעקב עמדין" סאך געטוישט פון דעם אריגינעלן סידור וואס דער גאון וקדוש ר' יעקב עמדין זצ"ל האט אליינס געדרוקט, און דעם נוסח פון שמונה עשרה האט מען אויך געטוישט (מ'קען דאס זעהן אינעווייניג).

*ו) דריי סידורים וועלכע מיר ווייסען האבן א דירעקטן אויסגערעכנטען נוסח שמונה עשרה זענען **תפלה ישרה** — באַרדיטשוב, **חמדת ישראל** — (נוסח מונקאטש), סי' ר' יעקב עמדין — (דפוס ראשון).

ז) דער נוסח פון די דריי סידורים זענען כמעט די זעלבע, און דער נוסח פון הגה"ק מקאמארנא זצ"ל (בשלחן הטהור מסי' קי"ג ואילך) איז אויך עהנליך. (ע"ש).

ח) די חז"ל זאגן (ברכות פ' א"ע) אז דער וואס האט א באשטימטע פלאץ צום דאווענען האט השי"ת'ס הילף צו זיך, דאס אייגענע איז אויך ביי נוסח, דער וואס האט א באשטימטע נוסח צו דאווענען שטענדיג איז אויך אין די זעלבע מדריגה (תפלת ישרים דף ט"ז).

* * *

# פרק כ

## וויכטיגע הלכות וועגן ברכות התורה

א) מ'דארף זייער געווארנט זיין צו זאגן די ברכות פון ברכות התורה מיט שמחה און טיעפן אינערליכען פרייד דאנקענדיג דעם באשעפער וואס האט אונז אויסגעוועלט פאר זיין פאלק און געגעבן אונז זיין תורה (מ"ב סי' מ"ז סק"ב, וכן בבאר יעקב בשם האריז"ל, ובסי' של"ה).

דורכדעם וואס מ'איז נישט געווארנט אין דעם איז מען ח"ו נישט זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

ב) די עלטערן דארפן שטענדיג בעטן פון באשעפער אז זייערע קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים, צדיקים, און בעלי מדות, באזונדער דארף מען דאס אינזינען האבן ביי די ברכה פון אהבה רבה, ברכות התורה — ביי ונהיה אנחנו וצאצאינו, ובא לציון — ביי למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה (מ"ב שם סק"י).

און די פרויען ביי ליכט צינדען (מ"א סי' רס"ג).

ג) פרויען דארפען אויך זאגן ברכות התורה (סי' מ"ז בסופו).

ד) א סופר וואס שרייבט סת"ם זאל זאגן קודם ברכות התורה (מ"ב סק"ד).

ה) מען מעג טוהן א מצוה בעפאר ברכות התורה (מ"ב סק"ח).

ו) אויב מ'הערט דברי תורה זאל מען פארדעם זאגן ברכות התורה (שו"ת הלק"ט ח"ב קנ"ט, שע"ת סי' מ"ז סק"ב).

ז) נאך די ברכה המלמד תורה לעמו ישראל בעפאר די ברכה אשר בחר בנו טאר מען נישט אויסרעדן נאר אויב מ'וויל נאכזאגן אמן — יהש"ר — קדושה — ברכו (שלח"מ סי' ד' שו"א או' י"א).

ח) קליינע קינדער דארף מען אויך מחנך זיין צו זאגן ברכות התורה (שם או' ה').

ט) אויב איינער האט א ספק צו ער האט שוין געזאגט ברכת התורה זאל ער אינזינען האבן צו פטר'ן ביי אהבה רבה, און לערנען באלד נאכן דאווענען, אויב ער האט זיך דערמאנט נאכן דאווענען האט ער אזוי אויך יוצא געווען (פמ"ג בפתיחה).

אויב ער קען יוצא זיין מיטן הערען פון א צווייטן איז אויך גוט (מ"ב סק"א).

י) דער וואס איז געשלאפן ביינאכט אויף א געלעגער (בעט) טאר ער נאכדעם נישט לערנען אהנע ברכות התורה (שו"ת מהרש"ם ח"ג סי' של"ז).

יא) אויב איינער האט זיך ג'אַסרט הנאה צו האבן פון חבר מעג ער הערן ברכות התורה פון אים (שו"ת פני מבין או"ח סי' כ').

יב) אויב איינער שטייט אויף פארטאג נאך חצות זאל ער זאגן אלע ברכות השחר, אויב ער וויל זיך נאך צוריקלייגען זאל ער זאגן די ברכות אלקי נשמה, און המעביר שנה אָהנע שם ומלכות, און ביים צווייטן מאל אויפשטיין זאגט ער די צויי ברכות געהעריג (מ"ב מ"ז סק"ל).

## פרק כא

## וויכטיגע דינים וועגן ברכות זאגן

א) אויב מ'זאגט ברכות הויעך און זיס איז מען צוליב דעם אליינס שוין זוכה צו גן-עדן, און עס ווערט אים פארעכענט ווי ער וואלט מקריב געווען אלע קרבנות פון ויקרא (ס' הגן ליום שני).

ב) אלע מינים ברכות שבח — מצות — נהנין, דארף מען זאגן הויעך ווייל דאס ברענגט דערצו מ'זאל עס זאגן בכוונה (צוואת יש נוחלין אבי השל"ה זצ"ל דף יא. ובאה"ט תרמ"ג בשם של"ה, ראשית חכמה שער הקדושה פט"ו, וחרדים).

ג) מ'זאל אויסלערנען דאס גאנצע שטיב זיי זאלן זאגן די ברכות יעדן טאג הויעך וועגן כוונה, און כדי מ'זאל קענען נאכזאגן ברוך הוא וברוך שמו, און אמן (קיצור של"ה מסכת חולין עניני בה"כ).

ד) מ'דארף מוחה זיין קעגן די וואס בענטשן און זאגן אנדערע ברכות שטילערהייט ווייל דורכדעם פארפעלט מען אסאך אותיות און נקודות (ישועות חכמה סי' ו' או' ב').

ה) מ'דארף מדקדק זיין קלאר און דייטלעך ארויס צוזאגן די ווערטער און אותיות, און אויך אינזינען צו האבן די טייטש פון די ווערטער (שם בשם סידור האריז"ל דמהרי"ק).

ו) מען דארף זאגן "בָּרוּךְ-אַתָּה" נישט "בָּרוּכַתָּ".

ז) "אלקינו" נישט "אֶלֹאֵינוּ".

ח) "מֶלֶךְ-הָעוֹלָם" נישט "מֶלֶכָאוֹלָם".

ט) "פְּרִי הָעֵץ" נישט "פְּרִי עֵעֵץ".

י) "מִן הָאָרֶץ" נישט מִנָא אָרֶץ.

יא) דער וואס זאגט א ברכה און האט נישט אינזינען דעם באדייט איז זיין שטראף אין הימל פונקט ווי ער וואלט נישט געמאכט קיין ברכה, און ווי ער וואלט געזאגט דעם שם

לבטלה (יסוש"ה שער ב' פ"ב) אפילו ער האט דאמאלטס געטראכט אין לערנען העלפט דאס נישט (שם). אויף אים זאגן די חז"ל אז עס וואלט בעסער געווען אויב ער וואלט נישט אראפגעקומען אויף דער וועלט (חגיגה ט"ז, ס' הנ"ל בצוואה קטע ז').

*יא) כוונה דארף זיין יענע רגע ווען מ'זאגט ארויס דאס ווארט (כה"ח או"ח צ"ח סק"ד).

יב) ווען מ'זאגט ברכות השחר אדער אנדערע ברכות און אנדערע זאגן נאך אמן זאל מען אכטונג געבן צו זאגן די ברכות במתינות (שטאטלע"ך) כדי מען זאל קענען געהעריג נאכזאגן — ברוך הוא וברוך שמו — מיט אמן (ישועות חכמה סי' ז').

יג) א ברכה מיט פארמאכטע אויגן איז מסוגל אויף כוונה (דרך אמת על זוה"ק וירא דף צ"ז ע"ב).

יד) א ברכה לבטלה אדער צוברענגען צו מאכן נאך א ברכה (גורם ברכה שא"צ) איז א גרויסע עבירה (עי' מ"א רט"ו, וח"א כלל ה', קש"ע סי' ו').

טו) אויב מ'האט אנגעהויבן זאגן א ברכה און מ'דערמאנט זיך נאכן שם זאל מען ענדיגען "למדנו חקיך" אויב מ'האט שוין אנגעהויבן "אלקי" זאל מען ענדיגען "ישראל מעולם ועד עולם" וכו' אויב ער האט שוין געזאגט "אלקינו" און ער האט א עסען אדער געטראנק פאר זיך זאל ער עס עסען — טרינקען, אויב ער האט שוין געזאגט ווייטער דארף ער אפהאקען און זאגן בשכמל"ו, (ר"ו, רט"ו, ח"א כלל ה' פת"ש יור"ד רע"ו, קש"ע סי' ו', שער בת רבים חלון כ"ט,) אפילו ביי דעם פאל ווי ער האט זיך א עצה געגעבן פינדעסטוועגן ווען ער פארטיגט זאל ער זאגן בשכמל"ו נאכדעם (ח"א וקש"ע שם, צל"ח ברכות ל"ח).

טז) בעפאר מ'זאגט א ברכה דארף מען וויסען אין געדאנק וועלכע ברכה מ'גייט זאגן כדי ווען מ'זאגט דעם שם זאל מען וויסן וואס מ'גייט ענדיגען (קש"ע סי' ו' אר' א').

*טז) מ'זאל קיינמאל נישט מאכן א ברכה פלוצלונג נאר זיך אפשטעלן אין טראכטן פאר־דעם וואס מ'גייט טוהן (הקד' של"ה ליש נוחלין).

יז) די ברכה זאל געזאגט ווערן שטייטלעך און מיט קלארקייט, קיין איין איינציג אות זאל נישט פארשלינגען ווערן (הג"מ פ"ד מה' תפלה, ד"מ סי' ה' בשם סמ"ג, א"ר סי' ה' אר' א').

יח) ווען מ'מאכט א ברכה אויף א עסענווארג אדער מצוה זאל מען אינזינען האבן צו לויבן דעם באשעפער וואס האט אים געגעבן דאס עסען, און באפוילן צו טוהן די מצוה נישט אזוי ווי איינער טוט א זאך וואס ער איז צו געוואוינט דערמיט פון זיין פאטער'ס הויז, (ס"ח סי' מ"ו מועתק בקש"ע סי' ו' ס"א, וכה"ח סי' ה').

דער שטראף פון דעם איז אז השי"ת נעמט אוועק די חכמה פון אידן (שם).

יט) עס האט פאסירט א מעשה פון א געשטארבענעם וואס האט זיך באוויזן נאך 12 חדשים צו זיין קרוב און דערציילט אז מ'טוט אים יעדן טאג שטראפן ווייל ער האט נישט מדקדק געווען צו זאגן ברכות מיט כוונה, האט מען אים געפרעגט מ'שטראפט דאך נישט מער פון 12 חדשים אין גיהנם, האט ער געענטפערט אז דאס מיינט בלויז אז די שטראף איז דאמאלט גרינגער (ס"ח וש"א הנ"ל).

כ) ווען מ׳זאגט א ברכה טאר מען נישט טוהן קיין שום זאך (שו״ע קצ״א ג׳, וט״ז שם, ח״א שם, וקש״ע שם.).

כא) ווען מ׳זאגט א ברכה דארף דאס מויל זיין ליידיג און ריין (קש״ע שם).

כב) זאגענדיג דעם שם דארף מען אינזינען האבן ״אז דער באשעפער איז דער האר איבער אלעם און אלעס, און אז ער איז אייביג געווען, ער איז יעצט, און ער ווערט אייביג זיין״ (שו״ע סי׳ ה׳).

ווען מ׳זאגט אלקינו זאל מען אינזינען האבן אז הקב״ה איז שטארק און ערמעגליכט אלעס צו טוהן, און אלע מיני כחות וואס עקזיסטירן זענען פון אים (שם).

כג) מ׳דארף זייער געווארנט זיין אינזינען צו האבן וואס מ׳זאגט, מ׳זאל עס פארשטיין מיטן מח ווייל לויט טייל פוסקים איז מען נישט יוצא אפילו בדיעבד אנדערש (מסגה״ש סי׳ ו׳ אר׳ א׳).

דער עיקר פון די ברכה איז פון ברוך ביז נאך מלך העולם, און די זאך אויף וואס מ׳מאכט די ברכה, צב״ש בורא פרי העץ — להניח תפלין — אבער דאס איבריגע (אזוי־ווי אשר יצר — קידוש — הבדלה — יוצר אור — מעריב ערבים א.ד.ג. איז די כוונה נישט אזוי ווייט א שטֶער, אבער די ברכות וואס הייבען זיך אָן און ענדיגען זיך מיט ברוך דארף מען אינזינען האבן סיי אין אנהייב און סיי צום סוף (הגר״ז סי׳ קפ״ה, מסגה״ש שם).

כד) ווען איינער זאגט א ברכה און ער האט אנגעהויבן ״ברוך אתה ד׳״, אבער ער האלט נאך ״מלך העולם״ טאר ער נישט מפסיק זיין צו קיין שום אמן, אדער יהש״ר — אדער קדושה — ברכו — א.ד.ג. נישט קיין חילוק וועלכע ברכה דאס איז אפילו ברוך שאמר, (ח״א כלל ה׳ אר׳ י״ג, מ״ב סי׳ ס״ו בבה״ל ד״ה לקדיש).

**דערפאר קומט אויס:** אז ביי די קורצע ברכות אזוי־ווי די וועלכע מען מאכט אויף עסענווארג בפה״ע — שהכל — המוציא — בפה״ג, וכו׳ טאר מען אינמיטן נישט איבערהאקען מיט גארנישט (שם ובכ״מ סופ״י מה׳ תפלה, ומגג״ב סי׳ ס״ו).

און ביי די לאנגע ברכות מעג מען מפסיק זיין (צו די זאכן וועלכע די חכמים ז״ל האבן מתיר געווען איהש״ר — ברכו — מודים — אמן פון שומע תפלה, הָאֵ־ל הַקָדוֹשׁ, א.ד.ג.) נאר אינמיטן דאס מיינט ווען מ׳האט שוין נאך מלך העולם אפגעזאגט דאס ערשטע שטיקעל, צ.ב.ש. ביי שחרית נאך ובורא את הכל, ביי מעריב נאך ״ובדברו מעריב ערבים״ א.א.וו. אבער ביים סוף פון די לאנגע ברכות צ.ב.ש. בא״י יוצר המאורות, אדער המעריב ערבים, אדער גאל ישראל, האט די זעלבע הלכה ווי די קורצע ברכות מ׳טאר דארט נישט איבערהאקען מיט גארנישט (שם, וע״ע בע״ז בפמ״ג נ״א א״א סק״ג, החיד״א בקש״ג סי׳ ז׳ אר׳ כ״ט, בא״ח פ׳ ויגש ט׳, זכל״א ח״ג מע׳ ב׳ דף ה׳).

כה) מ׳זאל מדקדק זיין צו זאגן די ברכה אז אנדערע זאלן הערען און נאכזאגן אמן, ווייל אָהן דעם האט עס בלויז האלב חשיבות (זוה״ק עקב, הגה״ק בעל עט״צ מזידיטשוב זי״ע, מחה״ש סי׳ ו׳ בשם הרמ״ע, וס׳ דרך משה).

**טעות ביי ברכות:**

ל) אויב איינער האט געמאכט א ברכה און נאכדעם דערמאנט ער זיך אז מ׳דארף פאסטען טאר ער נישט עסען נאר זאגן בשכמל״ו, און אפילו ער האט שוין אריינגענומען עסען אין מויל זאל ער עס אויסשפייען (הג׳ מהרש״ם תקס״ח).

לא) אויב איינער האט געמאכט המוציא פרייטיג ביינאכט נאכדעם האט ער זיך דערמאנט אז ער האלט נאך פאר קידוש זאל ער מאכן אויף חלות (סי׳ רע״א). אויב עס איז געווען מוצ״ש פאר הבדלה זאל ער עסען קודם א שטיקל נאכדעם מאכן הבדלה (רע״א ס״ה במ״א).

לב) אויב איינער האט גימאכט אין די דריי וואכן (צווישן י״ז בתמוז און ט׳ באב) א ברכה אויף א פרי נאכדעם האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נאכנישט געמאכט שהחיינו, זאל ער מאכן שהחיינו און עסען אביסעל (ברכ״י תקנ״ז).

לג) אויב איינער האט געמאכט א ברכה אויף ברויט נאכדעם ווערט ער געוואויר אז דאס איז גוי״ש ברויט זאל ער עסען דערפון א שטיקעל (שער בת רבים סי׳ רע״א שער י״ז).

און אודאי אויב דאס האט פאסירט ביי אידיש ברויט וועלכע מ׳איז מחמיר נישט צו עסען (שו״ת דברי יושר סי׳ ל׳).

אויב עס ליגט אויפן טיש אידיש ברויט אויך זאל מען נישט עסען נאר דאס אידיש (שם).

לד) אויב ער האט געמאכט א ברכה אויף א זאך וואס איז אסור צוליב א נדר זאל ער נישט עסען, נאר זאגן בשכמל״ו (שלח״מ סי׳ ו׳ אר׳ מ״ו).

לה) פסח ביינאכט ביים סדר האט ער געמאכט א מוציא און נאכדעם האט ער זיך דערמאנט אז דאס איז נישט די ערב פסח מצות, אויב עס איז א געהעריגע שמורה מצה זאל ער עסען א כזית פון דעם אפילו אויב די ער״פ מצות ליגט אין זעלבן שטיב (שלח״מ שם).

טייל פוסקים זענען מסופק אין דעם (שו״ת הנ״ל שם).

לו) אויב איינער האט געמאכט א ברכה אויף מילכיקס און ער האט זיך דערמאנט אז זעקס שעה זענען נאך נישט פאריבער פון זיין פליישיגע סעודה זאל ער עסען א ביסעל (לבוש״מ מהד״ת יור״ד קס״ז).

לז) אויב איינער האט געגעסן טייטלען און געבענטשט האט ער יוצא געווען (סי׳ ר״ח סעי׳ י״ז).

*לז) אויב איינער האט געטרינקען וויין און געבענטשט האט ער יוצא געווען (שם).

**לז) אויב איינער האט געמאכט א ברכה צו ציילן ספירה און ער דערמאנט זיך נאכן שם אז ער טאר נישט מאכן א ברכה ווייל ער האט פארגעסן איין טאג צו ציילן, זאל ער ענדיגען די ברכה ציילען ספירה און נאכדעם זאגן בשכמל״ו (שו״ת דברי יושר סי׳ ל״א).

לח) אויב ער האט בטעות נישט געציילט דעם ריכטיגן טאג ספירה נאכדעם דערמאנט ער זיך דארף ער מאכן נאכאמָאל א ברכה (או״ח סי׳ תפ״ט ובמ״ב וש״א).

לט) אויב איינער האט בטעות געמאכט די ברכה על מצות תפלין אויף די תפלין של יד און ער האט זיך דערמאנט בעפָאר דעם הידוק זאל ער זאגן להניח, און אויף די תפלין של ראש גארנישט זאגן.

אויב ער האט זיך דערמאנט נאכן הידוק זאל ער זאגן להניח אויף די תפלין של ראש (שע"ת סי' כ"ה סק"ה בשם מכתם לדוד, עבה"ק בקש"ג סי' ג' אר' ט"ז, פמ"ג במ"ז סק"י).

מ) אויב איינער האט געזאגט ברכת זוקף כפופים בעפאר מתיר אסורים זאל ער מער נישט זאגן מתיר אסורים, נאר יוצא זיין מיט א צווייטן (סי' מ"ו סעי' ה', מ"ב סק"כ).

מא) אויב איינער האט געזאגט די ברכות השחר ער האט אינזינען געהאט צו זאגן "פוקח עורים" און אזוי האט ער געזאגט און זאפארט (בתוכ"ד) האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נאכנישט געזאגט "שלא עשאני אשה" און ער האט דאס שנעל געזאגט, פונדעסטוועגן איז די הלכה אז ער האט יוצא געווען פוקח עורים און דארף נאכאמאל זאגן "שלא עשאני אשה" (שם).

מב) אויב איינער האט ביי שחרית אנגעהויבן "אשר בדברו מעריב ערבים" אפילו ער האט געענדיגט מיט "יוצר המאורות, האט ער נישט יוצא געווען (סי' נ"ט סעי' ב', וע"ש פרטי הדברים).

מג) אויב א ש"ץ האט אויסגעלאזט די ברכה ולמלשינים דארף מען אים באלד אוועק שטעלן פון עמוד טאמער האט זיך אין אים אריינגעכאפט אפיקורסות, אפילו אויב ער איז געווען ביז היינט א צדיק און ערליכער איד (קכ"ו א, מ"ב ה').

מד) אויב איינער האט אנגעהויבן דאווענען שמונה עשרה מיינענדיג אז ער האט נאכנישט געדאווענט אינמיטען דערמאנט ער זיך אז ער האט שוין געדאווענט זאל ער בלייבן שטיין (סי' ק"ז ס"א).

מה) יעדע אסור'דיגע עסען סיי מה"ת סיי מדרבנן אפילו אויב מ'האט געֶמאַכט אַ ברכה טאר מען נישט עסען דערפון, נאר זאגן באַלד בשכמל"ו (שלח"מ דף מה:).

מו) אויב איינער האט געמאַכט א ברכה אויף פלייש אין דיניין טעג (צווישן ר"ח אב און ט"ב) זאל ער עסען אַ קליין שטיקעל (פסקי ריקאנטי", שד"ח בין המצרים סי' א' אר' ה').

מז) דער וואס האט זיך טועה געווען און געמאכט שבת אינדערפרי א ברכה אויף מזונות נאכדעם האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נאכנישט געמאכט קידוש, זאל ער באלד אָהנע הפסקה קידוש מאכן טרינקען און עסען די מזונות אָהנע נייע ברכה (שו"ת יוסף דעת סי' ח"י להגהמ"ח שו"ת שו"מ) טייל פוסקים זענען מחולק (דע"ת רע"ג ה').

מח) אויב איינער האט געזאגט בפה"א אנשטאט בורא פרי העץ האט ער יוצא געווען (סי' ר"ו ס"א).

מט) אויב מ'האט געזאגט על המחי' אויף וויין האט מען יוצא געווען (לבוש סי' ר"ט, עט"ז ט, א"ר כ"ו, חיד"א במחב"ר ז,).

נ) אויף פרוכט פון ביימער אויב מ'האט געזאגט "על העץ" אנשטאט בורא נפשות האט מען יוצא געווען (שיורי ברכה ר"ז א', מחב"ר א', שע"ת א').

נא) אויף אלע מינים עסענווארג אויסער וואסער און זאלץ אויב מ'האט געזאגט בורא מיני מזונות האט מען יוצא געווען (דרישה וא"ר קס"ח, ח"א כלל נ"ח ג, בה"ל קס"ז י' ברכה"ב שער י"ט כ"א).

נב) אויב מ'האט געמאכט אויף מצה בורא מיני מזונות האט מען יוצא געווען (ברכ"י קס"ז י' ב"י קס"ח, ט"ז ו, א"ר ט"ז, סידור הגר"ז, קש"ע נ"ו א,).

נג) מיט שהכל איז מען יוצא בדיעבד אויף אלעם, (סי' ר"ו).

נד) עס איז בעסער צו עסען־טרינקען אָהנע ברכה ווי צו מאכן א ברכה לבטלה (מ"א סי' ר"ח בסופו).

נה) א מענטש איז מחויב צו זאגן הונדערט ברכות יעדן טאג (או"ח סי' מ"ו).

נו) מ'קען נישט מוציא זיין א צווייטן מיט א ברכה אויף עסען אדער טרינקען נאר אויב דער ברכה זאגער עסט אויך (סי' רי"ג ס"ב).

נז) מ'קען נישט יוצא זיין מיט הערן א ברכה פון יענעם נאר אויב דער וואס זאגט די ברכה האט אינזינען מוציא צו זיין, און דער וואס הערט האט אינזינען יוצא צו זיין (סי' רי"ג סעי' ג').

נח) אויב מ'האט ביים זאגן א ברכה עפ"י טעות אויסגעלאזט דעם — שם — אדער — מלך — אדער — העולם דארף מען נאכאמאל א ברכה מאכן (סי' רי"ד, לבוש, הגר"ז, ח"א כלל ה' ג, חסל"א אר' א', בא"ח בלק ב, האריז"ל בשעה"כ דף ג').

נט) אויב איינער האט געטוהן א מצוה און פארגעסן צו מאכן א ברכה ווילאנג די מצוה איז נישט אדורך קען מען נאך מאכן א ברכה (רמב"ם פי"א מברכות, מ"א רט"ו א').

ס) אויב איינער זאגט פסוקים און ער איז אנגעקומען צו א שלעכט ענין און פונקט הערט ער זאגן א ברכה זאל ער נישט זאגן אמן, (מאורי אור מובא באו"ח ספינקא סי' רט"ו ג') אויב עס איז מעגליך זאל ער שנעל זאגן אביסעל ווייטער (כה"ח רט"ו סק"י).

סא) ווען מ'הערט איין איד אנווינטשען א צווייטן דארף מען זאגן אמן (מ"א רט"ו סק"ג, וקפ"ט סק"א).

סב) די ברכות וואס מ'מאכט אויף א מצוה דארף מען זאגן שטייענדיג (עי' או"ח סי' ח' ובמו"ק וש"א שם, ושד"ח כללים מע' ב' בפאת השדה סי' כ"ט האריך).

סג) ברכות אויף עסענווארג זאגט מען זיצענדיג (שם).

סד) אויב איינער זאגט א ברכה אויף א מצוה אדער עסענווארג און ער האט איבערהאקט צווישן די ברכה און מצוה (אדער עסען) מיט שווייגען איז דאס בדיעבד נישט קיין הפסקה (או"ח סי' ר"ו סעי' ג' ומ"א ומ"ב ס"ק י"א).

סה) אויב מ'האט אבער מפסיק געווען אפילו מיט בלויז איין ווארט איז דאס א הפסקה און מ'דארף זאגן בשכמל"ו און נאכאמאל א ברכה מאכן (או"ח קס"ז ו', מ"ב ס"ק ל"ו, סי' ר"ו מ"ב א', יור"ד סי' י"ט ט"ז סק"ד).

סו) מ'טאר נישט רייכערן צווישן די ברכה און מצוה אדער עסען (דרכ"ת סי' י"ט ס"ק מ"ה).

סז) אויב איינער האט זיך אינטער גענומען מיט א נדר נישט הנאה צו האבן פון יענעם מעג ער אבער יוצא זיין מיט יענעם'ס ברכה (שו"ת פני מבין או"ח סי' כ').

מוציא זיין:

סח) אויב איינער האט געמאכט א ברכה וואס מ׳מאכט אויף עסען־טרינקען און אינזינען געהאט מוציא צו זיין אנדערע ער האט אבער נישט געוואלט עסען אדער טרינקען, איז די ברכה לבטלה און די צוהערער האבן נישט יוצא געווען, בלויז ביי א מצוה קען מען אנדערע מוציא זיין נאכדעם ווי מ׳האט שוין אליין יוצא געווען (עי׳ רי״ג סעי׳ ב׳ ומ״א ומ״ב שם).

סט) אפילו שבת אדער יו״ט ווען עס איז א מצוה צו עסען ברויט (חלה) קען מען אויך נישט מוציא זיין יענעם נאר אויב מ׳עסט אליינס, א אויסנאם זענען די צוויי סְדָרִים פון די ערשטע נעכט פסח קען מען מוציא זיין אנדערע מיט די ברכה המוציא און ״על אכילת מצה״ כאטש מ׳האט שוין געגעסן (סי׳ קס״ז סעי׳ כ׳).

ע) מיט קידוש פון ביינאכט און צופריה שבת־יו״ט קען מען אויך מוציא זיין אפילו מ׳האט שוין קידוש געמאכט פריער און מ׳טרינקט נישט מיט (שם, וסי׳ רע״א).

עא) אויב איינער האט גע מאכט א ברכה אויף א געטראנק און עס האט זיך אויסגעגאסן זענען די צו־הערער יא יוצא (סי׳ רי״ג ס״ב ומ״א ומ״ב שם).

עב) אזוי ווי די הלכה איז אז מ׳קען יענעם מוציא זיין, דערפאר אויב איינער הערט קידוש — הבדלה — ספירה, א.ד.ג. פון א צווייטן און ער וויל נישט יוצא זיין מיט הערן, זאל ער אינזינען האבן אז ער וויל נישט יוצא זיין, בפרט אויב ער איז צוגעוואוינט געווענליך יוצא צו זיין מיט הערן איז א ערנסטע שאלה אויב ער קען נאך אליינס זאגן א ברכה נאכדעם ווי ער האט געהערט פון אנדערע און נישט אינזינען געהאט אז ער וויל נישט יוצא זיין (ש״ע הגר״ז סיף רי״ג, מסגה״ש סי׳ ו׳, ובברכה״ב ה׳ ספה״ע ועוד).

עד) אויב מ׳האט געגעסן א האלבע כזית פון א פרוכט וואס מ׳מאכט אויף איר על העץ אדער המוציא און א האלבע כזית פון אזאך וואס מ׳מאכט בורא נפשות זאל מען זאגן בורא נפשות (מ״א ר״י סי׳ ר״י ומ״ב סק״א).

עה) אויב איינער עסט פרוכט וואס וואקסען אויף א בוים, און אויך פרוכט פון די זיבען מינים, זאגט ער בלויז על העץ און איז יוצא אויף ביידע (סי׳ ר״ח סעי׳ י״ג).

עו) כדי מ׳זאל נישט האבן קיין שום שאלות און פראבלעמען זאל מען שטענדיג ווען מ׳מאכט א ברכה אינזינען האבן אז מ׳וויל פטר׳ן מיט דעם אלעס וואס מ׳וועט אים צוברענגען צו עסען אדער טרונקען (סי׳ ר״ו ס״ה).

עז) ווען מ׳מאכט א ברכה טאר מען נישט מפסיק זיין לכתחילה צווישן ברכה און עסען אפילו מיטן בלויזן שטיל זיין מער ווי עס געדויערט צו זאגן דריי ווערטער (סי׳ ר״ו ס״ג).

און מ׳טאר אויך נישט זאגן דאמאלטס קיין אמן, יהש״ר, און קדושה (מ״ב שם).

עח) די וואס פירען זיך אראפצוגיסן אביסעל וואסער פארן טרינקען זאל דאס טוהן בעפאר די ברכה (שע״ת סי׳ ר״ב, מ״ב סי׳ ר״ו ס״ק י״ב).

עט) מ׳זאל נישט מאכן קיין ברכה אויף א זאך וואס איז צו שטארק קאלט אדער הייס ווענגן חשש הפסק (מ״ב שם).

פ) יעדע עסען אדער געטראנק וואס איז אסור, אויב מ׳מוז דאס עסען צוליב סכנה פון געזונטהייט זאל מען מאכן א פאר ברכה און נאך ברכה (סי׳ ר״ד ס״ט), אויב ער עֶקלט זיך דערפון זאל ער נישט מאכען קיין ברכה (מ״ב שם).

פא) אויב איינער מאכט א ברכה אויף א עסענוואַרג אדער געטראנק אפילו ער האט געמאכט נאכדעם א גרויסע הפסקה ווילאנג ער האט נישט אינזינען געהאט אז ער וויל מער נישט עסען, מעג ער עסען אָהנע נייע ברכה (בה"ל סי' ק"צ ס"ב).

פב) ווען מ'בענטשט דארף מען זיצן ווייל דאס איז גורם מ'זאל קענען בעסער מכוין זיין (סי' קפ"ג ס"ט).

פג) מ'טאר נישט געבן צו עסען פארדעם וואס מ'ווייסט ער וועט נישט מאכן א ברכה (סי' קס"ט ס"ב, ועי' במ"ב).

פד) ווען מ'זאגט ברכות זאל מען זיך נישט ארומדרייען אַהִין און אַהער ווייל דאס צושטערט די כוונה (עי' או"ח סי' ס"ג, קפ"ג ס"ט, כה"ח מ"ו סי' נ"ד).

ספק ברכות:

פה) אלע ברכות אויב מ'האט א ספק (קלער) אז מ'האט עס נישט געמאכט זאל מען נישט זאגן די ברכה אויסער ביי די פאלגענדע ברכות:

א) בענטשען (ברכה"מ) אויב מ'האט געגעסן צו זעט (סי' ר"ט סעי' ג', קפ"ד ס"ד), אויב מ'האט נאר געגעסן א כזית, זאל מען זיך נאכאמאל וואשען, עסען א כזית און בענטשען (ח"א כלל ה' מ"ב קפ"ד ד' ט"ו), אנדערע פוסקים שרייבן אז מ'זאל אלס אזוי טוהן (עי' כה"ח קפ"ד ט"ו דספק גדול יש בענין הטוב והמטיב).

ב) אויב מ'האט געגעסן צו זעט פון די פירות (פרוכט) אדער געקעכטס (תבשיל) וואס זייער נאך־ברכה (ברכה אחרונה) איז על המחיה־על העץ, און מ'האט א ספק (קלער) צו מ'האט שוין געזאגט די נאך־ברכה, זאל מען עסען נאך פון יענע מין ברכה און זאגן א נאך־ברכה,

און אפילו מ'האט נישט מער פון יענע מין צום ביישפיל מ'האט געגעסן פרייער טרויבען וואס איר ברכה איז "על העץ" און מ'האט נישט מער דערפון זאל מען עסען א עסענוואַרג וואס איר ברכה איז "על המחיה" אדער טרינקען א רביעית וויין וואס איר ברכה איז "על הגפן" און ביי די ברכה אחרונה זאל מען דערמאנען אויך "על העץ" (ר"ט בט"ז סק"ג, ער"ת ג', א"ר ד', ופמ"ג שם, מ"ב סק"י).

אויב מ'האט דאס אויך נישט זאל מען עסען עפעס וואס איר ברכה איז "בורא נפשות" (כה"ח שם ט"ז).

ג) אויב מ'האט א ספק צו מ'האט געזאגט ברכת התורה אדער נישט איז דא א גרויסע מחלוקה אויב מ'מעג זאגן (עי' שאג"א סי' כ"ד, מו"ק סי' מ"ז, ופר"ח, זקן אהרן סי' ס', פני משה ח"א ס"א, לבוש ס"א, ברכ"י ח', מחב"ר א', החיד"א בקש"ג סי' ה' או' כ"ה, סי' יעב"ץ דיני ברכת השחר כ"ב, שע"ת סי' מ"ז, ועוד) דערפאר זאל מען יוצא זיין הערנדיג פון א צווייטן (מ"ב מ"ז א, חסל"א סי' מ"ז, או' ח', בא"ח וישב או' י"ב, כה"ח מ"ז ב').

אויב נישט זאל מען זאגן אָהנע שם און ביי אהבת עולם זאל מען אינזינען האבן צו פטר'ן ברכת התורה און לערנען עפּעס באלד נאכן דאווענען (שם, ועי' שד"ח מע' ב' ל"ז).

אויב מ'לייגט יענעם טאג אין די תורה זאל מען מהדר זיין עולה זיין צו די תורה און יוצא זיין מיט יענע ברכה (ערוה"ש סי' מ"ז).

ד) ביי אלע ברכות אויב מ׳האט א ספק כאטש עפ״י הלכה דארף מען נישט זאגן קיין ברכה איז אבער בעסער לכתחילה מהרהר צו זיין די ברכה (מאמר מרדכי סי׳ ר״ט אר׳ ה׳, כה״ח אר׳ ט״ו).

ה) די הלכה איז אויב איינער קומט אויף א פלאץ ווי עס האט אים פאסירט א נס, אדער מיט זיין טאטע — זיידע דארף מען מאכן א ברכה (סי׳ רי״ח ס״ד) דאס איז אבער נאר ווען עס איז געווען א נס ממש (אומנאטירליך) צום ביישפיל: איינער וואס איז געגאנגען אין וועג און איז געווען אין סכנה צוליב דארשט, און א קוואל איז אים ארויסגעקומען, אבער א נאטירליכע רעטונג צום ביישפיל: ער איז געווען אין סכנה פון גזלנים און איז געראטעוועט געווארן, דארט איז שוין א ספק אויב מ׳מאכט דערפאר זאל מען זאגן אָהנע שם ומלכות (סו״ס רי״ח).

ו) אויב איינער האט א ספק אויף א גראָז אדער בלום אויב עס שמעקט גוט, מעג ער צוערשט א שמעק טוהן צו וויסען אויב עס איז ראוי צו מאכן א ברכה (אדני פז סי׳ רט״ז, חסל״א אר׳ א׳, רו״ח אר׳ ג׳)

די זעלבע הלכה איז אויך אויב ער האט א ספק צו זיין נאז קען יעצט שמעקן (בא״ח ואתחנן, כה״ח רט״ז ג׳).

ז) ביי יעדע ברכה ווי פוסקים קריגן זיך אפילו מערסטע פוסקים שרייבן מ׳זאל זאגן די ברכה און געציילטע זאגן מ׳זאל נישט זאגן, זאל מען די ברכה נישט זאגן, (זכל״א ה׳ ברכות ח״א וח״ג אר׳ ס׳, חסל״א רט״ז ט׳).

אויב דער מנהג איז יא צו מאכן א ברכה קוקט מען נישט אויף דעם וואס רוב פוסקים האלטן (זכל״א שם, בשם תה״ד ל״ד, הרדב״ז ח״א סי׳ ר״צ, ורדב״ז ח״ג בשם מהרש״ח, ובא״ח פ׳ לך ט״ו, פני יצחק מע׳ א׳ אר׳ ד׳, רב פעלים ח״ב סי׳ ז׳, ט״ז סי׳ מ״ו ז, חסל״א שם וכ׳ בכה״ח סי׳ י״ז ב, דכן המנהג פשוט אצל כל בעלי ההוראה דבמקום מנהג לא אמרי׳ סב״ל).

ח) צוליב ספק ברכה זאל מען נישט טרינקען קיין שום געטראנק נאר ווייניגער פון א כזית אדער א רביעית (סי׳ ר״י ס״א).

ט) אויב מ׳עסט נישט קיין כזית זאל מען נישט עסען א גאנצע פרי צום ביישפיל א גאנצע טרויב, א גאנצע באנדעל, א גאנצע ציינדל פון מילגרוים, א.ד.ג. ווייל דאמאלטס איז שוין א ספק אויב מ׳דארף זאגן א נאך ברכה (סי׳ ר״י ס״א).

אויסער אויף איינע פון די פאלגענדע אופנים:

א) אויב עס איז נישט געווען גאנץ נאר צוקלאפט ביים עסען.

ב) אויב מ׳האט אראפגענומען א שטיקל פון די פרי.

ג) אויב מ׳האט ארויסגענומען דעם קערל און אוועקגעווארפן.

י) אויב איינער האט געגעסן א פרי וואס איז א ספק על העץ ספק בורא נפשות, מעג ער נאכדעם עסען א זאך וואס די ברכה איז בורא נפשות, און טרינקען וויין וואס מ׳זאגט על הגפן און אויך זאגן על העץ (ט״ז סו״ס ר״ח ומ״ב שם בשם האחרונים).

יא) יעדע זאך וואס מ׳האט א ספק אויף איר ברכה זאל מען זאגן שהכל (סי׳ ר״ד בסופו). אויב עס איז א זאך וועלכע מ׳קען פטר׳ן אין די סעודה איז בעסער (מ״ב שם).

## פרק כב

### ווערטער פון דאווענען — וואס מ׳דארף אכטונג געבן ביים זאגן

אא) דורכדעם וואס מ׳געט אכטונג נישט צו זאגן א שו״א אַנשטאט אַ חֲטָ״ף פת״ח, וועט מען זוכה זיין צו חכמה — לאנג לעבן — הצלחה — מיט אלעם גוטען — און די תפלה ווערט אנגענומען (ישועות חכמה סי״ז בשם מקובלים).

א) מ׳דארף זיך אפשטעלן א רגע צווישן כי — כל, העמים — אלילים, שמים — עשה (של״ה ומ״א נ״א סק״ה).

ב) "כי לעולם" נישט "כלעולם" (שכנה״ג סי׳ נ׳ א).

ג) "חסדו" דארף מען זאגן דעם סמ״ך, עס זאל נישט אויסזעהן ווי "חזדו" (שם).

ד) מי "כמו״ך" נאדר בקודש נישט מי כמו״ך — ידמו "כאבן" נישט כאבן (מ״א נ״א ז, א״ר ז, מ״ב יז).

ה) מ׳דארף אביסל מפסיק זיין צווישן "במים" און "אדירים" ווייל אדירים גייט אויף די מצריים (פמ״ג נ״א, מ״ב שם, בכה״ח ט״ל דכ״ה במנחות נג.).

ו) מחזירן למכתשת (כנה״ג בשם רדב״ז, שע״ת מ״ח ג,).

ז) "הצֱרי" מיט א חט״ף קמ״ץ (שע״ת שם).

ח) "כל שהוא" נישט "כל שהיא" (שם).

ט) כדי "לשפות" בה, נישט "ליפות" (שם).

י) ואם חסר "אחד" (שם).

יא) "יִרְאוּ" את ד׳ קדושיו (שע״ת רפ״א).

יב) ביי נשמת, "ובְּרִיותיו" (שם).

יג) ביי נשמת "וישוררו" זאל מען נישט זאגן (שם).

יד) "ובְשָׂבָע" כלכלתנו (שם).

טו) וכל עין לך "תִּצְפּה" און נישט "תְּצַפֶּה" (יד אפרים, ושם).

טז) "שרפים וחיות ואופני הקודש" א אנדערע נוסח "שרפים ואופנים וחיות הקודש" (שם).

יז) שבת זאל מען נישט זאגן "זכר למעשה בראשית" ביי שחרית נאר ביי מעריב ומוסף (שם).

יח) איבעראל ווי עס איז דא א מק"ף ביי קר"ש, דאס מיינט א שטריי"ך (פא"ס) צווישן די צוויי ווערטער אזוי־ווי מטר־ארצכם דארף מען עס זאגן צוזאם, דער וועג איז אז ביים ווארט בעפאָר דעם שטעלט מען זיך אפּ אביסל און נאכדעם זאגט מען די אנדערע צוויי ווערטער צוזאם אזוי: "ונתתי... ... מטר ארצכם ... .. בעתו" (שע"ת סי' ס"א ס"ק י"א).

יט) כאטש מ'דארף אפטיילען ביים זאגן על לבבך פינדעסטוועגן דארף מען זיי זאגן צוזאמען איינס נאכן אנדערן (סי' ס"א במ"א).

כ) מ'דארף דאווענען שטענדיג אין א סידור מדוייק ווייל ביי אנדערע סידורים שטייט נישט דער מק"ף ביי קר"ש [זעה או' ח"י] און עס שטייט נישט די נגינות (תפלת ישרון, שם).

כא) ווען מ'זאגט "בעל מלחמות" זאל מען דרוקן דעם ע"ן עס זאל נישט אויסזעהן ווי "בל מלחמות", דאס זעלבע ביי שמונה עשרה "בעל גבורות" (שע"ת נ"ט ג,).

כב) "ישא ברכה מאת ד'" זאל מען דרוקן דעם אל"ף פון "מא"ת" עס זאל זיך נישט הערן ח"ו מת (שם).

כג) טייל זענען מקפיד נישט צו זאגן "אביי הוה מסדר" נאר "אביי מסדר" ווייל דורך זאגן שנעל "אביי הוה" זאגט מען ארויס דעם שם ה־ו־י־ה, און טייל זאגן "אביי היה" (א"א בטשאטש, מנהגי מהר"ם שי"ק, דחו"ש קי"ב, בטוב"י סי' מ"ח, וסי' האריז"ל למהרי"ק גרסו "אביי מסדר").

כד) עס איז בעסער צו זאגן "וכאן שני כתובים" נישט "וכן שני" (שעה"כ ופרע"ח להאריז"ל, בני יששכר חדשי תמוז־אב מאמר ג' או' ד' בשם הגה"ק בעל עטרת צבי זי"ע).

כה) עפ"י האריז"ל דארף מען זאגן "לעולם יְהֵא אָדָם ירא"ש בְּסֵתֶר כְּבַגָּלוּי" (שעה"כ נוסח התפלה ל').

כו) מען זאל זאגן "לַעֲסוֹק" נישט לַסוֹק" בדברי תורה (ישועות חכמה סי' ז').

כז) "והָעֲרֵב" נישט "והָרֵב" נא ד' אלקינו (שם).

כח) אשר יצר את "הָאָדָם" נישט "הָדָם" (אחרונים).

כט) "וְלַעֲמוד לפניך" נישט "וְלַמוד" — "לַעֲשׂוֹת" נישט "לַשׂוֹת" (ישועות חכמה, שם).

ל) ביי די פרשת עקידה זאל מען געווארענט זיין — והעלהו, נישט והַלֵהוּ — ויַחֲבוש, נישט וַיַחְבוש — וְנִשתַחֲוֶה, נישט וְנִשתַחְוֶהַ — הַמַאֲכֶלֶת, נישט הַמַכֶלֶת — וַיַעֲרוֹך, נישט וַיַרוֹך, נֶאֱחַז, נישט נֶחַז — וְהָאֱלקִים, נישט וְהָאֱלֹאִים, — אשר אָהַבְתָּ, נישט אָהַפְתָּ — עֵינָיו, נישט עֵינָיפ —.

לא) נשבעתי, נישט נזשבעתי — שַׁעַר, נישט שַׁר — רַחֲמָיו, נישט רַחְמָיו — לַעֲשׂוֹת, נישט לַשׂוֹת — רַחֲמֶיךָ, נישט רַחְמֶיךָ, — כַעַסְךָ, נישט כַסְךָ — וּבְטוּבְךָ, נישט ובטופך — וּמִנַחֲלָתֶךָ, נישט וּמִנַחְלָתֶךָ — יַעֲקֹב, נישט יַעֲנְקֹב — אֶזְכּוֹר, נישט אֶשְׁכּוֹר (שם).

לב) ביי די פרשת הקרבנות — וְרָחֲצוּ, נישט וְרָחְצוּ — תַעֲשֶׂה, נישט תַשֶׂה — כַּאֲשֶׁר, נישט כַּשֶׁר — מַעֲשֶׂה, נישט מַשֶׂה — וְנֶאֱמַר, נישט וְנֶמַר — וּבְהַעֲלוֹת, נישט וּבְהַלוֹת — בְּשַׁחֲרִית, נישט בְּשַׁחְרִית — וּמַחֲזִירָן, נישט וּמַחְזִירָן — וְשׁוֹחֲקָן, נישט וְשׁוֹחְקָן — הַצֳּרִי, נישט הַצְּרִי — שבעים, נישט שְׁבִים — תשעה, נישט תִשָׁ — מַעֲלֶה, נישט מַלֶה — לַחֲצָאִים, נישט לַחְצָאִין — לַעֲמוֹד, נישט לַמוֹד — יַעֲנֵנוּ, נישט יַנֵנִי — (שם).

לג) ביי פסוקי דזמרה — מַעֲשֶׂיךָ, נישט מַשֶׂךָ — וְרַחֲמָיו, נישט וְרַחְמָיו — מַעֲשָׂיו, נישט מַשָׂיו — וַחֲסִידֶיךָ, נישט וַחְסִידיך — יַעֲשֶׂה, נישט יַשֶׂה — שַׁוְעָתָם, נישט שַׁוָתָם —.

# פרק כג

## וויכטיקע געקליבענע דינים פון פסוקי דזמרה

## (פון ברוך שאמר ביז ישתבח)

## (או"ח סי' נ"א)

א) אויב מ'האט אויסגערעדט אפילו איין ווארט נאך ברוך שאמר בעפאָר מ'האט געזאגט ווייטער מעגליך אז מ'איז מחויב נאכאמאל צו זאגן ברוך שאמר, דערפאר זאל מען עקסטער געווארנט זיין דארט (פמ"ג סי' נ"א, ומ"ב סק"ד).

ב) אפילו בלייבען שטיין-שטיל זאל מען נישט נאך ענדיגען ברוך שאמר (מ"ב שם).

ג) אפילו לשון הקודש טאר מען נישט רעדן פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה (סי' נ"ד, מ"א ריש סי' ס"ו, מ"ב נ"א ז, סידור יעב"ץ דיני פסד"ז, ה', קש"ע י"ד א,).

ד) אויב מ'נעמט ארויס די ס"ת טאר מען נישט זאגן "בריך שמיה" נאך ברוך שאמר (שו"ת מהרש"ג סי' נ"ב).

ה) אפילו שרייבן טאר מען נישט אויסער אויב עס איז זייער וויכטיג און דריגענד אויף שוין (שו"ת יגל יעקב או"ח סי' י').

ו) אינמיטען פסוקי דזמרה מעג א יתום זאגן קדיש יתום אויב קהל האלט דארט (שו"ת שאילת שלום סי' מ"ג, שו"ת מהרש"ג סי' מ"ח, ועי' לבוש"מ או"ח קי"ב).

ז) אויב עס איז נישטא ווער עס זאל לייגען נאר איינער וואס האלט אינמיטען פסוקי דזמרה מעג ער (שו"ת תשורת ש"י סי' קכ"ח).

ח) מ'טאר נישט מאכן קיין רמזים מיט די הענט, אויגן, מויל, אינמיטען פסד"ז (סי' יעב"ץ). נאר לצורך מצוה (שם).

ט) אלע אמנים מעג מען נאכזאגן פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח, אויסער אויף די ברכה פון ברוך שאמר און ישתבח וועלכע מ'טאר נישט זאגן אינמיטען ברוך שאמר און ישתבח (סי' נ"א מ"א ג, ח, מ"ב ב,).

י) דער וואס איז מפסיק אינמיטען פסד״ז זאל זאגן פריער ״ברוך ד׳ לעולם אמן ואמן״ ביז ״ויברך דוד״ און ווען ער איז פארטיג און גייט צוריק צום דאווענען זאל ער דאס נאכאמאל זאגן (ט״ז ב, מ״א ד, א״ר ד, הגר״ז ה, פמ״ג ב, שע״ת ג, מ״ב ז,).

יא) ברוך הוא וברוך שמו טאר מען נישט זאגן אינמיטען פסוקי דזמרה (באה״ט, דה״ח, מ״ב ח׳) אבער צווישן די קאפיטלעך [זעה ווייטער די באדייטונג או׳ י״ב], אדער נאך ישתבח פאר ברכו, מעג מען יא זאגן (הראשון דעת בעל ברוך טעם מובא בהג׳ מהרש״ם סי׳ ס״ו, והשני בשו״ת לחם שלמה סי׳ ל״ו, וכ״כ בא״א בטשאטש מהד״ב).

יב) ביי די אלע אופנים וואס מ׳מעג מפסיק זיין זאל מען דאס טוהן סוף פרק לכתחילה (מ״ב י״ב בשם דה״ח, וקש״ע י״ד א,)

די באדייטונג דערפון: ביי ״והלל לד׳״ אינמיטען הודו — ״ברוך אלקים״ — ״על גאים״ — ״יחלנו לך״ — ״על השמים כבודו״ פון יהי כבוד — סוף פון יעדן הללו־יה — ״אמן ואמן״ — ״לשם תפארתך״ — ״במים עזים״ — ״לעולם ועד״.

יג) דער אמן וואס אסאך זאגן נאך ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד פון שליח ציבור טאר מען נישט זאגן אינמיטן פסוקי דזמרה (או״ח החדש בשם ס׳ דרכי חיים).

יד) אשר יצר מעג מען זאגן אינמיטען פסוקי דזמרה (דה״ח, ערוה״ש מ״ב סק״ח).

טו) מודים דרבנן מעג מען זאגן (א״ר סי׳ נ״א ערוה״ש ומ״ב ח׳).

טז) אינמיטען פסד״ז מעג מען מאכן א ברכה אויף א בליץ אדער דינער (מ״א ס״ו ה, הגר״ז ד, ח״א כלל כ׳ ד, דרכי חיים, ערוה״ש נ״א ס״ו,).

יז) אויב דער ציבור ליינט קריאת שמע זאל מען מיט־זאגן דעם ערשטן פסוק פון ״שמע ביז אחד״ (ממ״א ס״ה ד׳ בשם ב״ח, ט״ז שם א, פר״ח שם, א״ר, קש״ע י״ד א, דה״ח, מ״ב נ״א ח,)

יח) אויב מ׳דערמאנט זיך אינמיטען פסד״ז אז מ׳האט פארגעסן זאגן ברכת התורה, מעג מען עס זאגן אינמיטען פסוקי דזמרה ביז ואני אברכם (מ״ב נ״א י׳).

יט) אויב מ׳האט נאך־נישט געליינט קר״ש של שחרית, און מ׳באמערקט אינמיטען פסוקי דזמרה אז ביז מ׳וועט אנקומען צו קר״ש וועט שוין זיין נאכן זמן זאל מען זאגן דארט קר״ש (הגר״ז מ״ו ס״ט, מ״ב נ״א י׳) ביז פ׳ ויאמר (הגר״ז שם).

כ) אויב מ׳האט איינעם אויפגערופן צו די תורה אינמיטען פסוד״ז זאל ער גיין (ממ״א קל״ה ו, והחיד״א בעבה״ק קש״ג סי׳ ז׳ או׳ ל״ד, ערוה״ש נ״א ו׳, כה״ח נ״א כ״ה).

כא) אויב עס איז נישטא א צווייטע כהן אין ביהמ״ד נאר דער וואס האלט אינמיטען פסוד״ז זאל מען אים אויף־רופען צו די ס״ת — דאז זעלבע מיט א לוי (פמ״ג בא״א קל״ה ו, שערי אפרים שער א׳ א, מ״ב נ״א י,) אויב עס איז מעגליך זאל ער ענדיגען ביזן סוף פון א ענין (שם).

כב) דער פסוק והוא רחום וכו׳ פון הודו — יהי כבוד — ובא לציון, דארף מען זאגן אפילו שבת — און יו״ט (האריז״ל בשעה״כ דף נ׳ ופע״ח שער הקרבנות, מחב״ר רס״ז ג, שע״ת נ״א ג, וע״ע בשו״ת צבי תפארת סי׳ פ״א, ומנח״א ח״ד סי׳ י׳).

כג) ווען מ׳זאגט ד׳ מֶלך ד׳ מָלָך וכו׳ זאל מען נישט מפסיק זיין אינמיטען אזוי־ווי צווישן ד׳ אלקיכם און אמת פון קר״ש (א״ר סי׳ נ״א, מ״ב יב,).

כד) ווען מ׳זאגט א שם (נאמען פון באשעפער) אנהויב פסוק, טאר מען גארנישט זאגן נאכדעם אפילו קדושה אדער יהש״ר ביז מ׳זאגט נאך אפאר ווערטער, (כה״ח נ״א טו,)

דאס זעלבע אויך ביי אנדערע פלעצער וואו מ׳זאגט ארויס דעם שם זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן דעם שם און דעם ווארט פארדעם אדער נאכדעם מיט גארנישט ווייל דער שם גייט לבטלה (שם).

כה) דער וואס זאגט די שירה מיט כוונה וועט זוכה זיין זי צו זאגן ווען משיח וועט קומען, און אויך בעולם הבא (פר״ח סי׳ ג״ן או׳ א׳, החיד״א בעבוה״ק דפו״ש סי׳ ב׳ כד, בשם זוה״ק בשלח, וכה״ח מ,).

כו) דער וואס זאגט די שירה יעדן טאג בשמחה (מיט פרייד), קלאר געזאגט די ווערטער, און האט אינזינען אזוי־ווי ער וואלט אליינס ארויס פון מצרים און אריבער דעם ים, איז השי"ת מוחל אים אלע עבירות (החיד"א שם, מ"ב י"ז, כה"ח מ"א בשם מדרש).

כז)ביים זאגן אנא בכח דארף מען שטיין (שע"ת מ"ח ג,).

כח) ביי זאגן אנא בכח דארף מען זיך אפשטעלן נאך יעדע צוויי ווערטער: אנא בכח — גדולת ימינך — וכו'. (שם).

כט) אויב מ'האט נישט אינזינען געהאט ביי פסוק "פותח את ידך" וכו' פון אשרי דארף מען איבער זאגן דעם פסוק (סי' נ"א ס"ז).

ל) אפילו מ'דערמאנט זיך נאכן דאווענען אז מ'האט נישט אינזינען געהאט זאל מען נאכאמאל זאגן (מ"ב ט"ז).

לא) דאס וואס די חז"ל זאגן אויב מ'זאגט דריי מאל א טאג אשרי איז מען זוכה צו עולם הבא מיינט נישט סתם געזאגט (עי' מ"א סי' א' סק"ז, ובמחה"ש שם,).

לב) די עיקר כוונה פון פסוק "פותח את ידך" איז "פותח את ידך" — די עפענסט דיין האנט, "ומשביע" — די טוסט אנזעטיגען, "לכל חי" — יעדן לעבעדיגן באשעפעניש פון קלענסטן ביזן גרעסטן, "רצון" — זיין ווילען און באדערפעניש.

אבער ביי אשרי פאר ובא לציון גואל, און פאר מנחה זאל מען אזוי אינזינען האבען: "פותח את ידך" מאך אויף דיין האנט, "ומשביע" און טוה אנזעטיגען, "לכל חי" יעדן לעבעדיגען באשעפעניש, "רצון" זיין ווילען (שערי שלום סי' י"ד בשם האחרונים).

לד) ווען מ'זאגט ד' מֶלֶךְ ד' מָלָךְ וכו' דארף מען שטיין (מ"א נ"א ס"ז, מ"ב י"ח).

לה) ביים זאגן ויברך דוד, זאגענדיג "והעושר והכבוד מלפניך" זאל מען געבן צוויי פרוטות פאר צדקה, "ואתה מושל בכל" נאך איין פרוטה (מ"א ומ"ב נ"א בשם האריז"ל משנ"ח דף ס"ד).

די צדקה דוקא איז מקרב די גאולה, (דחו"ש או' קכ"ח בשם מדרש פנחס להק' מקאריץ זצ"ל).

לו) די ווערטער און אותיות פון דאווענען דארפן געזאגט ווערן שְׁטָאָט (פַּאַמֶעלִיךְ) נישט שנעל (סי' נ"א ס"ח) אזוי ווי מ'ציילט געלט (מ"א ומ"ב שם).

מ'דארף וויסען און געדענקען אז יעדע א פון דאווענען פארמאגט מורא'דיגע סודות און געננג וואס מיר פארשטייען זיי נישט אינזינען צו האבן, זאל מען נאך אויסלאזען אותיות אויך (חיד"א בעבה"ק צפורן שמיר סי' ב' או' טו"ב).

לז) עס עס איז א מצוה צו דאווענען הויעך מיט התלהבות (שו"ת אמרי א"ש או"ח סי' ג', קונטרס יענה בקול, מנח"א ח"ב סי' כ',).

לח) ביי ברוך שאמר, ויברך דוד, שירה, ישתבח, דארף מען שטיין (ב"ח סי' נ"ג, רמ"א נ"א ז', מ"א נ"א א, קש"ע י"ד ד, ועי' מ"ב נ"ג א').

לט) דער היתר פון אויסלאזען שטיקער פון דאווענען אויב מ'קומט אן שפעט אין ביהמ"ד, כדי מ'זאל קענען דאווענען מיט מנין איז נישט געזאגט געווארן אין א ביהמ"ד ווי עס דאווענען כסדר מנינים און מ'האט א ברירה צו דאווענען מיטן קומענדיגען מנין (פתה"ד נ"ב א, כה"ח נ"ב א').

מ) דער וואס דאווענט נוסח אשכנז מעג טוישען צו נוסח האריז"ל (שו"ת ד"ח ח"ג או"ח סי' ח', בית היוצר או"ח ה', שערי צדק או"ח ו', ובשו"ת קרל"ד יט, שכבר הורה זקן הד"ח זצ"ל, ועי' שו"ת זכרון יהודא ח"א מד, פרהש"ד ח"ב לה, צח, אבני נזר או"ח כט, לבוש"מ מהד"ק יד, ומהד"ב י, ערך ש"י או"ח ס"ח, ועוד).

מא) בשעת מ'דאווענט טאר מען גארנישט טוהן, אפילו א קלייניקייט אויך נישט (או"ח סו"ס קפ"ג, וקצ"א ובט"ז ומ"ב שם).

מב) לכתחילה דארף מען האבן געזאגט אלע ברכות פון צופריה [פון על נטילת ידים — ביז הגומל חסדים טובים] ביז צעה"ן אזייגע"ר, בדיעבד ביז חצות (מ"ב סו"ס נ"ב, ובה"ל שם).

מג) אויב איינער גייט אין בית הכסא פאר ישתבח, זאל ער נאכאמאל זאגן אשרי, אדער א קלענער קאפיטעל פאר ער זאגט ישתבח (בה"ל נ"ג ס"ב).

מד) מ'דארף קלאר און דייטלעך ארויסזאגן אלע אותיות, (סי' ס"א סעי' כ"ב) זעה ווייטער דינים פון קר"ש או' ט — יז).

## פרק כד

## געקליבענע וויכטיגע דינים פון דאווענען

א) אויב איינער האלט נאך שמונה עשרה און האט נאכנישט געזאגט די ברכת השחר [פון נטילת ידים — ביז הגומל חסדים טובים], זאל ער זאגן דאמאלטס אלע ברכות אויב עס איז נאך פאר חצות — צוויי ברכות זענען א ספק אלקי נשמה, ברכות התורה (עי' סי' נ"ב בסופו ובמ"ב שם).

ב) מ'טאר נישט באשטומען א געוויסן מענטש צו דאווענען פאר'ן עמוד געוויסע טעג נאר אויב ער פארמאגט די אלע מדות וואס א שליח ציבור דארף האבן (סי' נ"ג ו', ועי"ש סעי' ד' ה' ו' ז' ח' ט' י' וכו').

ג) אויב מ'וויל זעהן אויב עס איז דא מנין (צען) מענטשען טאר מען נישט ציילען נאר מיט א פסוק וואס האט צען ווערטער, צ.ב.ש. "הושיעה את עמך" וכו' (מ"א קנ"ו, קש"ע ט"ו ג').

ד) לכתחילה דארף מען האבען אפ'געדאווענט שחרית ביז א דריטעל טאג (גערעכנט פון עלות השחר ביז צה"כ), בדיעבד ביז חצות, נאכדעם איז אסור (סי' פ"ט סעי' א').

ה) לכתחילה זאל מען זיך נישט ארויסלאזן אויפן וועג פארן דאווענען (סעי' ג').

ו) עס איז א מצוה ווען מ'קומט נאנט צום ביהמ"ד צו לויפען (סי' צ' סעי' י"ב ומ"ב סק"מ).

ז) עס איז א מצוה צו האבן א באשטימטען ביהמ"ד צו דאווענען, און צו האבן אינעם ביהמ"ד א באשטימטען ארט (סעי' י"ט).

ח) מ'טאר זיך נישט שטעלן דאווענען אויפהייבענדיג זיך פון ליצנות מיט שטיפערייען (סי' צ"ג ב').

ט) ביים גאנצן דאווענען טאר מען גארנישט האלטען אין האנט (פמ"ג סי' צ"ו ומ"ב סק"א).

י) ביים זאגן "עוזר דלים" זאל מען זיך באטראכטען ווי א ארימאן וואס שטייט ביים טיר און בעט, אפילו אויב ער איז א עושר, איז ער אבער ארים פון תורה ומצות (שע"ת ס"ו י"ג ומ"ב וש"א שם).

יא) ביי "תהלות לק-ל עליון" דארף מען אויפשטיין (שם).

יב) אויב ער האלט ביי "שירה חדשה" און דער שליח ציבור איז נאנט צו מודים זאל ער אנהייבן שמו"ע די זעלבע צייט וואס דער ש"ץ זאגט מודים (שם).

יג) אויב ביי שחרית האלט מען פאר שמונה עשרה און דער שליח ציבור גייט זאגן ברכו, קדיש, קדושה זאל מעןווארטען ביי שירה חדשה און דארט מיטזאגן, בדיעבד מעג מען ביז, ברוך אתה וכו׳ גאל ישראל, (שם).

יד) נישט בלויז אין ביהמ״ד דארף מען האבן א באשטימט פלאץ צום דאווענען (מקום קבוע) אפילו אין שטיב דארף מען האבן א באשטימט ארט (סי׳ צ׳ סעי׳ י״ט מ״א ומ״ב שם).

טו) מ׳טאר נישט דאווענען מיט הענדטשו״ך (ב״ח ועט״ז סי׳ צ״א, ומ״ב י״ב).

טז) אויב מ׳שפירט אז מ׳דארף נקיות אין בית הכסא אפילו נאר א קלייניקייט טאר מען זיך לכתחילה נישט שטעלן דאווענען אָהן דעם, בדיעבד אויב מ׳האט געדאווענט און מ׳קען זיך נאך צוריקהאלטן פון סוף דאווענען ביז די הכנות 72 מינו״ט האט מען יוצא געווען, אויב נישט מוז מען נאכאמאל איבער דאווענען נאך נקיות.

און אפילו לכתחילה קען מען זיך פארלאזן און דאווענען אויב מ׳קען אויסהאלטן 72 מינו״ט, אויב דער זמן תפלה גייט אדארך (סי׳ צ״ב סעי׳ א׳ מ״א ומ״ב וש״א שם).

יז) פארן דאווענען שחרית, מנחה, מעריב דארף מען זיך וואשן די הענט (סי׳ צ״ב סעי׳ ד׳).

יח) לכתחילה טאר מען נישט צורירען אינמיטען דאווענען קיין שום פלאץ פון קערפער וואס איז צוגעדעקט, דאס זעלבע אין די נאז אדער אויערן (רמ״א צ״ב ס״ז).

אויב מ׳האט אנגערירט דארף מען זיך וואשן די הענט, אבער אויב מ׳שטייט אינמיטען שמונה עשרה, דארף מען אפרייבן אין וואנט א.ד.ג. (שם ס״ו, ופמ״ג, ומ״ב ס״ק כח).

יט) עס איז גוט צו געבן צדקה פארן דאווענען (סי׳ צ״ב בסופו).

כ) מ׳דארף זאגן ובא לציון וכו׳ מיט גרויס כוונה, ווייל אויף דעם שטייט די וועלט (סי׳ קל״ב מ״ב ב׳).

כא) עלינו לשבח וכו׳ דארף מען זאגן בכוונה מיט פאָרכט און ציטער, ווייל הקב״ה מיט די גאנצע פמליא של מעלה הערן און זאגן נאך אשרי העם שככה לו וגו׳ (מ״ב שם ז׳).

כב) ״והוא רחום וכו׳ וואס מ׳זאגט מאנטאג און דאנערשטאג דארף מען זאגן שטייענדיג נישט אָנגעלאַנט און מיט כוונה (קל״ד א׳).

כג) מ׳זאל נישט אויסלאזן ״איזהו מקומן״ כדי מ׳זאל נישט מוזן נאכאמאל מגולגל ווערן (שלחה״ט סי׳ נ׳).

כד) אפילו ווען מ׳דאווענט פאר זיך איז גוט מ׳זאל דאווענען פו̇ן א סידור, כ״ש א שליח ציבור (מ״ב סו״ס נ״ג בשם פמ״ג).

כה) עס איז א מצוה צו לאזען א אָבל דאווענען פארן עמוד ווייל עס איז א נחת רוח פארן מת און עס איז אים מציל פון גיהנם, אבער אויב ער קען נישט ארויסזאגן די ווערטער אזוי ווי מ׳דארף זאל ער נישט דאווענען פארן עמוד (פמ״ג קל״ב, מ״ב סי׳ נ״ג סק״ס).

כו) מ׳זאל נישט שטיין ביים דאווענען אין ביהמ״ד נעבן א רשע, ווייל די שכינה הק׳ דערווייטערט זיך פון אזא פלאץ (ס״ח סי׳ תש״ע).

כז) אויב עס איז מעגליך זאל מען באשטימען דעם זיין פלאץ ביים דאווענען דארט ווי מ׳לערנט (מעדני יו״ט פ״ק דברכות אר׳ ע׳ מובא בכה״ח סי׳ צ׳ אר׳ קי״א).

כח) עס איז בעסער צו דאווענען מיט׳ן ציבור און ביהמ״ד ווי צו דאווענען מיט א מנין אין שטיב (מ״א סי׳ צ׳ ס״ק ט״ו ושע״ת סק״ג).

כט) עס איז א מצוה צו לויפען צום ביהמ״ד דאווענען אפילו שבת (סי׳ צ׳ סעי׳ י״ב).

ל) נאנט צום זמן התפלה זאל מען נישט נעמען א קינד אין שויס (ס״ח אר׳ ח״י).

לא) אין א ביהמ״ד ווי עס איז נישטא קיין רָב ביים דאווענען זאל מען ווארטען מיט די הויכע שמונה עשרה אויף איינעם וואס דאווענט וואָרט ביי וואָרט (מ״א ומ״ב בסי׳ קכ״ד).

לב) אויב איינער האט פארשפעטיגט שחרית מיט׳ן ציבור ר״ח א.ד.ג. זאל ער כאטש דעריאגן צו דאווענען שחרית ווען ציבור דאווענט מוסף (צל״ח ברכות ו׳, מגג״ב סי׳ צ׳, שו״ת חבצלת השרון או״ח סי׳ ב׳, מ״ב סי׳ צ׳ סק״ל).

לג) לכתחילה זאל מען נישט מצרף זיין איינעם וואס שלאפט צו מנין (סי׳ נ״ה ס״ו בט״ז, ועי׳ פר״ח, ובשו״ת יהודה יעלה או״ח סי׳ כ״ו,) צוויי טאר מען זיכער נישט מצרף זיין (מ״ב ס״ק ל״ב).

לד) אויב מ׳רופט איינעם פון דרויסען מצרף זיין צו מנין פאר חזרת הש״ץ איז ער מחויב דארט צובלייבען ביז נאך קדיש תתקבל פון נאך ובא לציון גואל (מ״ב סי׳ נ״ה ס״ק י״ב).

לה) אויב עס איז דא פונקט צען מענטשען און איינער גייט ארויס איז עס מקצר ימים רח״ל (רמ״א סי׳ נ״ה ס״ב).

*לה) אויב איינער דאווענט און טראכט בשעת מעשה וועגען געלט־ביזנעס איז ער עובר אויף ״לא תעשון אתי א־להי כסף וא־להי זהב (ס׳ החינוך).

לו) דער וואס דאווענט ביחידות זאל דאס טוהן אין שוהל (סי׳ צ׳ סעי׳ ט׳).

לז) כאטש עס איז א מצוה צו דאווענען אין דעם ביהמ״ד ווי עס זענען דא מער מענטשען (ברוב עם הדרת מלך) פונדעסטוועגן איז בעסער צו דאווענען אין א קליין ביהמ״ד אויב דאס דאווענען איז אים בעסער דארט (ערוה״ש סי׳ צ׳ סעי׳ ט״ו, שו״ת צבי תפארת סי׳ נ״ג).

לח) אויב מ׳קען בדרך שלום אָהנע שום מחלוקת גרונדן א זייטיג מנין ווי מען זאל דאווענען בכוונה און במתינות דארף מען נישט קוקען אויף דעם וואס דאס גרויסע מנין ווערט פארקלענערט (שו״ת זכרון יהודה או״ח סי׳ ס״ז).

לט) א מחיצה וואס איז אויסגעצויגן אינמיטן שטוב און מענטשען שטייען בעפאָר און אונטער די מחיצה, אויב עס איז אויסגעשפרייט לשם צניעות זענען זיי זיך מצטרף צו מנין (באה״ט סי׳ נ״ה ס״ק י״ג, ומ״ב ס״ק מ״ט).

מ) אויב איינער הערט ביי זיך אין שטוב (נישט דורך א מיקראָפאָן) ווי מ׳זאגט קדיש און קדושה אין ביהמ״ד אויב עס איז נישטאָ צווישן שטוב און ביהמ״ד קיין עבודה זרה אדער טינוף, מעג ער מיטזאגן אמן מיט קדושה (סי׳ נ״ה סעי׳ כ׳).

מא) אויב איינער האט נאכגעזאגט ״ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד״ נאך ברכו פון מעריב, מעג ער דאווענען נאכדעם מנחה (שו״ת תורת יקותיאל סי׳ מ׳), אבער אויב דאס איז פרייטאג צו־נאכטס טאר ער נישט (או״ח רס״ג סעי׳ ט״ו).

מב) די ערשטע צען וואס זענען אין ביהמ״ד צום דאווענען נעמען שכר קעגן גאנצן ביהמ״ד (סי׳ צ׳ סעי׳ י״ד ומ״א ומ״ב שם).

פון די צען ווער עס איז פריער באקומט מער שכר (א״ר בשם ל״ח מובא במחה״ש סי׳ צ׳ ס״ק כ״ח).

און אפילו ווען צען מענטשען זענען שוין אין ביהמ״ד ווי פריער מ׳קומט איז א גרעסערע מעלה (עטרת זקנים על גליון או״ח סי׳ צ׳).

מג) בעפאר מ׳גייט אריין אין ביהמ״ד זאל מען בלייבן אביסעל שטיין און זאגן ״בבית אלקים נהלך ברגש״ (סידור יעב״ץ, מ״א סי׳ צ׳ ס״ק כ״ד).

מד) אויב עס איז נאר מעגליך, בפרט אויב דער וועג פון שטוב ביזן ביהמ״ד איז נאנט, זאל מען נישט פארען מיט א וואגען (אויטא) אין ביהמ״ד נאר גיין מיט די פיס (שו״ת תורה לשמה סי׳ י׳).

מה) דער נוסח או״א ברכינו בברכה המשולשת וכו׳ וואס מ׳זאגט פאר שים שלום, די וואס זאגן ״כן יהי רצון״ זאלען דאס זאגן ביים סוף פון די ברכה, דאס מיינט נאך ״וישמרך״ זאגט מען כיה״ר [בזכות אברהם אבינו] נאך ״ויחנך״ כיה״ר [בזכות יצחק אבינו], ״שלום״ כיה״ר [בזכות יעקב אבינו] (סי׳ קכ״ז ס״ב מ״א סק״ה, ט״ז סק״ד, ש״ע הגר״ז ב׳).

מו) ביי שמונה עשרה זאל מען געווארנט זין אז די האר פון די פיאות זאלען נישט איבערדעקן די אויערן, דאס מיינט דעם לאך פון אויער דורך ווי מען הערט (זוהר חדש דף כ״ז עקב, תקונים תיקון ע׳ דף קכ״ב ע״ב, יסוש״ה שער ה׳ פ״ב).

מז) אזוי־ווי א ליכט וואס שאקעלט זיך ווען עס ברענט דאס זעלבע ווער עס האט א פייער מיט א ברען צו השם יתברך קען נישט רוען נאר מוז זיך שאקלען ביים דאווענען און לערנען (זוה״ק פנחס דף רי״ח ע״ב).

**חזנים — בעלי תפלות:**

מח) די חזנים וואס דאפלען די ווערטער איבערזאגנדיג עטליכע מאל אווארט זענען עובר פינעף איסורים (שו״ת מהר״ם שי״ק או״ח ל״א).

מט) דאס איז דער וועג פון די טיפשות׳דיגע חזנים צוליב מ׳זאל הערן זייער שטומע צוברעכן זיי יעדעס ווארט אויף שטיקלעך און מ׳האט נישט קיין ווערטער פון זיי נאר געגארגעלעכץ (שו״ת נו״ב מהד״ק או״ח סי׳ ג׳).

נ) מ׳טאר נישט טוישן קיין ניגונים אנדערש ווי דער מנהג, אלעס איז הלכה משה מסיני (ס״ח שם).

נא) די גאנצע דאווענען פון מענטש ווערט קאליע דורכדעם וואס ער דאווענט מיט א זיסע אנגענעמע שטומע און טראכט דאמאלטס ווי א שיינע שטומע ער האט, און מענטשען האבן הנאה אים צו הערן (אורחות צדיקים סוף שער חנוכה,

וע״ע בשל״ה דפוס אמש׳ דף רנ״ה, ובחובה״ל שער עבודת אלקים דהויא עבודה בשותף).

נב) דער חזן זאל נישט דורכן זינגען צוקלאפען א וואָרט אין צוויי (או״ח קכ״ח מ״ב קס״ט).

נג) דער קלקול איז זייער גרויס ביי די חזנים וועלכע צוקלאפן די ווערטער בפרט (באזונדער) ביי די פלעצער וואס מ׳דארף נאכזאגן אמן און דאס איז א גרויסע מכשול (שטרויכלונג) וועגן אמן (מ״ב רפ״א סק״ד).

נד) מ׳טאר נישט זינגען ניגונים פון די גוים (יער״ד ח״א דף צ״ג, דפוס לעמב׳, מ״ב סי׳ נ״ג ס״ק פ״ב).

נה) א בעל תפלה וואס לערנט נישט ווערן זיינע תפלות אויך נישט אָנגענומען (עט״ז סי׳ נ״ג או׳ ב׳, א״ר ה׳).

נו) די בעלי תפלות וואס ציען דאס דאווענען כדי מ׳זאל הערן זייער שיינע שטומע איז דאס זייער א מיאוס׳ע זאך (סי׳ נ״ג סעי׳ י״א) אפילו שבת און יו״ט און קהל איז מסכים איז דאס אויך מיאוס (מהרש״ל חולין פ״א או׳ נ׳). עס פארלענגערט דעם גלות (כה״ח סי׳ נ״ג ס״ק ז״ן).

נז) דער בעל תפלה דארף טוהן מיט שכל אז מענטשען זאל נישט נמאס ווערן צו זיצן אומגעדולדיג ווילאנג דער בעל תפלה שלעפט און ציהט דאס דאווענען, און עס ברענגט זיי צו שמוסען דברים בטלים ביים דאווענען (שבט מוסר פל״ד).

עס ברענגט אויך אז דער בעל תפלה זאל יאגן דאס דאווענען ווייל ער איז שוין מיד פון ציען דעם ניגון, און ער וויל שנעל אָפּיאָגען אנצוקומען צו דעם פלאץ ווי מ׳דארף זינגען (שם).

## פרק כה

## וויכטיגע דינים ביי שמונה עשרה

א) אויב איינער האט זיך געשטעלט דאווענען שמונה עשרה מיט׳ן פנים צו דרום אדער צפון און מ׳האט אים דערמאנט זאל ער בלויז דעם פנים אויסדרייען צו מזרח, אויב ער האט זיך אבער געשטעלט מיט׳ן פנים צו מעריב זאל ער זיך אויסדרייען מיט די פיס צו מזרח (מ״ב צ״ג סק״י).

ב) אויב איינער פאָרט אין וועג און דער זמן תפלה גייט אדורך זאל ער זיך אפשטעלן דאוונען, אויב עס איז נישט מעגליך מעג ער דאוונען פארענדיג און לכתחילה שטייענדיג (סי׳ צ״ב ס״ד ומ״ב).

ג) מען דארף געווארנט זיין מ׳זאל זיך נישט אנלאַנען (סמיכה) אויפן שטענדער א.ד.ג. ביים דאוונען שמונה עשרה אדער אנדערע פלעצער ווי מ׳דארף שטיין (שם סעי׳ ח׳).

ד) די אויגן פון מתפלל דארפן זיין געבויגען צו דער ערד און ער דארף טראכטען ווי ער וואלט יעצט געשטאנען אין בית המקדש און געדאווענט (סי׳ צ״ה ס״ב).

די מענטשען וואס הייבען אויף דעם קאפ מיט די אויגן ארויף, טוען די מלאכים אפ׳חוזקן פון זיי (מ״ב סק״ה בשם ס״ח).

ה) דער וואס האלט נישט די אויגן פארמאכט ביים דאוונען שמונה עשרה איז נישט זוכה צו זעהן די שכינה בשעת ער שטארבט (שכנה״ג ומ״ב שם). אויסער אויב ער דאוונט אין א סידור (שם).

ו) מ׳דארף זיך שאקלען ביים דאוונען (פר״ח בשם הפוסקים, מגג״ב מ״ב ז׳).

ז) מ׳טאר נישט האלטן גארנישט אין האנט בשעת׳ן דאוונען שמונה עשרה (סי׳ צ״ו מ״ב סק״ה).

ח) אויב א ספר ליגט אויף דער ערד און עס איז אים מבלבל פון דאוונען מעג ער עס אויפהייבן צווישן איין ברכה און אנדערען (מ״ב סק״ז).

ט) מ׳טאר נישט געניצע״ן אינמיטן שמונה עשרה (צ״ז סק״א).

י) מ׳טאר נישט שפייע״ן (לרוק) אויב מ׳מוז זאל מען אויסדרייען דעם קאפ אויף אונטען אדער אויף לינקס אבער נישט אויף רעכטס אדער פאראויס (רמ״א צ״ז ב׳) אויב מ׳האט נישט קיין ברירה בשום אופן און מ׳איז זיך מצער מעג מען (מ״ב סק״ח).

יא) אויב דער טלית איז אינגאנצן אראפגעפאלן אפילו מ׳האלט עס נאך אין האנט זאל מען עס נישט צוריק אנטוהן נאר נאך שמונה עשרה, מיט א ברכה, אויב

עס איז אבער געבליבען א ביסעל אויפן קערפער קען מען צוריק ארויפריקען די גאנצע (צ״ז ד׳ ובמ״ב).

יב) פאר שמונה עשרה דארף מען אוועקשטופען פון געדאנק אלע זאכען וואס שטערן די כוונה פון דאווענען און בשעת׳ן דאווענען דארף מען אינזינען האבן יעדעסווארט מיט איר באדייטונג (צ״ח סק״א).

יג) מ׳טאר זיך נישט שטעלן לכתחילה דאווענען אויף א פלאץ ווי עס איז דאָ עפעס וואס שטערט די כוונה (צ״ח ס״ב).

יד) מ׳דארף דאווענען מיט א שפראך פון געבעט אזוי ווי איינער בעט רחמים אויף זיך ווייל לויט אסאך פוסקים איז מען אפילו בדיעבד נישט יוצא אנדערש (שם במ״ב ח״י).

טו) אפילו מ׳האט געדאווענט בכוונה טאר מען נישט טראכטען נאכדעם ״עס איז ראוי אז השי״ת זאל ערפילען מיין געבעט ווייל איך האב געבעטן בכוונה״, ווייל דאס ברענגט נאך אז מ׳זאל דורכזיכען זיינע עבירות אין הימעל (שם ס״ה).

טז) עס איז זייער וויכטיג מ׳זאל דאווענען שמונה עשרה לויט א נוסח ווי עס איז געדרוקט געווארן דורך די גאונים וקדושים מיט א פינקטלעכע חשבון (עי׳ מדור ״סידור מדויק״).

*טז) אלע תפלות וואס מ׳דאווענט נישט אָפט, צום ביישפיל יעלה ויבא, מוסף ר״ח, על הנסים, וכדומה, זאל מען דאס ערשטע מאל זאָגן אין א סידור נאכדעם מעג מען אפילו אויסענווייניג (שע״ת ומ״ב סי׳ ק׳ סק״א).

יז) כאטש די הלכה איז אז אויב מ׳האט געדאווענט און נישט אינזינען געהאט וואס מ׳זאגט דאווענט מען נישט איבער, פינדעסטוועגן אויב מ׳האט נישט אינזינען געהאט די ערשטע ברכה האט מען נישט יוצא געווען מצות תפלה (סי׳ ק״א ס״א וכל הפוסקים שם).

דעריבער בעֶפאָר איינער שטעלט זיך דאווענען זאל ער גוט אריין נעמען אין געדאנק אז אויב ער טוט נאכלאזן דאס אינזינען האבן פון די ערשטע ברכה איז דאס פונקט ווי ער וואלט אינגאנצן נישט געדאווענט די יעצטיגע תפלה, און אויב מ׳טוט דאס שטענדיג האט מען א גאנצן לעבן נישט געדאווענט ד׳ ישמרנו.

דערפאר זאל מען זיך אנשטרענגען נישט קיין חילוק ווי פאר׳דאגה׳ט אדער פארנומען מ׳איז אז מ׳זאל אינזינען האבן כאטש די ערשטע ברכה פון מגן אברהם, און ביי קר״ש די ערטשע פסוק פון שמע ישראל און בשכמל״ו (תפלת ישרון סי׳ ב׳).

יח) לכתחילה זאל מען הערן אליינס יעדעס ווארט וואס מ׳זאגט, אבער א צווייטער טאר נישט הערן (סי׳ ק״א ס״ב).

יט) מ׳טאר נישט אויסטרעטן נאך די שמונה עשרה אויב איינער דאווענט שמונה עשרה אונטער אים אין זיינע ד׳ אמות (סי׳ ק״ב ס״ה).

כ) בעפאָר מ׳הייבט אָן די שמונה עשרה דארף מען אפטוהן אלע שפייעכץ מיט שליי״ם (כיחה וניעה) וואס קען שטערן אינמיטען (סי׳ צ״ב סעי׳ ג׳).

כא) נאך שמונה עשרה בעפאָר אלקי נצור אדער אינמיטען אויב מ׳דארף נאכזאגען יהש״ר — קדושה — ברכו, זאל מען זאגן יהיו לרצון וכו׳ און מיטזאגן, אויב עס איז נאך דא צייט זאל מען נאך אויסטרעטן פון די שמונה עשרה (סי׳ ק״ד בסופו, וסי׳ קכ״ב א׳).

מ׳טאר נישט זאגן גאנץ קדושה נאר אזוי־ווי אינמיטען קר״ש (שם).

כב) קינדער פון זעקס־זיבן, 7־6 יאר אַלט דארף מען שוין מחנך זיין צו דאווענען צופריה און ביינאכט (סי׳ ק״ו ס״א, מ״ב סי׳ ע׳ סק״ו).

כג) אויב איינער דאווענט שמו״ע פון שחרית און האלט מחיה המתים און דער בעל תפלה האלט ביי קדושה פון מוסף זאל ער מיטזאגן גאנץ כתר (נעריצך) (רמ״א סו״ס ק״ט, ופרישה ומ״ב שם).

כד) אויב איינער האלט אינמיטען שמונה עשרה אין דער שליח ציבור זאגט קדושה, יהא שמי׳ רבה, ברכו, א.ד.ג. זאל ער שטיל בלייבן און אויסהערן (סי׳ ק״ד סעי׳ ז׳).

כה) מ׳דארף געווארנט זיין זיך נישט אפצושטעלן אפילו אביסעל צווישן גאל ישראל און שמונה עשרה ביי שחרית, און ביי מעריב דאס זעלבע, צווישן קדיש און שמונה עשרה (סי׳ קי״א, א׳).

כו) ביי ברוך בייגט מען די קניע״ן, ביי אתה בייגט מען איין דעם קאפ מיטן ריקען, און מ׳הייבט זיך אויף, און מ׳זאגט דעם שם (סי׳ קי״ג ר״ז, ומ״ב שם).

כז) ווען מ׳הייבט זיך אויף פון ביקען הייבט מען אויף צוערשט דעם קאפ נאכדעם דעם גוף.

כח) ביי מודים בייגט מען בלויז דעם קאפ און גוף ביזן שם נאכדעם הייבט מען זיך אויף (מ״ב ס״ק י״ב).

כט) ביי קדושה דארף מען אינזינען האבן מקיים צו זיין די מצוה ״ונקדשתי בתוך בני ישראל״ (באה״ט קכ״ה ג׳).

ל) מ׳דארף זייער געווארענט זיין צוזאמען-לייגען די פוס ביי קדושה (באה״ט ושע״ת קכ״ה ג׳).

לא) ביי די ברכה ״וכסא דוד מהרה לתוכה תכין״ דארף מען אינזינען האבן אז משיח בן יוסף זאל נישט גע׳הארגעט ווערן דורכדעם ווען מיר זוכה זיין צו די גאולה האמיתית במהרה, (פרע״ח שער העמידה פי״ט, שעה״כ דרוש ו׳ דעמידה, ועי׳ באוה״ח מצורע י״ד ט׳, ופ׳ בלק עה״כ אראנו ולא עתה).

לב) די וואס זאגן ״לדור ודור נגיד גדלך״ זאלען ענדיגען ״ כי ק-ל מלך גדול וקדוש אתה״ (חמשה מאמרות מאמר נוסח התפלה או׳ י״א וד״ת ח״ט או׳ נ״ד, בשם הגה״ק בעל די״ח שינאווע זצ״ל).

לג) דער שליח ציבור וואס זאגט ״או״א ברכינו בברכה המשולשת וכו׳״ און דרייט זיך אויף רעכטס און לינקס זאל ער זיך בלויז דרייען אבער נישט בוקען זיך (שם או׳ ט״ז, ובנימוקי או״ח סי׳ קכ״ז בשם בעל דרכי תשובה, ועוד צדיקים).

לד) ביים זאגן דאס דערמאנטע זאל מען זאגן די גאנצע הויעך נישט אזוי-ווי טייל בעלי תפלות וואס הייבען אָהן הויעך און זאגן די איבריגע שטיל (תפלת ישרים דף כ׳).

לה) אזוי ווי עס איז דא א ספק אויב מ׳מעג נאכזאגן אמן נאך די ברכה ״גאל ישראל״ זאל מען ענדיגען די ברכה צוזאם מיט׳ן בעל תפלה, אדער מ׳זאל אנהייבן ד׳ שפתי, ווען דער בעל תפלה זאגט ״ישראל״ (מ״ב סי׳ ס״ו ס״ק ל״ה).

לו) לכתחילה דארף מען זיך אנשטרענגען דאווענען מוסף פאר סוף זיבעטע שעה פון טאג (עי' שו"ע סי' רפ"ו ובסי' תר"כ סעי' א').

לז) אויב איינער קומט אין ביהמ"ד שפעט צו מנחה און דער בעל תפלה האלט שוין נאנט צו ענדיגען די הויעכע שמונה עשרה, זאל ער ווארטען ביז ענדיגען נאך שמו"ע און נאכדעם זיך שטעלן דאווענען (מ"ב סי' ק"ט סק"ד).

לח) אויב דער ציבור איז זיך שפעט צוזאמגעקומען און דער צייט איז צו קורץ צו קענען דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס שטילע און הויכע זאל דער בעל תפלה אנהייבען באלד די הויכע שמונה עשרה צוזאם מיטן ציבור, און דער ציבור זאל מיטזאגן ווארט ביי ווארט פון אנהייב ביז נאך הק-ל הקדוש, און דארט זאל דער בעל תפלה שוין אויך זאגן שטיל,

אויב עס איז מעגליך זאל דארט זיין כאטש איינער וואס זאגט נאך אמן (שו"ע סי' רל"ב סעי' א').

אויב די צייט איז נאכנישט אזוי קורץ זאל ציבור נישט אנהייבן דאווענען ביז דער שליח ציבור האלט שוין ביי הק-ל הקדוש (באה"ט סי' קכ"ד סק"ד, ודה"ח מובא במ"ב רל"ב סק"ח).

לט) אויב ציבור דאווענט מעריב און עס איז נאכנישט רעכט נאכט, אפילו דער וואס פירט זיך נישט צו דאווענען בעפאַר צאת הכוכבים אויב שפעטער וועט ער נישט האבן קיין מנין זאל ער מיט-דאווענען יעצט, אבער שפעטער ווען עס איז שוין נאכט זאל ער נאכאמאל לייענען אלע דריי פרשיות פון קר"ש, אויב נישט זאל מען יעדענפאלס דאס טוהן ביים קר"ש פון פארן שלאפן צו לייענען אלע דריי פרשיות און אינזינען האבן יוצא צו זיין מצות קר"ש (מ"ב רל"ה י"ב).

מ) דער וואס דאווענט ביחידות מעריב טאר נישט לערנען פון צאת הכוכבים (שטערן אויסגאנג) און ווייטער ביז ער דאַווענט מעריב (מ"ב רל"ה י"ז).

מא) אויב איינער מיז צוליב א סעודת מצוה דאווענען ביחידות, זאל ער נישט גיין צו די סעודה (כה"ח סי' צ' או' ס"ז).

מב) א חתן וואס דאווענט נישט מיט דעם מנין זאל מען יא זאגן תחנון, נאר זיין מנין איז פטור (א"א בוטשאטש או"ח קלָ"א).

מג) מען מעג איינקויפען לכבוד שבת בעפאָרן דאוועגען אויב ער וועט נישט קענען דערנאך (מ"ב ר"נ סק"א).

מד) מ'טאר נישט דאוועגען שמונה עשרה אינדרויסען אויף א פרייע פלאץ, נאר אויב מ'איז אינטערוועגס מ'האט נישט קיין ברירה (סי' צ' סעי' ה' ובמ"א ומ"ב שם).

מה) לכתחילה זאל מען דאוועגען אין א ביהמ"ד וואס האט א דאַך (סי' צ' מ"א סק"ו בשם זוה"ק בשלח עמ' ק"ה מובא במ"ב ס"ק י"א ושו"ת מעשה אברהם או"ח סי' כ"ה).

מו) אפילו איינער וואס איז א עושר (רייכע"ר מענט"ש) דארף בעטן פון השי"ת אויף פרנסה, (זוה"ק שלח) און דאס זאל מען טוהן ביי די ברכה פון שומע תפלה, (סי' קי"ט מ"א סק"א, מ"ב ד') דער נוסח איז אריינגעדריקט אין רוב סידורים.

מז) עס איז אויך א גוטע זאך צו זאגן וידוי מיט הכנעה און צובראכענקייט ביי די ברכה שומע תפלה, אויב מ'איז באַגאַנגעֶן א געוויסע עבירה זאל מען עס דארט דערמאנען.

מח) טייל פירען זיך בעפאָר שמונה עשרה ווען זיי גייען דריי טריט נישט אויסצוטרעטן און צוריקטרעטן, נאר מ'טרעט באלד אויף פאָרויס דריי טריט (עי' א"ר סי' צ"ה) אבער לויט אסאך פוסקים דארף מען צוערשט אויסטרעטן דריי טריט און נאכדעם צוריקטרעטן דריי טריט (קיצור של"ה, חסל"א סי' צ"ג סק"ו, קש"ע ח"י סק"ב, בא"ח בשלח, כה"ח צ"ה סק"ז).

מט) ווען מ'גייט אויס דריי טריט נאך שמונה עשרה דארף מען בלייבען שטיין און נישט צוריקגיין ביז דער שליח ציבור הייבט אָן די שמונה עשרה, און לכתחילה דארף מען ווארטען ביז קדושה (או"ח קכ"ג ס"ב).

די מענטשען וואס פירען זיך אויב זיי זעהן איינער וויל אריבערגיין פאר זיי אויף דעם פלאץ ווי זיי האבן אויסגעטרעטן גייען זיי שנעל צוריק אפילו עס איז נאך פאר די צייט איז דאס א טעות (מ"א ומ"ב סק"ח).

## פרק כו

## התעוררות צו תפלה בציבור (מיט מנין)

א) דאס דאווענען פון מענטש ווערט נישט געהערט נאר אין שוהל (ברכות ו.).

ב) ווען ציבור דאווענט איז א עת רצון אין הימעל (ברכות ח.).

ג) דער וואס האט א שוהל אין זיין שטאָט אין גייט נישט אריין דאווענען הייסט א שכן רע (שלעכטער שכן) און ברענגט גלות אויף זיך און זיינע קינדער (ברכות ח.).

ד) טרם שנכנס תפלת היחיד לפני הקב״ה, הקב״ה מסתכל בה ומסתכל בזכיותיו ובחובותיו של אותו אדם מה שאינו עושה כן בתפלת הצבור (זוה״ק ח״א דף רלד.).

ה) בתפלת הרבים אין הקב״ה משגיח על עונותיהם ואע״פ שאינם ראוים הקב״ה מקבל תפלתם (שם).

*ה) עס ברענגט אריכות ימים (ברכות ח.).

**ה) ביי תפלה בציבור געט השי״ת פאר יעדן בעפאר ער בעט נאך (ס׳ מעלת המדות, בשם חז״ל).

ו) ער איז מאריך ימים — עס איז חשוב ווי ער וואלט מקריב געווען א קרבן — און אזוי־ווי ער וואלט מקבל פנים געווען די שכינה הק׳ (שם).

ז) דער וואס איז פון די קינדער פון אברהם אבינו ע״ה, און זיינע זיידעס זענען געשטאנען אויפן בארג סיני וועט ח״ו נישט שטערן א מנין דורך נישט קומען אין ביהמ״ד (שו״ת הריב״ש סי׳ תקי״ח).

ח) ביחידות קען פאסירען אז אפילו די תפלה פון א צדיק ווערט נישט אנגענומען, אבער ברבים ווערט אנגענומען אפילו עס איז געזאגט געווארן אָהנע כוונה (מבי״ט בס׳ בית אלקים פי״א).

ט) ביחידות איז מען מבטל פון זאגן אמן — יהש״ר — קדושה און נאך (שם).

י) אפילו ביי וועלטליכע זאכן איז דא מער הצלחה אויב מערערע טוען צוזאם, אודאי ביי דאוונען (שם).

יא) ביי תפלה בצבור האט יעדער א טייל אין יעדן איינעמ׳ס תפלה, אויב עס דאוונען טויזענט מענטשען האט יעדער זיין אייגען תפלה מיט א חלק אין אנדערע ניין הונדערט ניין און ניינציג (999) תפלות, א.א.וו. (שם).

יב) עס איז ראוי היינטיגע צייטן מ׳זאל זיך ממש מוסר נפש זיין צו דאוונען מיט מנין (פלא יועץ בספר "בית תפלה").

יג) אפילו דער וואס ווייסט ביי זיך אז ער איז א צדיק גמור, און אז זיין דאוונען איז קלאָר ווי קריסטאַל זאל ער דאוונען דוקא בצבור (יסוד ושורש העבודה שער האשמורת פ"ז).

יד) הקב"ה שיקט הצלחה מיט שפע אז דער וואס דאוונט בצבור זאל צוליב דעם ח"ו קיין שאָדען נישט ליידען (כתב סופר פ׳ עקב עה"כ ולעבדו).

טו) א קינד וואס זעהט אז זיין טאטע גייט נישט אין ביהמ"ד נאר אמאל אמאל, לערנט זיך אפ דער זון און גייט אינגאנצן נישט, דורכדעם נישט נאר וואס דער טאטע איז נישט מקיים די מצוה פון חינוך, נאר ער איז אים מחנך צום שלעכטן (שמירת הלשון, לבעל חפץ חיים זצ"ל, ח"ב, בחתימת הספר).

טז) מען קען זעהן אפען וויאזוי דער בעל דבר פארלייגט זיך, ביים זמן פון מנחה און מעריב קומען אין געשעפט די מערסטע קונדן כדי אים צו שטערן פון גיין דאוונען בציבור, מ׳דארף אבער פארשטיין אז דאס אלעס איז בלויז א נסיון פון הימעל (שם).

יז) יעדער וויל דאך אודאי אז זיין תפלה זאל אנגענומען ווערן אין הימעל אבער ליידער איז מען נישט בכח צוליב די גרויסע טירדות צו דאוונען אפילו איין תפלה בכוונה, דערפאר איז די איינציגע עצה צו דאוונען בציבור (שם).

ח"י) אין זכות פון דער מצוה באקומט מען שכר (באלוינונג) אויף דער וועלט און אויך אויף יענע וועלט (שם).

יט) אפילו די מצות וואס האבן נישט קיין שייכות מיטן ציבור תפלין — קר"ש — יצ"מ, באקומען א העכערע מעלה ווען מ׳קומט אין ביהמ"ד צום ציבור (שם).

כ) יעדער מענטש האט זיינע באקאנטע וואס לערנען זיך אפ פון אים, די אלע וואס לערנען זיך אפ פון אים צו קומען דאווענען מיט מנין וועט ער באקומען שכר דערפאר (שם).

כא) עס איז א חיוב (פליכט) אויף יעדן טאטען צו קומען צוזאם מיט זיינע קינדער אין בית המדרש דאווענען שחרית — מנחה — מעריב בציבור און נאכזאגן אמן — יהש״ר — קדושה — ברכו, ווייל דורכדעם ווערן צושטערט אלע שלעכטע גזירות פון כלל ישראל, אזוי־ווי די מדרשים שרייבן, (שם).

כב) מ׳קען זיך נישט פארשטעלן וויפיל ישועות מ׳וואלט געקענט ברענגען פארן כלל ישראל אויב אין יעדע שטאָט וואלטן געקומען אלע אידען יונג און אַלט אין בית המדרש דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין און זאגן אמן יהש״ר, טויזענטער מענטשען וואלט מען געראטעוועט פון טויט, א גרויסע זכות איז פאר די וואס העלפען צו דעם (שם).

**כב) דער וואס האלט זיך אפ פון שוהל אויף דער וועלט, וועט מען אים אפהאלטען פון די גלאנץ פון די שכינה הק׳ אויף יענע וועלט (ס׳ מתוק דבש בשם הקדמונים מובא בכנס״י או׳ ל׳).

כג) מיר ברענגען אויבען אין קונטרס וועגן גרויסקייט פון אמן — יהש״ר, זאל מען דאס דורכקוקען און נאכדעם גוט איבערקלערן זיך אויב עס לוינט זיך מבטל צו זיין אפילו איין תפלה נישט צו דאווענען בציבור.

כד) פארהאנען מענטשען וואס זעצן זיך ביים עק ביהמ״ד כדי זיי זאלן האבן פלאץ צו אנטלויפן און זיין פון די ערשטע צען אוועקלויפן פון ביהמ״ד, די מענטשען פרייען זיך זייער אנצוקומען אין ביהמ״ד אינמיטען דאווענען און דאווענען בלויז האלב און אפילו די רגעים וואס זיי זיצן דארט קוקט זיי אויס ווי זיי וואלטן געזיצען אין תפיסה, דער טלית ותפילין וואס איז אויף זיי קוקט זיי אויס ווי א שווערע לאסט, זיי פרייען זיך שוין ארויסצוגיין פון ביהמ״ד און אינדרויסן זיצן זיי רוהיג מאכענדיג ליצנות,

אָך און וֵוי פאר זיי וואס זיי פארשעמען די שכינה הק׳ אזוי ביטערליך איז דען דא א גרעסער בזיון פונדעם פאר די שכינה הק׳.

זאלען זיי זיך גוט איבערטראכטן אין די רייד פון די קדמונים אז דער וואס האלט זיך צוריק פון שוהל אויף דער וועלט וועט מען אים צוריקהאלטען פון די גלאנץ פון די שכינה הק׳ אויף יענע וועלט (ס׳ מתוק דבש מובא בכנס״י או׳ ל׳).

כה) די מענטשען וואס איילען זיך אוועקצוגיין פון ביהמ״ד ווייל איז פאר זיי ווייל פון שו״י שפילען מיט אנדערע אונטער־האלטונגס ערטער איילען זיי זיך נישט אוועק צוגיין ביזן סוף (רחמי האב להגה״צ בעל לחם שלמה משימלוי זי״ע).

כו) דער עיקר איז צו דאווענען בציבור דוקא כאטש זיי דאווענען שנעל דארף ער זיך צווינגען צו דאווענען דוקא בציבור נישט ביחידות דאמאלטס קען ער צוקומען צו גרויסע מדריגות (מאור ושמש, ואתחנן).

כז) דורך דאווענען בציבור צוברעכט מען אלע שלעכטע און שווערע גזירות (שם משפטים, עה״כ ועבדתם).

כח) דאס איז זיכער ביי מיר אז תפלה בציבור קען ארויסהעלפן יעדן מענטש מיט אלעם אזוי־ווי דער צדיק הדור (בית אהרן — קרלין בהנהגות).

כט) אסאך ערליכע עובדי השם זיכען עצות צום דאווענען און דאווענען פאר זיך, דער אמת איז אבער אז מ׳טאר זיך נישט אפשיידען פון ציבור (מאור ושמש וישב, ברמזי חנוכה).

ל) עס איז נישטא קיין גרעסערע נחת רוח פארן באשעפער ווי ווען מ׳קומט זיך צוזאם אין ביהמ״ד און מ׳דאווענט און מ׳טוט אנדערע מצות (אלה המצות למהר״ם חאגיז (חל״ג עשה קפ״ה).

## פרק כו

## דאווענען מיט מנין

א) אויב מ׳האט געלט שאדען דורך דאווענען בציבור איז די מצוה מער חשוב (או״ח סי׳ נ״ג, ומ״ב ס״ק ס״ג).

ב) אפילו א ת״ח טאר נישט לערנען שפעט ביינאכט אויב דאס וועט אים מבטל זיין פון תפלה בציבור (הגר״א מוואלאזין זצ״ל בס׳ רו״ח פאה פ״א מ״א, אבות פ״ב משנה י״ח, סי׳ יעב״ץ, שו״ת אגרות משה ח״ב או״ח כ״ז).

ג) מ׳דארף אויפשטיין לפחות א האלבע שעה פארן זמן וואס ציבור הייבט אָהן דאווענען כדי מ׳זאל גרייט זיין צום דאווענען (מ״ב סי׳ א׳ סק״ט).

דער וואס גייט אין מקוה פארן דאווענען מוז אויפשטיין נאך פריער (שו״ת אור ישרה סי׳ ל׳).

ד) מנחה דארף מען אויך דאווענען בציבור, און עס טראגט מער חשיבות ווי ביי שחרית און מעריב, און הימעל איז מען דן דעם מענטש ביי די מצוה פון תפלה בציבור לויט זיין אפפער צו דאווענען מנחה בציבור (פלא יועץ תפלה, וטור או״ח רל״ב).

ה) עס איז א חיוב צו גיין דאווענען בציבור אפילו אויב עס דויערט דער וועג אכצען מינו״ט (מ״ב סי׳ צ׳ ס״ק נ״ב) אויב מ׳קען פאָרען מיט א וואָגען איז דער שיעור אויך די זעלבע (עי׳ יוסף דעת ה׳ אבילות, ובערוה״ש שע״י, ובה״ל סי׳ קס״ג לענין נט״י).

ו) ביינאכט איז נישט קיין חיוב צו גיין דורך מסוכנ׳דיגע גאסען כדי צו דאווענען בציבור (מ״ב שם).

ז) אויב עס איז נישטא קיין מנין, מעג מען אויסרעדן צווישן ישתבח און יוצר אור כדי ארייצוריפען פון די גאס משלים צו זיין (שו״ת פרי השדה ח״ב סי׳ ט״ו).

ח) אויב איינער האט פארגעסן ״יעלה ויבא״ ביים דאווענען ראש חודש זאל ער זיכען א צווייט מנין צום איבערדאווענען (אחרונים).

ט) דער וואס קען נישט גיין אין ביהמ״ד דאווענען עפ״י סיבה זאל מען דאווענען אין שטיב די צייט וואס ציבור דאווענט אין ביהמ״ד (סי׳ צ׳ סעי׳ ט׳).

י) ווען איינער קען האבן גרויסע געלט שאדען מעג ער דאווענען ביחידות, אבער אויב עס איז בלויז א אפהאלט פון פארדינען געלט (מניעת הריווח) טאר מען נישט מבטל זיין תפלה בצבור (באה״ט סי׳ צ׳ סק״ב, מ״ב ס״ק כ״ט).

יא) מ׳דארף קנס׳נן די עשירים וואס דאווענען נישט מיט מנין צוליב פארדינסטען (תשובת ב״י מובא בא״ר ומ״ב סי׳ צ׳ ס״ק כ״ט).

יב) דער וואס דאווענט מיט מנין איז געזיכערט אז זיין פרנסה וועט ער געפונען גרייט, און א ברכה וועט רוען אין זיינע מעשים (מאור ושמש פ׳ משפטים ד״ה ועבדתם — כתב סופר פ׳ עקב ד״ה ולעבדו).

יג) ארבייטערס וואס זייער בעל הבית איז נישט מקפיד מעגן גיין אינמיטען די ארבעט אין שוהל דאוועגען בציבור (מ״ב סי׳ ק״י סקי״ב).

יד) אויב איינער האט נישט קיין ציצית זאל ער צוליב דעם נישט מבטל זיין תפלה בציבור (יעב״ץ במו״ק סי׳ כ״ה).

טו) אויב מ׳האט נאכנישט די תפלין זאל מען נישט דאוועגען קר״ש און שמו״ע אפילו מ׳וועט דארפן דאוועגען ביחידות צוליב דעם (מ״א סי׳ ס״ו ס״ק י״ב, ח״א כלל כ׳ סעי׳ ח׳, מ״ב סי׳ ס״ו סק״מ).

טז) בעסער צו דאוועגען ביחידות אפילו ר״ה און יום כיפור ווי צו דאוועגען אין א שוהל ווי עס איז נישטא קיין מחיצה צווישן מענער און פרויען (מחנה חיים ח״ג ס״י, שו״ת מנחם משיב או״ח סי׳ ט׳).

יז) לויט טייל פוסקים טאר מען נישט מצרף זיין צו מנין איינעם וואס שמועסט ביים דאוועגען (ט״ז או״ח סי׳ נ״ה סק״ד).

יח) דער וואס שלאגט דעם חבר טאר מען נישט מצרף זיין צו מנין (רמ״א חו״מ סי׳ ת״ר ס״א).

יט) מ׳טאר נישט ציילען מענטשען צו זעהן אויב עס איז דא מנין (פר״ח סי׳ נ״ה א, קש״ע סי׳ ט״ו ס״ג).

כ) מען מעג דאוועגען אין זעלבען ביהמ״ד חסידים מיט אשכנזים יעדער זיין נוסח אפילו דער ביהמ״ד האט בלויז איין נוסח (הגר״ש קלוגער זצ״ל בשו״ת ובחרת בחיים סי׳ כ״ד, הנצי״ב בהעמק דבר דברים י״ד א, שו״ת מנחם משיב או״ח סי׳ י״ט, מהר״ם שי״ק או״ח מ״ג).

כא) מ׳וואלט געדארפט שטראפען (קנס׳נן) די מענטשען וואס גייען נישט דאוועגען מיט מנין ווייל זיי לערנען אדער געשעפט׳ליכע זאכן (א״ר סי׳ צ׳ בשם תשובת ב״י).

## פרק כז

## וויכטיגע ענינים פון נטילת ידים

א) ביי נטילת ידים צום עסען דארף מען אכטונג געבן אז דאס וואסער זאל צוקומען צו אלע זייטען פון די האנט און צווישן די פינגערס און דאס איז נישט מעגליך נאר אויב מ'גיסט זיך אפ די הענט שטייטלעך און מיט אסאך וואסער און ביים גיסען זאל מען דרייען די האנט אויף אלע וועגן כדי דאס וואסער זאל איבעראל דערגרייכען (או"ח קס"א, עי' בה"ל ד"ה ראוי לנהוג).

ב) היינטיגע צייט אויב מען געט נישט אכטונג זיך צו וואשען נטילת ידים ווי געהעריג ווערט מען געשטראפט פילפאכיג מער ווי אמאל, ווייל די פריערדיגע צייטן האט מען זיך געדארפט פלאגען נאך אביסעל וואסער, ווער רעדט נאך ווינטער ווען אלעס איז געפרוירען געווארן און די וואסער טרעגער האבן זיך אויך שווער געשלעפט מיט די בלעכענע קאנעס וואסער,

דאמאלס'דיגע צייטען האט מען געקענט פארשטיין (מלמד זכות זיין) אויב איינער האט געשפארט מיט וואסער וועלכע האט געמוזט געשלעפט ווערן פון הויף אדער ברונען כדי צו טרינקען — קאכען — וואשען, א.א.וו.

אבער היינט וואס וואסער איז דא מיט די גרינגסטע מיטלען אלע צייטן פון יאר אויף אלע געברויכען פארן גרעסטאן ארימאן וואס פארא אויסרייד וועלן מיר האבן פארן ב"ד של מעלה ווען מיר וועלן גע'משפט ווערן פארן גיסען נטילת ידים איבעראיילט, שנעל, נישט קוקענדיג און טראכטענדיג אויב דאס גאנצע האנט איז אפגעגאסען געווארען געהעריג פון אלע זייטן, וואסער איז ברוך השם דא אָהנע שיעור, הונגעריג אויף צום חלש'ן איז מען נישט, עס איז נישטא קיין שום תירוץ אויף דער וועלט פארוואס מצות נטילת ידים וועלכע איז אזוי חשוב און טייער, זאל פארנאכלעסיגט ווערן אהנע שום סיבה.

בלי ספק (אָהנע קלער) אז דער מכשול (שטרויכלונג) פונקט ווי ביי אנדערע זאכן קומט פון טוהן אלעס אין איילעניש אומ־איבערגעקלערט, טראכט נאר אריין וואס עס ווערט גע'פסקט אין שלחן ערוך (או"ח סי' קנ"ח) פארן שטראף פון נישט וואשען זיך נטילת ידים ווי געהעריג: ער ווערט פאר'ארעמט, און אוועקגעריסען פון דער וועלט, דער שבט מוסר שרייבט: (פט"ז) אז נטילת ידים איז פון די מצות

וועלכע שטייען אין רום פון דער וועלט, און דער וואס איז מזלזל אין איר פארלירט זיין חלק עולם הבא,

געוואלד! מאכט א שטיקעלע חשבון הנפש וועגן אביסל באקוועמליכקייט שטייענדיג מיטן טעפל וואסער אין האנט לוינט דען צו פארלירן דער וועלט און יענער וועלט, (שמחת הטהרה פ״א).

ג) די אלע ווייטער־דערמאנטע שטראף קומען אויף די וואס זענען מזלזל אין די מצוה פון נטילת ידים:

א) ער איז מחויב נידוי [מען זאל אים אין חרם לייגען] (עדיות פ״ה, או״ח קנ״ח ט,).

ב) ער ווערט פאר׳ארימט, פארלירט זיין פארמעגן (שבת ס״ב, שו״ע שם).

ג) ער ווערט אוועקגעריסען פון דער וועלט פאר די צייט (סוטה ד, או״ח שם).

ד) עס איז א שלעכטע סימן פארן מענטש (רקח בשם תדב״א, א״ר שם).

ה) ער ווערט מגולגל אין וואסער (שער הגלגולים הקדמה כ״ב), אדער אין בהמות מיט חיות (שם).

ו) ער פארלירט זיין טייל עולם הבא (צוואת ר״א הגדול, שבט מוסר פט״ז).

ז) דער וואס עסט אָהנע נטילת ידים איז פינקט ווי ער וואלט באגאנגען דעם איסור פון גילוי עריות (סוטה ד.)

ד) נטילת ידים מיט אסאך וואסער איז א סגולה צו עשירות (סו״ס קנ״ח). זעלבסטפארשטענדליך אזוי־ווי ביי אלע מצות טאר מען דא אויך נישט מיינען מיט׳ן מקיים זיין די מצוה פון נטילת ידים כדי רייך צו ווערן נאר לכבוד השם יתברך (של״ה מובא בא״ר כ״ב).

ה) מען דארף עקסטער צו וויסען טוהן פאר די פרויען די ערנסטקייט און הארבקייט פון נטילת ידים כדי זיי זאלען וויסען שטארק אכטונג צו געבן (כה״ח קנ״ח ע״ד).

ו) אויב מ׳עסט וויי׳ניגער ווי דיא גרויס פון גרויס פון א איי אָהנע שאָלעכץ זאל מען זיך וואשן נטילת ידים אהנע ברכה (מ״ב ואחרונים סי׳ קנ״ח ג,).

ז) מ׳טאר זיך נישט אפווישן די הענט אין העמעד ווייל עס ברענגט מ׳זאל פארגעסן דאס לערנען (מ״א סי׳ קנ״ב סעי׳ י״ב). דאס זעלבע קען זיין ביי אנדערע מלבושים (פמ״ג שם).

ח) דאס וואס מיר זעהן אסאך אידן וואס זענען געווארענט אין נטילת ידים און זיי האבן נאכנישט זוכה געווען צו עשירות אַמאָל איז דאס צוליב זייערע אנדערע מעשים וואס האלטען אָפּ, און אמאל איז דאס צוליב דעם וואס ער וואָלט געדאַרפט האבן יסורים אדער אנדערע צרות צוליב זיינע עבירות, אדער צוליב׳ן פריער׳דיגען גלגול, און דאס געלט וואס מ׳האלט אפּ פון אים ווערט באטראכט ווי אויסלייז געלט (צדקתו לישראל כלל ה׳).

ט) אמאל איז דאס דורכדעם וואס מ׳ווייסט אין הימעל אז דאס רייכקייט קען דעם מענטש ח״ו אריבערפירען פון ריכטיגען וועג נישט קענענדיג אויסהאלטן דעם נסיון פון רייכקייט וועלכע שטייגט איבער דעם נסיון פון ארימקייט (שם).

אמאל איז דאס צוליב דעם ווייל מ׳ווייסט אין הימעל אז עס איז וויכטיגער איבערצולאזן דאס עשירות פאר די קומענדיגע דורות (שם).

עשירות — מיינט נישט דירעקט געלט מיט הייזער, פעלדער און גערטנער, לויט די חז״ל באדייט עשירות דער וואס באגענוגנט און פרייט זיך מיט זיין באשערטע פארמעגן און עסט זיך נישט דאס געזונד און לעבן מיט גלוסטעניש צו לעבן אין רייכטום און פארגעניגען, אזוי־ווי מיר זעהן אין טאג טעגליכען לעבן עשירים וואס זענען פאריאגט א גאנצן טאג אין געשעפט׳ליכען לעבן, מיט סאך שלאף־לויזע נעכט פון פחד אז דאס פארמעגן זאל נישט צו־גרינד גיין, צוזאם מיט אומצאהליגע פלענער און קאפּ־פארדרייעניש צו פארברייטערן די געשעפטן, וואס דאס אלעס איז פארבינדען מיט סאך אַסאַך עגמת נפש,

אנדערש איז אבער דאס לעבן פון אלגעמיינעם מענטש וואס נאך זיינע ארבעט שטונדען איז ער נישט פארשקלאפט פאר עולם הזה נאר קען זיך רוהיג א כאפּ טוהן אנזעטיגען די אויסגע־דארשטע נשמה וואס נאָגט נאך העכערס, עפּעס א שטיקעלע דערנענטערונג צום באשעפער פארלאנגט זיך נאכן אברענגען רוב טאג אויף גשמיות׳דיגע באדערפעניש׳ען, דאס קען נאר זיין דורך תורה, תפלה, מיט צדקה און אנדערע גוטע מעשים (שם).

ט) איידער מ׳וואַשט זיך נטילת ידים דארף מען גוט באטראכטן די הענט אויב עס איז נישט אָנגעקלעפּט אין איר קיין חציצה (מ״ב קס״א סק״א).

## פרק כח

## געקליבענע העכסט אינטערעסאנטע און וויכטיגע דינים און מנהגים

### פארשידענע ברכות — און תפלות

א) יעדע זאך וואס מ׳טוט פאר א רפואה זאל מען זאגן ״יהי רצון מלפניך ד׳ אלקי שיהא עסק זה לי לרפואה כי רופא חנם אתה״ (סי׳ ר״ל סעי׳ ד׳).

ב) א מענטש זאל שטענדיג זאגן אויף אלעם וואס פּאַסירט ״כל מה דעביד רחמנא לטב עביד״ דאס מיינט: אלעס וואס השי״ת טוט איז צום גוטען (סי׳ ר״ל סעי׳ ה׳).

**בשורות:**

ג) אויף א גוטע בשורה דארף מען זאגן ״שהחיינו״, און אויף נישט גוטע בשורות דארף מען זאגן ״דיין האמת״ (סי׳ רכ״ב סעי׳ א׳).

דאס איז אבער נאר אויב מ׳האט עס געהערט פון א פארלעסליכען מענטש (איש מהימן) וואס איז מוחזק בכשרות וואס יענער האט עס אליין געזען מיט זיינע אויגען, אויב נישט טאר מען נישט מאכן א ברכה מיט שם ומלכות (ס״ח תתמ״א, מ״א רכ״ב א, מ״ב א׳).

דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס די וועלט האלט גרינג די ברכות מאכן ווייל עס איז זעלטן ווען דער דערציילער איז שטארק פארלעסליך און האט דאס אליין צוגעזען, און מ׳איז זיך באמת מצער דערויף (שו״ת אורות ישראל חאו״ח סי׳ ט״ז).

א שהחיינו מאכט מען נאר אויב דאס הארץ פרייט זיך שטארק — א דיין האמת זאגט מען נאר אויב מ׳איז זיך מצער (לבוש, ח״א, מ״ב רכ״ב ג,).

אויב מ׳הערט מערערע שמועות זאל מען נישט מאכן נאר איין ברכה (מ״ב רכ״ב ב׳).

ד) אויב איינער האט זייער געוואלט האבן א יונגעל און עס איז אים געבארן א מיידעל זאל ער נישט זאגן דיין האמת (א"ר שם או' א' בשם הרד"א, מ"ב בבה"ל שם).

ה) א מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער אויף שלעכטס וואס ער שיקט, מיטן גאנצן שכל — און ווילען, פונקט ווי ער לויבט דעם באשעפער מיט פרייד אויף דאס גוטס וואס השי"ת שיקט אים (רכ"ב ג').

ווייל באמת אלע יסורים וואס קומען אויפן מענטש סיי אויף אים סיי אויף זיין געלט זענען פאר זיין טובה, אפצומעקן זיינע זינד, ער זאל נישט מוזען ליידען אויף יענע וועלט ,וואס דארט איז דער שטראף סאך גרעסער ווי די ביסעל יסורים דא (מ"ב סק"ד).

די שווערסטע יסורים וואס קען זיין אויף דער וועלט איז בלויז א זיבעציגסטעל טייל פון די קלענסטע יסורים אויף יענע וועלט (רמב"ן בס' שער הגמול).

ו) ווען איינער הערט א גוטע בשורה זאל ער זאגן הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו, אפילו א קלייניקע הנאה זאל זיין אין זיינע אויגען ווי אסאך, און ער זאל לויבען השי"ת דערויף (של"ה ומנחת יוסף דף מ"ח ע"א, יפל"ל סי' רכ"ב ב', כה"ח ט').

ז) זייער א גוטע בשורה זאל מען נישט זאגן אויף איינמאל נאר צוביסלעך כדי עס זאל נישט האבן א שלעכטע ווירקונג (אלשיך הק' ויגש עה"כ ויגידו, אוה"ח הק' שם, כה"ח רכ"ב י').

ח) מ'טאר נישט דערציילען קיין שלעכטע בשורה, דער וואס טוט אזוי איז א שוטה (פסחים ג, מ"ב רכ"ט א').

ט) דער וואס זיין פרוי האט געבארען א יונגעל דארף מאכען די ברכה הטוב והמטיב, און זי דארף אויך זאגן די ברכה (סי' רכ"ג ס"א).

אפילו אויב ער האט נישט געמאכט באלד ווי ער האט געהערט קען ער נאך מאכען שפעטער די ברכה (פמ"ג, ומ"ב סק"ג).

י) אויב ער האט זייער געוואלט א מיידעל און עס איז אים געבארען, זאל ער זאגן שהחיינו דאס ערשטע מאל ווען ער זעהט דאס קינד (מ״ב סק״ב).

יא) יעדע הנאה און פארגעניגען וואס א מענטש האט אויף דער וועלט אפילו די חכמים האבן נישט באשטימט דערויף א ברכה, זאל מען אויפן אייגענעם שפראך אפגעבן א דאנק דעם באשעפער און בעטן אז זיינע חסדים זאלען זיך ווייטער אויך נישט אפטוהן (הגה״ק בעל עטרת צבי מזידישטוב זי״ע מובא גם בס׳ נאות חדוה דף ה׳).

יב) מען טאר נישט דערציילען קיין לויב אויף א גוי, אפילו צו זאגן ווי שיין איז דער גוי (יור״ד קנ״א י״ד).

יג) מ׳טאר נישט אפלויבען א מענטש פאר זיין שונא, ווייל דאס ברענגט לשון הרע (ב״ב קס״ד).

יד) מ׳טאר זיך נישט בארימען (להתפאר) מיט קיין שום מצוה אדער דבר טוב וואס מ׳טוט ווייל מ׳פארלירט דעם שכר און מ׳באקומט נאך א שטראף אויך (חכ״א כלל קמ״ב כ״ג, או״ח תקס״ה ס״ו, רבינו יונה ס׳ היראה צ״ו).

טו) מ׳זאל נישט זאגען: איך זאג דיר באמת, ווייל דאס איז א הארבע שבועה (רבינו יונה ספר היראה ר״ז).

טז) ווען איינער וויל בענטשען זיין קינד אדער א חבר זאל ער קודם בענטשען השי״ת, אויב ער טוט דאס נישט וועלען זיינע ברכות נישט מקויים ווערן (זוה״ק ח״א דף רכ״ז).

ח״י) דער וואס דערציילט וועגן זיין חבר וויפיל געלט אדער קינדער ער פארמאגט דארף ער אים אנווינטשען דערביי עס זאל נאך מער ווערן (זוה״ק ח״ג קיז, ובאוה״ח דברים עה״כ יוסף ד׳ עליכם).

יט) יעדע זאך וואס א מענטש וויל טוהן זאל ער זאגן ״איך וועל דאס טוהן ״אם ירצה ד׳״ אויב ער האט עפעס פארדינט זאל ער זאגען ״איך האב פארדינט מיטן הילף פון השי״ת״ און אויב ער האט געליטען שאדען זאל ער זאגען עס איז פון הימעל (של״ה דפוס אמשט׳ דף ס׳, אור צדיקים למהרמ״פ).

כ) מ'דארף זייער געווארנט זיין נישט ארויסצוברענגען פון מויל אווארט פון כפירה און אפיקורסות אפילו אלס ליצנות, דאס מיינט: אז אין הארץ גלייבט ער אין באשעפער נאר ער זאגט נאך די רייד פון א כופר אזוי־ווי יענער האט עס געזאגט, כדי צו מאכען ליצנות (געשפעט) דערפון דאס איז א גרויסע איסור און שאַדט פאר די אמונה (ליקוטי עצות — ברעסלב, ערך אמת ס"ק מ"ו, וס' חכמה ומוסר למהרש"ז מקעלם זי"ע דף קפ"א).

כא) מ'טאר נישט בעטן פון חבר: "טוה מיר די זאך למען השם" אויב ער האט א קלער אז יענער וועט עס נישט טוהן (ס"ח תתרצ"ג).

כב) מ'טאר נישט זאגן אפילו פאר א ווערטל: "אזוי האט מען מיר געזאגט פון הימעל" (קיצור חרדים פ"ח או' ס').

כג) עס איז א מצוה צו רעדן ווייעך אפילו צו דעם וואס רעדט מיט זיי הארטע רייד (שם פ"ט או' ב').

כד) מ'טאר נישט מאַנען א חוב פון איינעם וואס האט נישט צו באצאָלען (חו"מ צ"ז ס"ב).

כה) איינער וואס בארגט געלט פון חבר טאר נישט זאגן "יישר כח" נאר "תזכה למצות". (פלא יועץ ערך דיבור).

כו) עס איז מדת דרך ארץ ווען איינער זעהט דעם חבר באשעפטיגט מיט זיין ארבעט זאל ער אים בענטשען און זאגען: "זלאסט מצליח זיין (באגליקע"ן) אין דיין ארבעט (קש"ע קפ"ג ס"ו).

כז) א מענטש זאל לערנען די תורה אפילו די זאכען וועלכע ער פארשטייט נישט און לעתיד וועט ער פארשטיין אלעס וואס ער האט געלערנט אויף דער וועלט און נישט פארשטאנען צוליב זיין קורצען פארשטאנד (הגר"ז ה' ת"ת פ"ב ס"ק י"ב).

כח) מען טאר נישט לערנען — דאווענען — ברכה זאגען דארט ווי עס איז דא א שלעכטע ריח פון מיסט (אשפה) אדער נבילה, אדער אנדערע זאכען וואס מענטשען דערווייטערן זיך פון איר שלעכטען ריח (סי' ע"ט סעי' ח').

כט) אויב איינער זאגט דיר א זאך וואס די האסט שוין געוויסט בלייב שטיל ווילאנג ער ענדיגט, אפשר וועט ער אריינווארפען אינימיטען עפעס נייעס וואס די ווייסט נאכ־נישט, און אפילו אויב נישט שווייג ביז ער ענדיגט ווייל ער האט הנאה פון זיין דערציילען (ארחות צדיקים שער השתיקה).

לערנען תורה:

ל) אויב איינער האט געהערט א הלכה אדער מדרש און הערט עס יעצט נאכאמאל זאל ער נישט פארשטאפען די אויערן פון הערן זאגענדיג: "איך האב שוין געהערט" ווייל אויף דעם זאגט דער פסוק — מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה — (משלי כ"ח ר"ח שעה"ק פ"ט).

לא) די חז"ל זאגען אז דער וואס שפעט אפ פון די רייד פון די חכמים ווערט גע'משפט מיט צואה רותחת, אין דעם ליגט אויך אויב איינער מאכט אוועק א סברא פון די גמרא, רש"י, תוספות, א.ד.ג., (של"ה דפוס אמשט' דף ק"ח).

לב) עס איז נישט גוט צו דערציילען די טעמים פון דינים פאר עמי הארצים, אדער אפילו סתם מענטשען אויב עס איז דא א ערנסטע חשש אז זיי וועלן דורכדעם גרינגהאלטען די מצוה טראכטענדיג אז ביי זיי איז נישט שייך דער טעם (פלא יועץ ערך טעם).

א ערליכער מאן וועט נישט בלויז א סוד נישט פארציילען אפילו אפענע זאכען וועט ער נאר פארציילען פאר דעם וואס איז ראוי צו הערן (גר"א משלי י"א פסוק י"ג).

לג) צוליב דעם זינד פון נישט זאגען ברכת התורה בכוונה איז מען נישט זוכה צו קינדער תלמידי חכמים (מ"ב מ"ז סק"ב, ובריש"י נדרים פ"א ד"ה שאין מברכין).

לד) מען איז נישט מקיים די מצוה פון לערנען תורה (ת"ת) נאר אויב מ'זאגט ארויס די ווערטער מיט'ן מויל, טראכטען איז נישט גענוג, אויסער ווען מ'איז מעיין אין א ענין (שו"ע הגר"ז ה' ת"ת פ"ב ס"ק י"ב, סידור יעב"ץ ה' ת"ת ס"ק י"ב).

לה) מ'טאר נישט איבערהאקען אינמיטען לערנען מיט פרעמדע זאכען, און דער שטראף דערפאר איז צו עסען ברענעדיגע קוילען (ע"ז ג:) און מ'ווערט נאך געשטראפט פארן לערנען אויך (ס"ח תתקמ"ד).

לו) דער וואס פארשעמט א תלמיד חכם, אדער אפילו ער פארשעמט נאר זיין חבר נעבן א תלמיד חכם איז ער א אפיקורס (סנהדרין צט.).

לז) דער וואס שרייבט א ספר זאל געווארענט זיין נישט צו שרייבען קיין שארפע לשונות קעגן אנדערע ספרים און מחברים (ערליכע) (פלא יועץ ע׳ ספר).

לח) קלויב זיך אויס א מצוה וואס מענטשען זענען נישט מקיים וועסטו באקומען שכר דערפאר קעגן אלע וואס האלטען עס נישט (ס״ח סי׳ רס״א).

לט) מ׳טאר נישט אויסלערנען אפילו איין אות פון די תורה פאר א גוי (זוה״ק ח״ג דף ע״ג, צ״א, קיצור חרדים ל׳).

ליידער איז מען נישט געווארענט אין די הלכה אזוי ווי געהעריג, ווען א נאענטער באקאנטער גוי פרעגט אַמאָל און אינטערעסירט זיך אין די איינצעלהייטען פון א מצוה, און מ׳דערציילט אים אלעס (ישרת לב דף ט׳).

מ) מ׳טאר אויך נישט זאגען קיין דברי תורה פאר א פרייען איד (חילוני) ווייל מ׳איז מכשיל מיט הערן דברי תורה אָהנע ברכת התורה (בית יחזקאל דף קכ״ז).

מא) מ׳טאר נישט פירען קיין ויכוחים (דעבאטע״ס) מיט א אידישען אפיקורס ווייל ער וועט נאך ערגער ווערן (סנהדרין ל״ה).

מב) איידער מ׳גייט דרש׳נען פאר א ציבור דארף מען עטליכע מאל איבערגיין די דרשה פאר זיך אזוי־ווי השי״ת האט געטוהן (מדרש רבה שמות פ״מ סק״א).

מג) מ׳טאר נישט לערנען באקוועם אנגעלענט נאר זיצענדיג באימה וביראה, אדער שטייענדיג (של״ה דפו׳ אמשט׳ דף קפ״ה). אויסער ווען מ׳מוז ליגען אין בעט, אדער ביינאכט ביז מ׳שלאפט איין (שם, ואגד״כ ע״ו).

מד) יעדער מענטש איז מחויב צו בעטן פאר עסענ׳ס (פרנסה) בעפאר ער זעצט זיך עסען די סעודה (זוה״ק בשלח דף ס״ב, אור צדיקים סי׳ כ״ג או׳ ז׳, ועי׳ כה״ח סי׳ קנ״ז י״ב).

מט) דער האריז״ל האט דערגרייכט אלע זיינע הויעכע מדריגות דורך פרייען זיך מיט די מצוות (שער הכוונות למהרח״ו ז״ל דף ב׳).

נ) יעדע רגע וואס א מענטש פארמאכט זיין מויל פון רעדן וועט ער צוליב איר

זוכה זיין צו א גרויס ליכטיגקייט וואס אפילו א מלאך קען זיך דאס נישט פאַרשטעלן (הגר״א בעלים לתרופה בשם המדרש).

נא) יעדע סעקונדע (רגע) וואס א מענטש היט זיך פון רעדן איז ער מקיים צענדליגע מצות לשון הרע — רכילות — שקר — גניבת דעת — חנופה — ליצנות — אונאת דברים — הלבנת פנים — גאוה — מחלוקת — כעס, און נאך (חפץ חיים בסו״ס שמירת הלשון).

נב) מען טאר זיך נישט אראפשטעלן שמוסען אויף די גאס מיט א פרוי אפילו מיט זיין אייגענע פרוי — שוועסטער — טאכטער, (רמב״ם ה׳ דעות פ״ח ה״ז).

נג) ווען איינער ווערט באגריסט איז נישט גענוג וואס ער ווינקט בלויז צוריק מיטן קאפּ, נאר ער מוז צוריק-גריסען מיטן מויל (בעל פלא יועץ בספרו בחסל״א סי׳ ק״נ סק״ח).

נד) מ׳טאר נישט רייכערן צופריה ווען מ׳כאפּט זיך אויף ביז נאך נטילת ידים. (ארצה״ח סי׳ ד׳, ומ״ב ס״ק י״ד).

נה) מ׳טאר נישט רייכערן צווישען א ברכה און די מצוה (דכ״ת יור״ד סי׳ י״ט).

נו) ביים עסען אפילו אין די וואכענטעג זאל דער טיש זיין פארדעקט מיט א טישטעך (סי׳ האריז״ל המכונה ר׳ אשר בסדר סעודת ת״ח).

נז) מקנח זיין אין ביה״כ זאל מען דירעקט מיט וואסער כדי מ׳זאל קענען זיין ריין הונדערט פערצענט להלכה (באה״ט סו״ס ג, בשם האריז״ל, חסל״א סי׳ ג׳, מ״ב סי׳ ע״ו ס״ק ח׳-י״ט).

נח) מ׳טאר נישט ארײנלייגען די פינגערס פון די רעכטע האנט צווישען די פינגערס פון די לינקע האנט (האריז״ל, בשעה״מ למהרח״ו זלה״ה פ׳ עקב, ט״ז בסי׳ צ״א באו״ח).

נט) מ׳טאר נישט דאווענען מיט הענטשו״ך (ב״ח, עט״ז, מ״ב סי׳ סו״ס צ״א).

ס) אפילו דארט ווי מ׳גייט נישט מיט א גארטעל א גאנצען טאג איז א מדות חסידות צו האבען א גארטעל ביים דאווענען (מגו״ב סי׳ צ״א מובא במ״ב שם או׳ ד׳).

סא) אויב איינער נעמט ארויס א כלי פון יענעם אָהן זיין וויסען און באנוצט זיך דערמיט איז ער א גזלן (רמב״ם ה׳ גניבה פ״א, חו״מ ה׳ גזילה).

סב) מ׳טאר נישט שלאגען א אייגען קינד מיט אכזריות אויפן קאפּ אדער אויג אויב ער קען ווערן דערפון א בעל מום, נאר אויף א אומשעדליך ארט (פלא יועץ ערך הכאה).

סג) אויב מ׳שלאגט איינעם נישט אויף ערנסט נאר ווי א געלעכטער איז מען עובר א לאו (חסד לאלפים לבעל פלא יועץ קנ״ו ס״ק כ״א).

סד) השם יתברך האט באַשאַפען די פינגער פון מענטש שפיציג כדי אויב ער הערט ווערטער וועלכע מ׳טאר נישט הערן זאל ער ארייגלייגען די פינגער אין די אויערן (כתובות ה׳).

סה) מ׳טאר נישט לאזען די נעגל וואקסען גרויס, ווי גרעסער זיי ווערן וואקסט די מדת הדין אויף אים (זוה״ק ח״ב דף ר״ח).

סו) די נעגל פון די הענט דארף מען אפשערן יעדן ערש״ק, און פון די פיס דאנערשטיג (מ״ב ר״ס סק״ו). גרויסע נעגעל קענען זיין א ערנטסע חשש פון חציצה ביי נטילת ידים (עי׳ א״ר ומחצה״ש סי׳ קס״א בתחלתו).

סז) סיי ווען מ׳מאכט די ברכה בורא מיני בשמים מוצאי שבת, סיי ביי די ברכה פון בורא מאורי האש דארף מען האלטען דעם כוס ווייַן אין די לינקע האנט (או״ח סי׳ רצ״ו).

סח) דער סדר פון קוקען אויף די נעגל ביי בורא מאורי האש איז פאלגענד: צוערשט בייגט מען איין די פיער פינגער אויפן האנט מיט דעם דיקסטען (דא״ם) פינגער צוגעדעקט מיט די איבריגע פיער, און מ׳קוקט אויף די נעגל, נאכדעם דרייט מען אויס די האנט און מ׳עפנט די פינגער זיי זאלען שטיין גראָד אבער דער דיקער פינגער טאר זיך נישט ארויסווייזען ער דארף בלייבען דארט ווי פריער איינגעבויגען אונטער די האנט (שער הכוונות למהרח״ו ז״ל דף ס׳ והפוסקים סי׳ חד״ר בשם האריז״ל).

סט) מען טאר נישט ארויסרייסען פון דער ערד קיין שום געוואקס נאר אויב עס פעלט אויס (של״ה דפוס אמשט׳ דף ס״ה,).

ע) מ׳טאר נישט גיין קוקען וויאזוי מענטשען מאכען אויגען פארבלענדענישן, דאס מיינט די וואס מאכען פארשידענע קונצען וואס קוקן אויס פארן אויג ווי אומנאטורליכע זאכען ווערן געמאכט און עס איז בלויז פארבלענדעניש (יור״ד קע״ט ט״ו).

עא) דער וואס האלט זיך צוריק פון טוהן זיינע באדערפענישען ווען עס פעלט אויס (צרכי ביה״כ) איז עובר די עבירה פון בל תשקצו (או״ח סו״ס ג׳).

עב) אזוי־ווי אידען זענען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים אין זכות וואס יעדער איינער האט געהאט אסאך קינדער כאטש עס איז זיי שווער אנגעקומען, דאס זעלבע לעתיד וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן אינעם זכות וואס זיי האבען אסאך קינדער (תדבא״ז פי״ד).

עג) האבן אסאך קינדער איז מער באליבט ביי השי״ת ווי דאס בית המקדש (ירושלמי כתובות פ״ה ה״ז).

עד) משיח צדקינו קען נישט קומען ווילאנג אלע נשמות פונ׳ם אוצר נשמות קומען אראפ אויף די וועלט (יבמות ס״ב).

עה) מ׳טאר נישט דורכגיין שבת א קליין וואסער טאמער וועט ער זיך אויסגליטשען און נאס מאכען וועט עס צוקומען צו סחיטה (סי׳ ש״א ובש״ע הגר״ז שם).

עו) אויב עס איז דא א בלאָטע אינמיטען וועג מעג מען עס איבערטרעטן מיט גרויסע טריט (קו״א לשו״ע הגר״ז סי׳ ש״א), אדער ווען עס איז א גרויסער רעגן — אדער שטארקע ווינט (מנח״ש סי׳ פ׳ סק״ג).

עז) אויב איינער ווייסט א גוטע בשורה פאר א אידיש קינד זאל ער שנעל לויפען אנזאגען די בשורה (של״ה שער האותיות או׳ ב׳).

עח) ווען איינער באעזוכט דעם חבר אויב ער האט נאר די מינדעסטע חשש אז ער איז שווער פאר יענעם זאל ער אוועק גיין פון דארט, צו דעם דארף מען האבען געהעריג שכל ווייל טיילמאל דאכט זיך אים אז עס איז אנגענעם פארן חבר צו פארברענגען מיט אים, און ביז דערווייל קומט עס אים אָן זייער שווער, בעסער מען זאל זאגען ״וואס פאַראַ קורצע באזוכער איז ער״ ווי מ׳זאל זאָגען וואס פאַראַ לאנגע פארברענגער איז ער (פלא יועץ — ערך מניעה).

עט) עס איז דא מער שכר (באלוינונג) פאר באגלייטען א אורח ווי אריינעמען דעם אורח, און דער וואס באגלייט נישט איז א שופך דם (רמב"ם ה' אבל פי"ד ה"ב).

פ) דער וואס לערנט נישט און דינט נישט דעם באשעפער אין זיין פרייע צייט וועט ער מוזען אפגעבן דין וחשבון אויך אויף זיין פארנומענע צייט (פלא יועץ — ערך השכמה).

פא) א תלמיד חכם זאל נישט לויפען אין גאס אזוי־ווי די משוגעים (רמב"ם ה' דעות פ"ה ה"ח).

פב) דער וואס לויפט אקעגן א ארימאן וועט ער האבען קינדער תלמידי חכמים וואס זענען מקיים מצות (מסכת ד"א זוטא פ"ט).

פג) אפילו ווען מ'טוט זיך איבער די מלבושים (קליידער) טאר מען נישט אויפדעקן דעם קערפער די פלעצער וועלכע זענען שטענדיג פארדעקט, נאר מ'דארף זיך איבערטוהן אינטערן דאכענע (קאלדר"ע), אדער אין מקוה (או"ח סי' ב').

פד) אין בית הכסא טאר מען זיך נישט אויפדעקן ביז מ'זיצט שוין (דרך ארץ רבה פ"ז, או"ח סי' ב').

פה) דער איסור אז א מאן זאל זיך נישט אנטוהן קיין פרויען קליידער, אדער א פרוי זאל זיך נישט אנטוהן מענער קליידער, איז אפילו מיטן אנטוהן בלויז איין בגד כאטש מ'דערקענט אויף די איבריגע קליידער אויב עס איז א מאן אדער א פרוי (יור"ד קפ"ט ס"ה).

פו) פון די וואס לאזען וואקסען לאנגע האר איז דאס א חציצה פאר תפלין, און מ'קען נישט צופאסען אויפן פלאץ געהעריג די תפלין (מ"ב כ"ז ס"ק ט"ו).

פז) מ'טאר נישט ארויסגיין אין גאס שבת אזוי־ווי אינדערוואכען אָהנע איין מלבוש וואס דורך איר זאל ער זיך דערמאנען אז עס איז שבת און נישט מחלל זיין (סי' ש"א סעי' ט"ז).

פח) לויט די פארב פון קליידער וואס א מענטש טראגט שבת אויף דער וועלט אזוי וועט ער זיין אנגעקליידעט נאך זיין פטירה שטענדיג, שבת (שער הכוונות למהרח"ו ז"ל דף ס"ג).

פט) די יום טוב׳דיע קליידער זאלען זיין שענער ווי די שבת׳דיגע (או״ח תקכ״ט א׳).

צ) עס איז א גוטע מנהג מ׳זאל האבען דריי סארט קליידער אויסער די וואכעדיג׳ע שבת, ימים טובים, חנוכה־פורים־ראש חדש (צוואת יש נוחלין אבי השל״ה ז״ל, פרק אזהרות התשובה).

צא) די קורצע קליידונג (אפילו ביי מענער) איז געמאכט פאר די ליידיג־גייער, און אויסוואָרפען אבער די לאנגע זענען פאר איידעלע און ערליכע אידען (אלה המצות למהר״ם חאגיז זצ״ל, מהרי״ל בליקוטים, מובא בדחו״ש סדר ערב שבת).

צב) א היט וואס מ׳טוט אָן שבת דארף זיין שטארק צוגעדריקט צום קאפּ אז א ווינט זאל אים נישט אראפבלאזען (ש״א מ״ב ס״ק קנ״ג).

צג) מ׳דארף זייער געווארענט זיין ביי קנעפּלעך וואס ווערן לויז מ׳זאל נישט געבן א צו דעם פאדים צו שטארקן שבת (ח״א ה׳ שבת כלל כ״ח סק״ה).

צד) א פרוי טאר קיינמאל נישט זיין מיט אלע צירונג צוזאם (או״ח תק״ס ס״ב).

צה) עס איז א וויכטיגע מ׳זאל נישט אוועקפארען קיין שום אלטען חשבון כאטש עס איז שוין אויסגעצאלט, ווייל מ׳קען נישט וויסען אויב עס וועט קומען א צייט וואס מ׳וועטך עס דארפען (של״ה דפוס אמש׳ דף ס״ג).

צו) א מענטש זאל אראפּשרייבען אלע זיינע חשבונות וואס מ׳איז אים שולדיג און וואס ער איז שולדיג פאר אנדערע, (פלא יועץ — ערך זכרונות).

צז) א תלמיד חכם דערקענט מען לויט זיין בייטעל (מס׳ דרך ארץ זוטא פ״ח). דאס מיינט: זיי זענען מדקדק אויף זיך ווען זיי קויפען עפּעס צו באצאלען וויפיל די זאך איז ווערט, און מוטשען נישט צו קויפען ביליגער ווייל אַמאָל טוט דער סוחר פארציכטען צוליב בושה, און דאס ווערט פארעכנט פאר גזל און חילול ד׳.

און ווען ער האט חובות באצאלען זיי באלד אָהנע זוימען זיך (פי׳ אורות אילים, שם לבעל פלא יועץ זצלה״ה).

צח) א מענטש וואס ווייסט ביי זיך אז ער איז קליין אין תורה און אין חסידות אבער די וועלט האלט אים גרויס אין תורה וחסידות, אויב ער טוט אפילו א קלייניקייט וואס פאסט נישט פאר אַזאַ מענטש הייסט דאס חילול השם (הגרחיד"א זצ"ל בס׳ דבש לפי ערך חילול ד׳).

צט) צייטונגען אדער בוכער וואס האבען אפיקורסות אדער מיאוסע זאכען טאר מען נישט פארקויפען (מ"ב סי׳ ש"ז ס"ק ס"א, שו"ת מחנה חיים ח"א סי׳ א׳, שו"ת צפנת פענח ח"ד סי׳ רע"ו סק"ד, דרחו"ש סי׳ תתע"א).

ק) א זאך וואס איז ג׳גנבעט זאל מען נישט קויפען (קש"ע קפ"ב סק"ח סק"ח).

קא) מ׳טאר נישט הנאה האבען פון יענעמ׳ס אפילו מ׳ווייסט זיכער אז ווען די בעלי בתים וועלן געוואָר ווערן וועלן זיי הנאה האבען, און מענטשען ווייסען דאס נישט איז דאס א מצוה מפרסם צו זיין (קש"ע קפ"ב י"ג).

דאס אייגענער איז אויב דער חבר האט אים איבערגעגעבן זיין דירה, טאָר ער נישט נוצען נאר זאכען וואס ער האט אים בפירוש געגעבן רשות (שו"ת פאר ישראל חו"מ סי׳ ט׳).

קב) איינער וואס באָרגט אזאך אָהנע וויסען פון חבר הייסט א גזלן (חו"מ שנ"ט ס"ה).

קג) עס איז א דאפעלטע עבירה צוצידריקען א געדינגענעם מענטש נאכן פארענדיגען זיין ארבעט אז ער זאל אים אראפלאזען דעם פרייז, ווייל בעפאר ער הייבט אָהן האט ער נאך א ברירה אפצוזאגען אויב ער איז נישט צופרידען און ער שעמט זיך נישט אבער ווען ער איז פארטיג איז ער צו שוואך זיך קעגן־שטעלן דעם דרוק פון אראפלאזען דעם פרייז, אין דער אמת איז דאס אבער גזל (אהבת חסד לחפץ חיים זצ"ל).

קד) דער וואס איז מכבד דעם חבר צוליב געלט, ענדיגט זיך עס מיט בזיונות (אדר"נ פכ"ט).

קה) מ׳טאר נישט האבען קיין שום שייכות מיט א רשע אפילו אים צו דערנענטערן צו תורה (רבינו יונה בשע"ת שער ג׳ ס"ק נ"א, מכילתא יתרו פ"א, אדר"נ פ"ט).

קו) מ׳טאר נישט בארגען קיין געלט אָהנע עדים אדער שטר אפילו פאר א תלמיד חכם (חו״מ סי׳ ע׳ ס״א).

קז) א מצוה מוז מען באצאלען נישט טוהן אומזיסט (זוה״ק ח״ב דף קכ״ה, ח״א כלל ס״ח ס״ק ט״ז).

קח) דער האריז״ל פלעגט זיך נישט דינגען אויף א פרייז פון א מצוה נאר פלעגט באצאלען וויפיל מ׳האט געבעטן (שער המצות למהרח״ו ז״ל).

קט) פונקט ווי עס איז א מצוה אכטונג צו געבן אויפן גוף עס זאל נישט געשעדיקט ווערן אזוי דארף מען אויך אכטונג געבן אויפן געלט און פארמעגן נישט צו פארלירען (שו״ע הגר״ז ה׳ שמירת הגוף).

קי) דער וואס צוברעכט א כלי, אדער צורייסט א קלייד, אדער צוברעכט א געבוי, ווארפט אוועק עסען און געטראנק וועלכע זענען נאך ראוי צום נוצען, אדער דער וועלכער פארדארבט אנדערע זאכען וואס איז ראוי אז מענטשען אלען פון איר הנאה האבען איז עובר א לאו (שם).

קיא) אפילו די ווערט פון איין פרוטה טאר מען נישט פארשווענדען אומזיסט (שערי תשובה שער ג׳ ס״ק פ״ב, אורחות צדיקים שער הציקנות).

קיב) דער וועלכער געט א מתנה פאר א עושר איז א חוטא (זינדיגער מענטש) עס ווייזט אז ביי אים איז ביליג מצות צדקה פאר א אָרימאַן (רבינו יונה משלי פכ״ב פסוק ט״ז).

קיג) א מענטש דארף גלייבען ווען ער טוט לשם שמים געט מען אים זיינע געברויכען פון הימעל (סוף פלא יועץ — ערך ותרנות).

קיד) תלמידי חכמים מיט זייערע ווייבער און קינדער זענען מחויב אכטונג געבן אויף זייערע הוצאות נישט אויסצוגעבן נאר אויף וויכטיגע זאכען וואס מ׳קען זיך נישט באגיין אָהנע דעם (פלא יועץ — ערך כיליות).

קטו) דער יצר הרע שטארקט זיך מער אויף געלט ווי אויף זאכען וואס מ׳דארף זיך אנשטרענגען קערפערליך (ט״ז יור״ד ר״ג סק״ה).

קטז) מצות מעשר איז נישט די זעלבע ווי צדקה (מקור היראה רי״ג, צוואת יש נוחלין בהג׳ בן השל״ה ז״ל, יור״ד רמ״ז ס״ד ברמ״א).

מצות מעשר באדייט אפצושיידען שטענדיג פון די פארדינסטען א צענטעל, אפילו אויב יעצט שטייט נישט דא אַ אָרימאן, צדקה מיינט אפילו מ׳האט שוין אויסגעטיילט אלע מעשרות און יעצט שטייט דאָ אַ ארימאן און בעט דארף מען אים געבן לויט די מעגליכקייטען (שאילת יעב״ץ, שו״ת אבני צדק — סיגעט).

קיז) א עושר מעג געבן פאר צדקה מער ווי א פינפטעל (חכ״א כלל קמ״ד סק״י).

קיח) מיט צדקה פאר א נישט ערליכען איז מען נישט מקיים מצות צדקה (משנ״ח מש״ס ב״ק ט״ז, סוכה מט.).

קיט) דער וואס האט רחמנות אויף די אכזריים, ווערט נאכדעם א אכזר אויף די רחמנות׳דיגע. (חרדים פ״א ל״ת שבלב ס״ק ל״ה).

קכ) ווען השם יתברך רעכענט אויס וויפיל צדקה א מענטש האט געגעבן, רעכנט מען וויפיל ער וואלט געקענט פארדינען אויב ער וואלט דאס געלט אריינגעשטעלט אין ביזנעס און דאס גאנצע ווערט צו־געשטעלט צו זיין חשבון פון צדקה (ס״ח שכ״א).

קכא) א טויער וועלכע עפענט זיך נישט פארן ארימאן וועט זיך עפענען פארן דאקטער (מדרש שה״ש פרשה י׳ ס״ק י״ז).

קכב) בעסער צו טוהן אביסעל צדקה פון אייגענע געהארוועטע געלט, ווי צו רויבען און טוהן צדקה פון פרעמדע געלטער (מדרש קהלת רבה פ״ד).

קכג) ארימעלייט וואס דער באשעפער האט באשאפען איז כדי אונז זאלען מיר געראטעוועט ווערן פון גיהנם (ב״ב י׳).

קכד) עס איז מקובל אז די וואס בארגען נישט אוועק זייערע ספרים פאר אנדערע וועלן עס נישט איבערלאזן פאר זייערע קינדער ח״ו (פלא יועץ — ערך נדיבות).

קכה) מ׳טאר זיך נישט ארויסדרייען מיטן רוקען צו א ס״ת (יור״ד רפ״ב ס״א).

קכו) מ׳טאר נישט נוצען יענעם׳ס ספר אָהן זיין רשות, ער הייסט א גזלן (חו״מ שנ״ט ס״ה).

עס האט קיין שום היתר נישט, (מ״ב או״ח י״ד ס״ק ט״ז, ערוה״ש חו״מ שמ״ב א, קש״ע קפ״ה סק״א).

קכז) אלטע ספרים וועלכע ברעקלען זיך דארף מען די אלע שטיקלעך באהאלטען אויף א אפגעהיטען פלאץ (מ״ב קנ״ד י״ב).

קכח) מען טאר נישט ווארפען קיין הייליגע שריפטען, און מ׳טאר עס אויך נישט איבערדרייען אויפן פנים, נאכמער אויב איינער טרעפט א ספר איבערגעדרייט זאל ער עס צוריק־דרייען (יור״ד רפ״ב ס״ה).

די אלע וואס דרייען איבער דעם ספר וועט זיי ווילען אוועק־גיין פון פלאץ וועלן מוזען אפגעבן דין וחשבון אויף דעם (שיו״ב שם).

קכט) מ׳טאר נישט זיצען אויף א בעט אדער באנק־בענקל וואס אויף איר ליגט א ספר תורה אדער אנדערע ספרים (רפ״ב ס״ז) נאר אויב די ספרים ליגען אויף אזאך וואס איז הויעך כאטש איין טפח (שם).

קל) א מענטש זאל זיך נישט אָהנלענען מיט זיינע צוויי עלענבויגען אויף א ספר (שם).

קלא) א ספר זאל מען איבערנעמען — איבערגעבן — האלטען מיט די רעכטע האנט (ס״ח ק״ט).

קלב) אויב מ׳טרעפט א ספר איבערגעדרייט דארף מען א קוש געבן און צוריק־דרייען (בית לחם יהודה בגליון יור״ד שם בשם ס״ח).

קלג) אויב עס פאלען אראפ מערערע ספרים אויף דער ערד און מ׳הייבט זיי אויף זאל מען נישט קושען יעדע איינע ביים אויפהייבען נאר קודם אויפהייבען אלע און נאכדעם קושען, (שם).

קלד) אויב מ׳וויל שטיל מאכען א גערודער אין ביהמ״ד א.ד.ג. זאל מען נישט קלאפען אויף א ספר, אדער קלאפען אנדערע מיט א ספר (שם).

קלה) מ׳טאר נישט ארייגלייגען איין ספר אין צווייטען כדי מ׳זאל שפעטער נישט מוזען זוכן דעם פלאץ, און מ׳טאר אויך נישט באהאלטען קיין שום זאך אין א ספר (פת״ש יור״ד רפ״ב ס״ק י״ז).

קלו) די ספרים פון די אחרונים (שפעטער׳דיגע גדולים) זאל מען נישט ארויפלייגען אויף די ספרים פון די ראשונים (פריער׳דיגע גדולים) נאר ווען מ׳לערנט (ערוה״ש יור״ד רפ״ב כ״ג).

קלז) דער וואס מאכט קאליע (מאבד) הייליגע ספרים איז ער מחויב מכות (רמב״ם ה׳ יסודי התורה פ״ו ה״ח).

דערפאר זאל מען געווארענט זיין נישט איבערצולאזען ספרים אויף פלעצער אדער אומשטענדען וואס זיי ווערן קאליע, 1) אינדרויסן ווי עס קען צוקומען זון אדער רעגן 2) אין די הענט פון קליינע קינדער וואס צורייסען אלעס 3) אויף א פלאץ ווי עס קען לייכט אראפ־פאלען און צוריסען ווערן 4) אויפגעפאקט הויעך מערערע ספרים דאס באנד ווערט שוואך, און זיי קענען לייכט אַראָפ־פאַלען 5) נישט ליגען אויפן ספר ביים לערנען.

קלח) מ׳טאר נישט פארקויפן ספרים נאר צו לערנען תורה אדער חתונה צו האבען (מ״ב סי׳ קנ״ג ס״ק ס״ב).

קלט) עס איז דא קהילות וואס פארמאגען אין ארון הקודש צוואנציג ספרי תורה און נאך־מער און זיי ציטערן ח״ו פון פארקויפן א ס״ת, וואָלטען זיי געהאט שכל וואָלטען זיי פארשטאנען אז בעסער צו פארקויפען די איבריגע ספרי תורה וואָס ווערן פארשימעלט אין היכל און קויפען אויף זייער פלאץ ספרים פאר ארימע קינדער צו לערנען אין זיי (חסל״א לבעל פלא יועץ או״ח סי׳ ק״ן).

✡ ✡ ✡